00-1143

ISBN:0-657-12178-9

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12178

TSVISHEN SINAY IN ZANZIBAR

S. Gottlieb

Permanent preservation of this book was made possible
In memory of Dora D. Feins

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/tsvishnsinayunza00gott

ש. גאָטליב

DISCARDED

צווישן

סיני און זאַנזיבאַר

טאָגבוך פון אַ רייזע
איבער מזרח־אַפריקע

(מיט אילוסטראַציעס און מאַפּעס)

3242 6 557
THE CHICAGO PUBLIC LIBRARY

פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער"
1938 װאַרשע

DEPOSIT
COLLECTION

Yid 916.7
G7t cop. 1

DISCARDED

הילע-פאָטאָמאָנטאַזש : ש. פייגענבוים

438872

3 14 38

SZ. GOTTLIEB
Cwiszn Synaj un Zanzibar

Wydawn. „Literarisze Bleter"
Warszawa — 1938

Druk. „Grafia", Nowolipki 7.

פאָרוואָרט

אזוי ווי דאָס דאָזיקע בוך, אין וועלכן איך באַריר אויך די פראַגע פון דער עווענטועלער יידישער קאָלאָניזאַציע אין מזרח-אפריקע, ווערט אַרויסגעלאָזן גראָד אין אַ מאָמענט, ווען דער גורל פון דער יידישער מלוכה אין ארץ ישראל האַלט פאַר דער אַנטשיידונג, געפין איך פאַר נויטיק צוצוגעבן די פאָלגנדיקע באַמערקונגען:

1) איך גלויב, אַז היינט קאָן מער נישט זיין קיין רייד וועגן אַן אַלטערנאַטיוו: ארץ ישראל אָדער אַן אַנדער לאַנד. דער גרויסער טייל פון דער יידישער וועלט שטייט היינט צו טאָג דעצידירט אויף דער זייט פון די חלוצים און פון די אַלע, וואָס בויען דאָס יידישע לאַנד. קיין שום אַנדער לאַנד אויף דער וועלט (מעג עס זיין נאָך אַזוי גרויס און שיין!) וועט ביים יידן נישט פאַרטרעטן ארץ ישראל.

2) מען מוז זיך אָבער אָפּגעבן רעכענונג, אַז די יידישע מלוכה אין ארץ ישראל, ווען זי וועט אפילו געשאַפן ווערן אין די ברייטערע גרענעצן, וועט נישט פאַרענטפערן אין דער פולער מאָס די יידישע עמיגראַציע-נויט. מוז מען דעריבער שוין באַצייטנס אַ טראַכט טון וועגן אַן אָרט, וווהין צו ווענדן דעם עודף פון דער יידישער עמיגראַציע, וואָס וועט נישט געפינען קיין פּלאַץ אין דער יידישער מלוכה.

3) קיין שום זאַך איז מיר נישט אַזוי פרעמד ווי דער „עמיגראַציאָניזם", אַלס אידעאָלאָגיע, ווי מען האָט אים מיט אַ צייט צוריק געפּרווט לאַנסירן אין דער יידישער גאַס. אָבער דאָס באַדייט נישט, אַז מען קאָן זיך מאַכן נישט זען די עקזיסטירנדיקע עמיגראַציע-באַדערפעניש פון די יידישע מאַסן אין פאַרשידענע לענדער.

4) דער ביישפיל פון דער דרום-אפריקאַנישער אוניע און פון אַ ריי לענדער אין דרום-אַמעריקע, וווּ עס איז אין די לעצטע יאָרן אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג באַווייזט, אַז דאָס צושפּרייטן די יידישע עמיגראַציע איבער פאַרשידענע שטעט פון ערד-קוגל רופט אַרויס אַ סך זייער אומגעווונטשענע דערשיינונגען.

דערפון דאַרף מען דרינגען, אַז דער בעסטער וועג אויף צו זיכערן דעם עמיגראַנט אַ רויִקע צוקונפט איז — צו באַזעצן אים אין די ראַמען פון אַן אָפּגעשלאָסענעם יידישן ישוב אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע.

5) לויט מיין טיפער איבערצייגונג איז קעניא א לאנד, וווּ מען וואָלט געקאָנט ביי געוויסע אָנשטרענגונגען באַזעצן א גרעסערע צאָל יידישע אימיגראַנטן און שאַפן דאָרט א קאָנסאָלידירטן יידישן ישוב. אין א לאַנד, וואָס איז כמעט אַזוי גרויס ווי פּוילן און האָט סך הכל דריי מיליאָן שוואַרצע און ווינציקער ווי 20.000 ווייסע איינוווינער, קאָן מען נאָך א סך אויפטון. פאָרמעל זענען ביי הייַנטיקס טאָג נישטאָ קיין שום מניעות אויף אָנצוהויבן א גרעסערע קאָלאָניזירטעטיקייט אין קעניא, ווי עס איז צו זען אויך פונם בריוו פון אָפיציעלן קעניא-פאָרשטייער אין לאָנדאָנער קאָלאָניאַל-אַמט (זע זייט 180).

6) דאָס אַנטשטיין פון א גרעסערן יידישן קבוץ אין מזרח-אַפריקע וועט הן ווירטשאַפטלעך, הן אפילו פּאָליטיש קאָנען האָבן א גיסטיקע השפעה אויף דער יידישער מלוכה אין ארץ ישראל און דעריבער האַלט איך, אַז דעם ענין „אוגאַנדע" (ריכטיקער: קעניא) דאַרף מען באַהאַנדלען אין דער זעלבער צייט, ווען עס וועט געלייזט דאָס ארץ-ישראל-פּראָבלעם.

דער מחבר

תל־אביב — מאָמבאַסאַ

דורך דעם מדבר סיני

קאַנטאַראַ, 28־טן מערץ

שווער איז מיר אָנגעקומען צו געזעגענען זיך מיט תל־אביב און דאָס גראָד סאַמע ערב־פּסח אין דער פרי. זאָל מען אויסרעדן אויף תל־אביב וויפל מען וויל; זאָל איינער טענהן, אַז תל־אביב איז געבויט אָן טעם און דער מיש־מאַש פון די בוי־סטילן רייצט דאָס אויג; זאָל אַ צווייטער אויסרעדן, וואָס אין דער קאָרט אויף דעם משונהדיקן לעבנס־טעמפּאָ פון תל־אביב, — מיר וועט מען אָבער תל־אביב נישט פאַרמיאוסן. איך האָב ליב תל־אביב פון דעם ערשטן מאָל, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט איר און איך וואָלט קיינמאָל נישט מיד גע־וואָרן צו זיצן אין דער דאָזיקער שטאָט, שפּאַצירן ביי איר שיינעם ים אָדער גאָר שטיפן צוזאַמען מיט דעם גאַנצן עולם אין אירע אַזוי ליבע קאַפע־שטיבלעך און טאַקע גרויסע קאַפע־הייזער, וואָס ווין און בערלין וואָלטן זיך מיט זיי נישט גע־דאַרפט שעמען.

פרייטיק אין דער פרי.

תל־אביב ברענגט אַריין דעם פּסח אין אירע מויערן.

דאָס גרויסע שפּייז־געשעפט אויף מיין גאַס האָט זינט נעכטן אין אָוונט אינגאַנצן געביטן דאָט אויסזען. פאַרשווונדן יעדער חמץ. היינט איז די קראָם ניי דעקאָרירט, יום־טובדיק. און די חנעוודיקע מצה־פּעקלעך פון די ארץ־ישראלדיקע גרויסע מילן ווינקען צו דעם דורכגייער, ער זאָל אַריינגיין און קויפן, אויב עס פעלט אים נאָך עפּעס אויף יום־טוב.

אין די געשעפטן איז היינטיקן פרייטיק פון גאַנץ פרי אַ שטאַרקע באַוועגונג.

נישט יעדער האָט צייט פריער צו מאַכן זיינע קניות, האָט ער עס אָפּגעלייגט אויף דער לעצטער מינוט. גענוג צו וואַרפן אַ בליק אין וועלכן עס איז געשעפט, כדי צו זען, ווי די פּערסאָנאַלן זענען אומעטום פאַרטון מיט אַרבעט.

און דאָס גרויסע בלומען־געשעפט אויף אַלענבי האָט זיך היינט געעפנט פריער ווי געוויינלעך.

איך האָב שוין פאַר מיינע אויגן דאָס בילד, ווי תל־אביב וועט אויסזען היינט פאַרנאַכט; ווי פייערלעך און שיין זי וועט אויפנעמען דעם יידישן פרייהייטס־יום־טוב.

פריינט באַגעגענען מיך:

— היינט דערוואַרטן מיר אייך ביי זיך צום סדר...

און פון ירושלים קלינגט דער טעלעפאָן:

— קומט היינט צו אונז מיט דעם אויטאָבוס בייטאָג, זייט ביי אונז צום סדר...

אין ארץ־ישראל לאָזט מען נישט דעם „גאַסט״ אַליין. דעם יום־טוב מוז ער מיטפּייערן ביי אַן אָרטיקער פאַמיליע.

אָבער איך מוז אָפּזאָגן.

איך וועל נישט קומען, איך קאָן נישט, ווייל גראָד היינט מיט דעם ערשטן מאָרגן־צוג מוז איך אָפּפאָרן קיין מצרים.

זיי־זשע מיר געזונט, תל־אביב, און צום ווידערזען אין פריידן !...

ביי דער באַן־סטאַציע אין תל־אביב וואַרט אַ גרעסערער עולם. די אויטאָבוסן וועלן היינט, ערב־יום־טוב, זיין מסתמא איבערפולט, — באַנוצט זיך דער עולם, וואָס וויל צוריקפאָרן קיין רחובות און אַ טייל אַנדערע מקומותביים וועג, מיט דער באַן.

אין לוד גיי איך אַריבער אין צוג, וואָס פאָרט דירעקט קיין מצרים, אַזוי אַז איך זאָל היינט פאַרנאַכט זיין אין פּאָרט־סאַאיד.

דער צוג דאַרף שוין באַלד אָפּגיין, ווען עס ווערט ביי דעם איינציקן וואַגאָן פון צווייטער קלאַס, וואָס פאָרט דירעקט קיין קאַנטאַראַ, פלוצלונג אַ גערודער. פאַר מיין וואַגאָן־פענסטער

דערזע איך אַ גרעסערע גרופּע אַראַבער, וואָס גענואַלדעוועט און מאַכט משונהדיקע העוויות.

נאָך איידער איך האָב זיך אָריענטירט וועגן וואָס דאָ גייט, קומט אַריין אין מיין קופּע דער קאָנדוקטאָר און בעט מיך אין אַ לשון, וואָס באַשטייט פון ענגלישע און העברעאישע ווערטער, אַז אַזוי ווי איך בין דאָ איין פּאַסאַזשיר, זאָל איך מוחל זיין און אַריינגיין אין אַ צווייטן קופּע, ווייל אַהער דאַרפן אַריינקומען חשובע לייט...

פון דעם וואָקזאַל-טונעל זענען דערווייל אַרויפגעקומען צוויי הויכע ברייט-ביינעקע נעגערס מיט ווייסע טורבאַנען אויף די קעפּ און אַרומגעהילט פון פּילבאַרביקע בגדים. איך בין זיך משער, אַז אָט דאָס מוזן זיין די שררות, וואָס דער קאָנדוקטאָר האָט אָנגעקינדיקט און דעריבער עקשן איך זיך איין:

— איך האָב באַצאָלט פאַר אַ באַן-בילעט צווייטע קלאַס, און אַזוי ווי אויף דער טיר פון קופּע איז נישט געווען באַמערקט, אַז עס איז פאַרנומען, האָב איך ממילא געהאַט אַ רעכט דאָ צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ. אויב די חשובע לייט ווידער פּאַסט נישט צו זיצן צוזאַמען מיט מיר, טאָ זאָלן זיי זיך זוכן ערגעץ-אַנדערש-ווו אַ פּלאַץ...

באין ברירה איז דער קאָנדוקטאָר אַוועק און באַלד זענען די צוויי הויכע נעגערס געזעסן שוין אַלס מיינע שכנים אין קופּע. אַריינגעקומען זענען זיי מיט אַ הילכיקן געלעכטער, באַלד צו צום פענסטער און געזעגנט זיך מיט דעם המון אַראַבער, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אויפן פּעראָן.

דער צוג רירט פון אָרט.

עס דויערט נישט לאַנג און איך ווער געוואויר, אַז דער הויכער פּאַרשוין מיט דעם שוואַרץ-גלאַנצנדיקן פּנים און די ווייס-אַרויסשטייענדיקע ציין איז נישט קיין אַנדערער, ווי דער גרויס-וויזיר פון קאַנאָ, אַ ברודער פון דאָרטיקן סולטאַן, און דער באַגלייטער איז דער אַדיוטאַנט פון גרויס-וויזיר. אין וואַגאָן פון דריטער קלאַס פאָרט די סוויטע פון די חשובע געסט.

דאָס דערציילט מיר דער קאָנדוקטאָר, וועלכער גיט זיך

פיל מי, אַז די פרעמדע געסט זאָלן זיך אויף די פּאַלעסטינער באַנען פילן, ווי ביי זיך אין דער היים.

איך האָב אַזוי־אַרום די געלעגנהייט שוין אין צוג צו באַקענען זיך מיט די ערשטע „רעפּרעזענטאַנטן" פון אַפריקע. פון דער אַפריקע־מאַפּע, וואָס איך פיר מיט זיך, ווער איך קודם־כל געוווירר, אַז קאַנאָ איז אַ פּראָווינץ פון דער ענגלישער נע־גער־קאָלאָניע ניגעריע אין מערב־אַפריקע. דער קאָנדוקטאָר נעמט אויף זיך די ראָל פון פּאַרטייטשער און אַזוי־אַרום פיר איך מיין שמועס מיט די פאָרשטייער פון דער ווייטער נעגער־מלוכה.

זיי דערציילן, אַז אויף דעם וועג צוריק פון מעקאַ און מעדינע, די צוויי הייליקע מקומות פון די מאַכמעדאַנער אויף גאָר דער וועלט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי וואָכן צייט אין ארץ־ישראל. געווען אויך דאָ אויף די הייליקע מקומות און זיי האָבן אַ פּול מויל מיט לויב־ווערטער איבער דער גאַסט־פריינדלעכקייט, וואָס די אַראַבער אין ארץ־ישראל האָבן צו זיי אַרויסגעוויזן.

דער גרויס־וויזיר האָט נישט קיין גרויס אינטערעס פאַר פּאָליטיק און אים געפעלט קודם־כל דער פאָטאָגראַפישער אַפּאַ־ראַט, וואָס איך פיר מיט זיך. די שוואַרצע „מלוכה־לייט" הויבן מיט מיר אָן אונטערהאַנדלען, אַז איך זאָל זיי פאַרקויפן דעם אַפּאַראַט. די אונטערהאַנדלונגען ענדיקן זיך, פאַרשטייט זיך, אָן אַ רעזולטאַט; אָבער צום אָנדענק פאָטאָגראַפיר איך זיי אָפּ, פון וואָס ביידע האָבן שטאַרק הנאה.

פּאַמעלעך קומען מיר אַריין אין דעם גרויסן מדבר, וואָס פאַרנעמט דעם דרום־טייל פון ארץ־ישראל און איז באַקאַנט אונ־טערן נאָמען „נגב". דער קאָנדוקטאָר גייט איצט איבער די וואַגאָנען און ציט אַרויף די פענסטער. מיר פאָרן דורכן מדבר און מען מוז זיך היטן פאַר דעם זאַמד, וועלכער איז געפער־לעך פאַר די אויגן.

און אָט זעען מיר שוין טאַקע נישט מער, ווי נאָר דעם געלן זאַמד.

די באַן־ליניע לויפט נישט ווייט פון ים־ברעג. ווו נישט

ווּ נעצט דורך דאָס וואַסער דעם באָדן; אָבער קיין גרעזל זעט מען דאָ נישט, ווייל דאָס וואַסער קומט פון ים, איז גע־זאַלצן און גיט נישט קיין פּרוּכטבאַרקייט דער ערד.

דאָס בילד איז מאָנאָטאָן. נאָר הימל און זאַמד און ווּ נישט ווּ אַן אַראַבער, וואָס רייט אויף אַ קעמל און זעט אויס אין זיין קיטל פּונקט אַזוי געל, ווי דער זאַמד פון מדבר. נאָר אַרום די באַן־סטאַציעס טרעפט מען קלענערע ישובים און אויף צו באַגריסן דעם אָנקומענדיקן צוג לויפן זיך צוזאַמען אַלע איינוווינער, יונג און אַלט. די צאָל איינוווינער אין גאַנצן מדבר איז נישט גרויס און די אַראַבער ביי די ברעג־געגנטן ציען זייער חיונה דאָס רוב פון פיש־פאַנג.

צי איז דאָ אַ האָפנונג, אַז מען וועט קאָנען אַמאָל בייקומען אָט דעם מדבר? — אין ארץ־ישראל האָב איך געהערט, אַז יאָ. פון דער געשיכטע ווייסט מען, אַז אין אַלטערטום זענען אין דער געגנט געווען גרויסע ישובים. דאָס איז אַ סימן, אַז עס מוז דאָ זיין וואַסער. האָט מען לעצטנס אָנגעטראָפן אויף שפּורן פון וואַסער. ווען מען וועט קאָנען אָנהויבן אויסנוצן די וואַסער־קוואַלן אין אַ גרעסערער מאָס, דעמאָלט וועט זיין אַ מעגלעכקייט אויף צו באַפרוכפּערן דעם באָדן. דאָס איז פאַר־בונדן אָבער מיט געוואַלדיקע הוצאות.

מיר פאָרן אַריבער די גרענעץ פון ענגלישן מאַנדאַט־גע־ביט אין ארץ־ישראל. אַזוי־אַרום געפינען מיר זיך שוין אויף דעם שטח פון האַלב־אינזל סיני. אויף די מדבר־סטאַציעס זע־נען דאָ די אויפשריפטן שוין נאָר אין צוויי שפּראַכן: ענגליש און אַראַביש. נישטאָ דאָ מער קיין העברעיש. דער שטח פון סיני געפינט זיך מחוץ די גרענעצן פון ארץ־ישראל. די באַן האַלט זיך אויך דאָ נישט ווייט פון ברעג. נאָר איצט האָט זי גענומען אַ דירעקטע ריכטונג צו מערב. דאָס אויסערלעכע בילד איז נישט אַנדערש ווי אין נגב פון ארץ־ישראל. די סטאַציעס ווערן זעלטענער. אַ טייל נעמען פון די באַן־סטאַציעס האָבן אַ באַקאַנטן קלאַנג. נו, יאָ, דאָ האָט דאָך געפירט דער וועג פון דער 40־יעריקער וואַנדערונג פון יידן אין מדבר. די באַן מאַכט

היינט דעם וועג אין נישט קיין גאַנצע 8 שעה... יעדנפאַלס געפינט זיך דער באַרג סיני טיפער צו דרום־וייט פון האַלב־אינזל, אָבער דעם דאָזיקן באַרג וועלן מיר זען מסתמא ערשט שפּעטער מיט עטלעכע טעג, ווען אונזער שיף וועט פאָרן איבערן ים־סוף.

פאַרנאַכט־צו דערנענטערן מיר זיך צו קאַנטאַראַ. און ווען דער צוג שטעלט זיך אָפּ, געפינען מיר זיך אויפן ברעג פון סועץ־קאַנאַל. דאָ ווערט דורכגעפירט די גרענעץ־ און געפּעק־רעוויזיע. דערנאָך שיפט מען זיך אַריבער אויף דעם אַנדערן ברעג, ווו עס וואַרט שוין אַ צווייטער צוג, וועלכער וועט אונז ברענגען קיין פּאָרט־סאַאיד. די נסיעה דאַרף דאָסמאָל דויערן שוין נישט מער, ווי אַ שעה.

פּסח אין מצרים

פּאָרט־סאַאיד, 29־טן מערץ

וואָסערע מאָדנע מנהגים הערשן אין עגיפּטן! ווען איך בין אָנגעקומען אַהער ערב־פּסח פאַרנאַכט, איז אַ מחנה האָטעל־פּאָרטיערן באַפאַלן דעם וואַגאָן, וואָס האָט געבראַכט אין שטאָט אַריין אַ געוויסע צאָל טוריסטן. איידער איך האָב זיך אומגעקוקט, איז פון אַלע מיינע פּעק, וואָס איך פיר־מיט אויפן וועג, נישט געבליבן קיין שריד־ופליט: אַלץ פונאַנדערגעכאַפּט. און געשען איז דאָס אַזוי געשיקט, אַז איך האָב אַפילו קיין צייט נישט געהאַט אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט פון פּראָטעסט. ממש שוואַרץ־קינסטלעריי. איך גיי אַרויס פון וואַגאָן און זע גאָרנישט פון מיינע זאַכן. פון אַלע זייטן הער איך נאָר נעמען פון פאַרשידענע האָטעלן. מיט אַמאָל דערזע איך אַן אַראַבער, וועלכער רופט אויפן קול, אַזוי, ער זאָל אַלעמען איבערשרייען:

— קאָשער... יודדיש...

ער רוקט מיר ביי די ווערטער אַריין אין האַנט אַ רעקלאַמע־צעטל פון זיין האָטעל מיט אַ גרויסן מגן־דוד און אַ „כשר” אין דער מיט. איך דערזע ביי אים אין האַנט מיין שרייב־מאַשין. עס דויערט נישט לאַנג און ער זוכט מיר צונויף מיינע זאַכן ביי די פאַרשידענע פּאָרטיערן, און אַ צופרידענער, וואָס עס פעלט מיר נישט קיין שום זאַך, פאָר איך אָפּ אין האָטעל.

אַ קליינע שטאָט איז פּאָרט־סאַאיד. איר קיום האָט זי צו פאַרדאַנקען דעם סועץ־קאַנאַל, וואָס הויבט זיך אָן ביי דער דאָזיקער שטאָט. פאַראַן דאָ אָבער פיל גרויסע, הערלעכע בנינים, פּראַכטפולע האָטעלן און שיינע קאַפע־הייזער. ביינאַכט מאַכט די

שטאָט, וואָס איז אויסגעשפרייט אַרום דעם פּאָרט, אַ באַצוי־בערנדיקן איינדרוק.

די ערשטע סדר־נאַכט האָב איך פאַרבראַכט צווישן אָרי־יענטאַלישע יידן אין פּאָרט־סאַאידער יידישן האָטעל (די צווייטע סדר־נאַכט ווערט דאָ, פּונקט ווי אין ארץ־ישראל, נישט געפּראַ־וועט). פאַראַן אין פּאָרט־סאַאיד אַ גרויסע שול, און לויט דעם עולם, וואָס איז געקומען אַהין דאַווענען, איז געווען צו דער־קענען, אַז אין שטאָט וווינען אַ היפּש ביסל יידן. דאָס רוב יידן האָבן דאָ געשעפטן, וואָס גייען זייער גוט, אָדער זיי אַר־בעטן אַלס פאַרטרעטער פון גרויסע אויסלענדישע פירמעס אין פּאָרט. אַלע האָבן שיין פּרנסה.

ביים סדר האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט יידן פון פאַרשידענע לענדער.

אָט איז אַ ייד פון באַגדאַד, דער אינהאָבער פון אַ גרויס האַנדלס־הויז אויף אַ באַגדאַדער הויפּט־גאַס. ער איז געווען אין אַדען, ווו ער האָט געקויפט אַ טראַנספּאָרט זייד. פון דאַנען פאָרט ער קיין ארץ־ישראל און דערנאָך — צוריק קיין איראַק. און אָט איז אַ ייד פון פּערסיע, וואָס קומט צום סדר אין די פאַרביקע אָריענטאַלישע מלבושים און רעדט אַרויס די ווערטער פון דער הגדה אויף אַזאַ מאָדנעם אופן, אַז עס איז נישט מעג־לעך צו פאַרשטיין וואָס ער זאָגט. עס זיצט אויך ביים טיש אַ ייד פון קאָוונע, וואָס פאָרט קיין דרום־אַפריקע אַלס שוחט, און אַ יידישער בחור פון דעם גריכישן אינזל ראָדאָס, וואָס פאָרט צו זיינע קרובים אין ביירא, דער הויפּט־שטאָט פון פּאָר־טוגעזיש־אַפריקע. אינטערעסאַנט, אַז מיר אַלע, יידן פון פאַרשי־דענע לענדער (מיט דעם אויסנאַם פונם פּערסישן ייד, וועלכער רעדט נאָר פּערסיש און אַראַביש), קאָנען זיך גוט צונויפרעדן אויף העברעיש.

די באַלעבאָסטע פון האָטעל איז אַ יידישע פרוי פון רו־מעניע. זי וווינט שוין זינט 25 יאָר אין מצרים. זי רעדט גוט יידיש.

„עבדים היינו לפרעה במצרים...״

ניין, אין היינטיקן מצרים זענען יידן נישט קיין קנעכט. ס'גייט גאַנץ גוט דעם גרויסן קיבוץ יידן אין אַלעקסאַנדריע, קאַאיר, פּאָרט-סאַאיד און די פאַרשידענע אַנדערע שטעט פון לאַנד. יידן האָבן דאָ פּרנסה בריווח און עס וועקט זיך ביי זיי, אונטער דער השפעה פון ניי-צוגעקומענע מזרח-יידן, דער אינטערעס פאַר אַלגעמיין-יידישע פראַגן. פאַראַן אין מצרים אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, פאַראַן יידישע ספּאָרט-קלובן, און אין קאַאיר גופא ווערן אפילו פון צייט צו צייט דורך דורכפאָרנ-דיקע געסט געהאַלטן רעפעראַטן אין יידיש. ווי מען גיט מיר איבער, איז אין קאַאיר פאַראַן אויך אַ העברעאישער קרייז און אַ גרעסערע יידישע ביבליאָטעק. אין די לעצטע יאָרן האָבן פיל מזרח-יידן אָנגעהויבן קומען קיין עגיפּטן און זיך דאָרט באַזעצן. געקומען איז מען, ווי דער שטייגער איז, אַלס טוריסטן — און מען איז שוין געבליבן. מאַכן איצט דעריבער די עגיפּטישע קאָנסולאַטן שווערקייטן פאַר איינוווינער פון מזרח-אייראָפּעאישע לענדער ביים אַרויסגעבן וויזעס.

פּאָרט-סאַאיד איז אַ לעבעדיקע שטאָט. דאָ איז דאָך דער טויער צום סועץ-קאַנאַל און דורכן גאַנצן מעת-לעת האַלטן שיפן אין איין אָנקומען און אַוועקגיין. די דאָזיקע שטאָט ווייסט נישט פון קיין נאַכט-רו, אויך נישט פון קיין יום-טוב. עס קאָן גע-מאָלט זיין, אַז 10 ביינאַכט זאָל אָנקומען אַ שיף מיט טוריסטן, וואָס שטעלט זיך דאָ אָפּ אויף עטלעכע שעה. אין אַזאַ פאַל ווערן די גרויסע מאַגאַזינען מיטאַמאָל געעפנט און אין די שטאַרק באַלויכטענע געשעפטן ווערט אין האַלבער נאַכט אַ באַוועגונג, ווי ערגעץ אַנדערש-ווו אין מיטן ליכטיקן טאָג.

אַן אמת אָנשיקעניש אין פּאָרט-סאַאיד זענען אָבער די אָרטיקע... שיך-פּוצער. דרייען זיך אַרום איבער דער שטאָט צענדליקער אַראַבישע יונגעלייטלעך, אָנגעטון נישט מער ווי אין דעם לאַנגן קיטל, וואָס רופט זיך „גאַלאַפּיא", מיט אַ קעסטעלע אונטערן אָרעם און זיי יאָגן זיך נאָך קליענטן. וויי איז צו דעם דורכגייער, וואָס אַזאַ שיך-פּוצער האָט אויף אים געוואָרפן אַן אויג. מען וועט אים דאַן אַזוי לאַנג נאָכיאָגן, ביז דער פרעמ-

דער ווערט ענדלעך מיד און לאָזט זיך אָפּפּוצן די שיך פּאַר אַ האַלבן פּיאַסטער. מיט דעם אַליין קומט מען אָבער נאָך נישט אָפּ, ווייל אָט לויפט אייך שוין נאָך אַ צווייטער און שטופּט אייך פּאָסט-קאַרטלעך אין דער האַנט אַריין, און אַ דריטער וועט אייך נישט אָפּטרעטן, ביז ער וועט אייך ווידער נישט פּוצן די שיך.

מוראדיק אָרעם איז די דאָזיקע חברה, פּונקט ווי דאָס רוב אַראַבער אין עגיפּטן. אָבער ביי דער גאַנצער אָרעמקייט איז נישטאָ, דוכט זיך, קיין צווייט פֿאָלק אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיך לעבן אַזוי רויִק, ווי דווקא די היינטיקע עגיפּטער. מענטשן מיט קליינע באַדערפֿעניש. ביינאַכט טרעפֿט איר אויף די גאַסן מאַסן שלאָפֿנדיקע, וואָס שטייען אויף פֿאַרטאָג מיטן געזאַנג און איילן צו דער אַרבעט אין פֿאָרט, וווּ זיי וועלן פֿאַרדינען נישט מער ווי עטלעכע געציילטע פּיאַסטער. די דאָזיקע מענטשן קאָנען, ביי דעם וואַרעמען קלימאַט, אויסקומען אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אויב עס געלינגט אָן עגיפּטישן אַרבעטער אָפּצושפּאָרן אויף אַ „גאַלאַפּיאַ״, איז ער פֿאַרזאָרגט שוין מיט „הלבשה״ אויף אַ צייט פֿון עטלעכע יאָר. שפּייז איז ביליג און... שיך טראָגט מען נישט.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף מען באַטאָנען, אַז עגיפּטן איז אַ לאַנד פֿון גרויסע קאָנטראַסטן, נישט בלויז אין דער נאַטור (די באַרימטע פּרוכטבאַרקייט פֿון נילוס-טאָל און דער מדבר אויף דעם מזרח- און מערבֿ-ראַנד פֿון לאַנד!), נאָר אויך אין לעבן פֿון די איינוווינער. האַנט ביי האַנט מיט דער מוראדיקער אָרעמקייט פֿון די ברייטע פֿאָלקס-מאַסן גייט דער ריזיקער רייכטום פֿון די גרויסע ערד-באַזיצער און סתּם אַריסטאָקראַטן, וואָס רעגירן מיטן לאַנד.

דאָס פּרוכטבאַרע לאַנד געפֿינט זיך נישט אין די הענט פֿון פֿאָלק. פּונקט ווי אין דאָס רוב אַראַבישע לענדער, איז די ערד — דאָס אייגנטום פֿון די גרויסע ערד-באַזיצער. אין עגיפּטן געפֿינען זיך אויך זייער פֿיל גיטער אין די הענט פֿון דער קעניגלעכער פֿאַמיליע.

באַגעגנט האָב איך זיך אין דער קורצער צייט פֿון מיין אויפֿ־ענטהאַלט אין עגיפּטן מיט מענטשן פֿון די פֿאַרשידנסטע גע־זעלשאַפטלעכע קרייזן, נישט בלויז יידן, און עס איז פֿאַר מיר געווען באַזונדערס אינטערעסאַנט צו הערן, וואָס זיי האָבן מיר דערציילט וועגן די לעבנס־פֿאַרהעלטענישן אין לאַנד.

ביי אַן עגיפּטישן אַריסטאָקראַט אין קאַיר — האָט מיר דערציילט אַ דירעקטאָר פֿון אַן אייראָפּעישער באַנק־פֿיליע אין פּאָרט־סאַאיד — איז מיט אַ וואָך צוריק פֿאָרגעקומען אַ גרויסע אויפֿנאַמע פֿאַר געסט. געווען זענען ביז 200 איינגעלאַדענע פּערזאָן. אויך איך, — דערציילט דער באַנק־דירעקטאָר, — האָב זיך געפֿונען צווישן די פֿאַרבעטענע געסט. איך אַליין בין נישט קיין אָרימער מענטש און געווען בין איך אין מיין לעבן שוין אין פֿיל רייכע הייזער, אָבער אַזאַ עשירות אין דער הויז־איינריכטונג האָב איך נאָך נישט געזען. די מאכלים צום טיש האָט מען דערלאַנגט אויף גאָלדענע טאַצן. וויין האָט מען גע־טרונקען פֿון גאָלדענע בעכערס, וועלכע זענען געווען אַרום און אַרום אויסגעזעצט מיט איידעלע שטיינער. אַ גאַנצער גאָלד־אוצר איז אָנגעזאַמלט אין די כּלים פֿון דעם דאָזיקן גוטבאַזי־צער, וועלכער איז אַבסאָלוט נאָך נישט דער רייכסטער מאַן אין לאַנד. פֿאַראַן אַנדערע פֿיל רייכערע פֿון אים.

אונזער יונגער קעניג, — האָט ער ווייטער דערציילט, — וועלכער פּאָרט איצט אַרום מיט זיין פֿרוי איבער אייראָפּע און געפֿינט זיך אין איצטיקן מאָמענט אין דער שווייץ, איז איינער פֿון די רייכסטע הערשער פֿון דער וועלט. דאָס עשירות פֿון דער עגיפּטישער קעניגלעכער פֿאַמיליע, מוזט איר וויסן, איז נישט פֿון קיין אַלטער דאַטע... ווען דער פֿאָטער פֿון היינטיקן קעניג איז געקומען צו דער מאַכט, האָבן די ענגלענדער גע־מוזט אָפּצאָלן פֿאַר אים די חובות. דאָס ריזיקע פֿאַרמעגן פֿון די היגע גרויסע ערד־באַזיצער נעמט זיך דערפֿון, וואָס זיי צאָלן דעם אַראַבישן אַרבעטער נישט מער, ווי... צוויי פּיאַס־טער אַ טאָג. דער אַראַבער אַרבעט פֿאַר די צוויי פּיאַסטער העכער אַ האַלבן מעת־לעת און איז... „צופֿרידן" מיט זיין פֿאַר־

דינסט. ווי קאָן אַן אַראַבישע פאַמיליע אויסקומען מיט צוויי פיאַסטער אַ טאָג? גאָר פשוט. ווי די אַראַבער ווינען — זעט איר דאָך. פון עטלעכע ברעטער, אַביסל ליים און צוזאַמענגע־קליבענע שטיקלעך בלעך באַשטייט דאָס שטיבל פון אַראַבער. קיין דירה־געלט קאָסט אים נישט, און ווען ער קויפט זיך איינמאָל אַ קיטל, האָט ער עס אויף לאַנגע יאָרן. ברויט און גרינצייג איז אומגעווינלעך ביליק — טאָ וואָס דאַרף דער אַראַבער נאָך? אַן אַראַבער, וואָס פאַרדינט אין שטאָט דריי ביז פיר פיאַסטער אַ טאָג, איז „איבערגליקלעך". אמת, פאַראַן שוין אַ שטודירנדיקע יוגנט, וואָס קוקט מיט אָפענע אויגן אויף דער וועלט און זעט, אַז אין דער „אומאָפּהענגיקער" אַראַבישער מלוכה איז נישט אַלץ אין אָרדנונג. אָבער נאָכדעם ווי די דאָזיקע יונגעלייט גייען אַריבער אויף פּאָסטנס אין די פאַרשי־דענע מלוכה־אַמטן, קאָן מען זיי לייכט געווינען פאַר יעדער פאַרטיי און פאַר יעדער רייכער פאַמיליע, אַדאַנק דעם „באַק־שיש", וועלכער דעצידירט נאָך אַלץ אין עגיפּטן וועגן פיל וויכטיקע ענינים...

און ווי זעט אויס די פּאָליטישע לאַגע פון לאַנד?

פון דעם, וואָס איך האָב אין דער קורצער צייט פון מיין אויפענטהאַלט אין עגיפּטן געזען און געהערט, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז עס איז נישט ריכטיק די מיינונג, וואָס איז אַלגעמיין פאַרשפּרייט אין אויסלאַנד, אַז ענגלאַנד ציט זיך צו־ריק פון עגיפּטן און לאָזט איבער דאָס לאַנד דעם אייגענעם גורל. אמת, די עגיפּטער פירן זייער מלוכה, ווי זיי אַליין ווילן, אָדער ווי עס וויל די הערשנדיקע פאַרטיי אין לאַנד. אָבער וואָס שייך דער אויסערן־פּאָליטיק, איז עגיפּטן געקניפּט און גע־בונדן מיט ענגלאַנד. די עגיפּטישע אומאָפּהענגיקייט כלפּי־חוץ איז נישט מער, ווי אַ פאָרמעלע, ווייל פאַקטיש האַלט דאָ ווייטער ענגלאַנד די מאַכט אין איר האַנט.

עגיפּטן האָט אַן אייגענע אַרמיי, אָבער זי ווערט געפירט און גענוי קאָנטראָלירט דורך אַן ענגלישער מיליטערישער קאָ־

דער גרויסוועזיר פֿון קאַנאָ (אַ פּראָווינץ פֿון ניגעריע), מיט וועמען איך האָב זיך צוזאַמענגעטראָפֿן אין צוג פֿון לוד קיין פּאָרט־סאַאיד, האָט מיטגענומען פֿון ארץ־ישראל אַן עקזעמפּלאַר פֿון אַ העברעאישער צייטונג, כּדי אים צו ווייזן זיינע לאַנדסלייט אין דער ווייטער נעגער־פּראָווינץ

דורך דעם נגב פֿון ארץ־ישראל. — אויף דער באַן־סטאַציע פֿון עזה

אַ בילד פון איטאַליענישן סאָמאַלי=לאַנד. — שיינע נעגערינס
גייען צו אַ פאָלקס=פאַרווייַלונג

מיסיע. ענגלישע אָפיצירן האָבן נאָך אַלץ דאָס דעצידירנזייקע וואָרט אין עגיפּטן.

ענגלאַנד שרעקט זיך אויך נישט, טאָמער וועלן די עגיפּ־טער קומען אין אַ שיינעם טאָג און אַרויסטרייבן פון דאָרט די ענגלענדער. דאָס וועט דערווייל נישט געשען, ווייל — אָפּגע־זען פון די ענגלישע פּאַנצער־קרייצערס, וואָס מען באַגעגנט אַזוי אָפט אויף די דאָרטיקע וואַסערן, האָט ענגלאַנד נאָך אַ פיל שטאַרקערע גאַראַנטיע: דאָס איז די עקאָנאָמישע אָפּהענגי־קייט פון עגיפּטן. דורך טויזנטער פעדים איז די עגיפּטישעווירטשאַפט פאַרבונדן מיט ענגלאַנד.

ענגלאַנד זיצט פעסט ביים סועץ־קאַנאַל, וואָס וועט אין דער צוקונפטיקער מלחמה שפּילן, מסתמא, אַ פיל גרעסערע ראָל, ווי ווען עס איז פריער.

12 שעה אויפן ים־סוף

דוקעססאַ ד׳אַאָסטאַ, 31־טן מערץ

„דוקעסאַא ד׳אַאָסטאַ״ – דאָס איז דער נאָמען פון דער איטאַליענישער שיף, אין וועלכער איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין פּאָרט־סאַאיד, כדי אָנצוהויבן מיין אַפריקע־רייזע. נישט קיין גרויסע שיף, אַן ערך צען טויזנט טאָן, אָבער זייער באַקוועם. אויף דער מזרח־זייט פון אַפריקע פאָרן בכלל נישט קיין גרויסע שיפן, אויך די ענגלישע און פראַנצויזישע שיפן, וואָס מען באַגעגנט דאָ, זענען נישט גרעסער. די מזרח־זייט פון אַפריקע – דאָס איז דער הייסער ברעג, און פּאַסאַזשירן מיידן אים אויס ווי ווייט מעגלעך. עמיגראַנטן פאָרן געוויינלעך אויך נישט פיל אויף דער ליניע, ווייל קודם כל זענען דאָס רוב אימיגראַציע־לענדער געשלאָסן, און, צווייטנס, פאָרט מען גיכער דורך דער מערב־זייט פון אַפריקע, ווו דער קלימאַט איז פיל מילדער און דער וועג איז גרעסער.

„דוקעססאַ ד׳אַאָסטאַ״ איז אָבער אַ שיף, וואָס איז ווי ספּעציעל געשאַפן געוואָרן פאַר די צוועקן פון מיין רייזע. די צאָל פּאַסאַזשירן איז נישט גרויס, אָבער דערפאַר איז דאָ אַ סך סחורה און דעריבער מוז מען זיך אָפּשטעלן אויף אַ טאָג, צוויי אָדער נאָך מער אין יעדן פּאָרט. איך קאָן דאַן אויסנוצן די געלעגנהייט, אַראָפּצוגיין אויף דער יבשה און פּרוּוון זיך באַקענען מיט לאַנד און מענטשן, וועלכע זענען דאָך דאָ, אויף דעם ריזיקן אַפריקאַנישן קאָנטינענט, אַזוי געוואַלדיק פאַרשידן אין יעדן ווינקעלע כמעט.

מיין ערשטע פליכט לגבי דעם לעזער איז קודם־כל צו באַקענען אים מיט מיינע מיטפאָרער, ווייל ווי איך זע שוין

איצט פאַרויס, וועט מיר נישט איינמאָל אויסקומען זיי צו דערמאָנען.

באַלד דעם ערשטן אָוונט האָבן מיר זיך באַקענט, בעת דער בשותּפותדיקער מאָלצייט ביי דעם קאַפּיטאַנס טיש.

דערלויבט מיר אויך פאָרצושטעלן אייך אונזער שפּייז-סאַלאָן.

מען מוז מודה זיין, אַז די איטאַליענער האָבן אַ באַזונדער עסטעטישן חוש ביים איינאָרדנען זייערע שיפן. נישט גרויס איז דער סאַלאָן, אָבער וואָס פאַר אַן אָנגענעמע אַטמאָספערע שאַפט ער מיט זיין אייגנאַרטיקן אויסזען. די ווענט— טונקל פּאָלירט, אַ שיינער לייכטער, ווי פון 7 מאַרמאָר-רערן, שטייט אין אַ זייט, און אין די אָוונטן באַמערקט איר, ווי אין די ווינקלען פון סאַלאָן באַקומען די בלומען אַ לעבעדיקע פאַרב. יאָ, דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער דיסקרעטער באַלויכטונג. און כּדי איר זאָלט נישט פאַרגעסן, אַז דאָ איז אַ זאַל צום עסן, ווי אין אַ גוט-בירגערלעך הויז, איז אַוועקגעשטעלט אויך אַ בופעט און אויף אים — שיין באַמאָלענע טעלער מיט בילדער פון אַלע מינים ים-באַשעפענישן.

אַ חוץ דעם קאַפּיטאַן און דעם שעף-אינזשיניער פון שיף, זענען מיר 7 פּאַרשוין צום עסן: 5 זיצן ביים קאַפּיטאַנס טיש און צוויי זיצן באַזונדער.

אָנהויבן וויל איך טאַקע פון די צוויי, וואָס זיצן באַזונדער.

געווען איז עס דעם 29-טן מערץ נאָכמיטאָג. פאַרוואָס איך געדענק אַזוי גוט די דאַטע? — ווייל ס'איז גראָד געווען דאַן, ווען איך בין אַרויף, 3 אַזייגער נאָכמיטאָג, אויף דער שיף. ביים אַרויפקומען האָב איך קודם-כּל געווענדט מיין אויפמערקזאַמקייט אויף דער גרויסער מאַפּע פון אַפריקע, וואָס איז אַרויסגעהאָנגען אין ברייטן שיפס-קאָרידאָר. אַט דאָס איז דאָך, — האָב איך ביי זיך געטראַכט, — די מאַפּע, וואָס איך האָב לאַנג געזוכט און נישט געקאָנט זי געפינען. דאָ זעט מען אַלץ גענוי. זאָלן מיר די לעזער מוחל זיין. אָבער איך מוז זיך מודה

זיין, אַז ביים צוזאַמענשטעלן דעם פּלאַן פון מיין רייזע האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן נעמען פון ערטער, וואָס זענען מיר געווען גאַנץ אומבאַקאַנט, כאָטש אין שול האָט מען עס אַמאָל, מסתמא, געלערנט. איצט ווערט מיר אַלץ קלאָר און מיין פאַנ־טאַזיע צושפּילט זיך אַלץ מער, טראַכטנדיק וועגן די עקזאָטישע לענדער, וואָס די „פּרינצעסין פון אַאָסטאַ“ דאַרף מיך אַהין פירן.

אַ שיינעם דאַנק דיר, פּרינצעסין!

אָבער פּלוצלונג דערפיל איך, אַז איך בין נישט אַליין נעבן דער מאַפּע. עמעצער שטייט נעבן מיר. איך וואַרף אַ בליק אויף דעם פּאַרשוין, ווענד באַלד אַוועק מיין קאָפּ און הער פון יענעם עפּעס אַ ברום. דאַן גייען מיר ביידע אַוועק אין צוויי פאַרקערטע ריכטונגען. עס טרעפט טיילמאָל, אַז מענטשן געפעלן זיך ביים ערשטן בליק. אין דעם פאַל האָט געמוזט זיין דער היפוך. מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט קעגנזיי־טיקער אַנטיפּאַטיע. איך האָב אין אים דערקענט — דעם דייטש, ער אין מיר – דעם ייד...

כ׳האָב נישט געהאַט קיין טעות. ווען ער שטעלט זיך אין אָוונט, לויט דעם אָנגענומענעם מנהג, פאָר מיט דעם נאָמען, ווערט מיין השערה באַשטעטיקט. אויך ביי אים איז, דאַכט זיך, פאַרשווונדן דער לעצטער ספק בנוגע מיין פּערזאָן.

דער דייטש מיט זיין יונגער פרוי האַלטן זיך ביי אַ באַזונדערן טיש.

און איצט — מיינע אַנדערע שכנים: אַן עלטערע דרום־אַפריקאַנישע ענגלענדערין, וואָס פאָרט צוריק פון אַן אייראָפּע־רייזע. זי האָט אויסגעקליבן פאַר דעם צוריק־וועג קיין קייפּטאָן די מזרח־אַפריקאַנישע ליניע איבער סועץ, כדי צו קאָנען פאַר־ברייפאָרן נעבן באַרג סיני, און איצט פירט זי אַן אַגיטאַציע צווישן די פּאַסאַזשירן, אַז אַלע זאָלן, בשעת דער נסיעה, זיך אויסלערנען רעדן ענגליש. דאַן פאָרט אַ פּאָר־פאָלק פון ליסאַ־באָן אין דער הויפּט־שטאָט פון פּאָרטוגעזיש־אַפריקע, בייראָ; און ווידער — אַן אירלענדערין, וואָס פאָרט צו איר מאַן, אַ

פלאַנטאַטאָר, אין דער ענגלישער קאָלאָניע קעניאַ. מיר אַלע, הגם עס איז אונז שווער זיך צונויפצורעדן, זיצן ביי איין טיש און דער קאַפּיטאַן, וועלכער רעדט, אַ חוץ איטאַליעניש, אויך גוט ענגליש און פראַנצויזיש, מוז אָפּט אויף זיך נעמען די ראָל פון דאָלמעטשער.

די אַטמאָספערע ביים טיש איז באַלד פון ערשטן מאָמענט אָן אַ פריינטשאַפטלעכע. מען פילט זיך דאָ ווי איין משפחה.

אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געפאָרן דורך דעם סועץ-קאַנאַל. צומאָרגנס אָפּגעשטעלט זיך נישט מער ווי אויף אַ שעה אין סועץ-פּאָרט און אַריין אין דעם אייגנטלעכן ים-סוף, וואָס איז זייער שמאָל און טיילט אָפּ די האַלב-אינזל סיני פון מצרים.

דער ים-סוף זעט דאָ אויס, ווי אַ פאַרלענגערונג פון סועץ-קאַנאַל. פון ביידע זייטן זעט מען גוט די ברעגעס. פון דער רעכטער זייט האָבן מיר דעם עגיפּטישן ברעג, אַרומגע-רינגלט דורך הויכע שפּיציקע בערג.

אויף דער לינקער זייט פון אונזער שיף געפינט זיך דער מדבר סיני.

די ענגלענדערין שטייט אַ גאַנצן טאָג מיט אַן ענגליש תנ"ך אין דער האַנט און פאַרלאַנגט פון די שיפס-אָפיצירן, זיי זאָלן איר געניי אָנווייזן, וווּ עס האָט זיך געפונען יעדעס פון די ערטער, וואָס זענען אויסגערעכנט אין דער תורה ביי יציאת-מצרים און ביי די שפּעטערדיקע וואַנדערונגען אין מדבר.

איצט אָבער זעט מען דאָרט נישט מער, ווי זאַמד, וואָס שימערירט אין די זון-שטראַלן, ווי גאָלד, און אַ קייט בערג, וועלכע איז אָבער פיל נידריקער פון די עגיפּטישע בערג אויף יענער זייט.

פאַרנאַכט-צו קומט צום ערשטן שאַרפערן אינצידענט.

ווען דער קאַפּיטאַן איז מודיע, אַז מיר קומען-צו צום באַרג סיני, ווו „גאָט האָט געגעבן צו משהן די תורה", פאַר-לאַנגט די ענגלענדערין אומבאַדינגט, מען זאָל מיט דער שיף צופאָרן צום באַרג, כדי זי זאָל דאָרט קאָנען תפילה טון. דער

קאַפּיטאַן גיט איר צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אוממעגלעך, ווייל דער שיף-מאַרשרוט איז שוין פון פאָרויס באַשטימט. וואָס טוט די ענגלענדערין? נעמט זי און שטעלט אויס אַ טשעק אויף הונדערט פונט און וויל אים איבערגעבן דעם קאַפּיטאַן, כדי צו באַצאָלן פאַרן ספּעציעלן צופאָרן צום ברעג. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אוממעגלעך.

די ענגלענדערין דערקלערט דאַן, אַז זי וועט אַליין אָרגאַניזירן אַן עקסקורסיע פון פרומע ענגלישע פרויען צום באַרג סיני, ווו זי וואָלט וועלן זיין כאָטש איינמאָל אין לעבן.

דער באַרג, וואָס ווערט באַצייכנט דורך די היינטיקע מדבר-איינוווינער אַלס באַרג סיני, געפינט זיך אין דער מיט פון צוויי באַרג-קייטן און איז אַ סך נידריקער פון זיי.

עס איז שקיעה-צייט. די זון פאַרגייט און עס זעט אויס, ווי די גאַנצע געגנט אַרום באַרג סיני וואָלט זיך אָנגעצונדן מיט אַ פייער, וואָס כאַפּט אַרום אַלע בערג דאָרט און פאַרייניקט זיי אין איין גליענדיקער רויטקייט.

ווי אומעטום אין מזרח פאַלט דאָ צו די נאַכט זייער שנעל.

פון שפּיץ פון דעם סיני-האַלב-אינזל פאַלט צו אונז אַ שיין פון אַ לייכט-טורעם. ווייטער זעט מען נאָך נאָר קליינע ליכטעלעך.

איינער פון די שיפס-אָפיצירן גיט אונז איבער, אַז דאָרט געפינט זיך אַ קלויסטער, וואָס איז כמעט ווי אָפּגעשניטן פון דער וועלט, ווייל נאָר איינמאָל אין עטלעכע חדשים קומט אָהין צו אַ קאַראַוואַן, וואָס ברענגט שפּייז און אַ גרעסערן טראַנספּאָרט זיס וואַסער פאַר די מאָנאַכן.

אין אָוונט האַלט די ענגלענדערין אַ גאַנצע דרשה וועגן דער באַדייטונג פון תורה און שפּאָרט נישט קיין האַרבע ווערטער אויפן אַדרעס פון יענע לענדער, וואָס פאַרשוועכן איצט די לערע פון באַרג סיני. איר בליק פאַלט ביי די ווערטער אין דער ריכטונג פון דייטש, וועלכער רעפּרעזענטירט אין אונזער קרייז דאָס היטלער-לאַנד.

אַ שיף איז אָבער נישט קיין פּלאַץ פאַר פּאָליטיק און

אַזוי-אַרום ווערט אויך דער דייטש אַריינגעצויגן אין אַלגעמיי־
נעם געזעלשאַפטס-קרייז. צו אונזער אַלעמענס צופרידנקייט
ווייזט זיך אַרויס, אַז דער דייטש איז גאָר ווייט פון די אַנ־
שוויונגען, וואָס הערשן אין נאַצי-לאַנד. ער איז אַ פאָרשטייער
פון אַ בערלינער וועלט-פירמע און ער איז געשיקט געוואָרן
איצט קיין דרום-אַפריקע, כדי דאָרט צו גרינדן אַן אָפּטיילונג.
אַליין איז ער אַ מענטש, וואָס איז שוין אויסגעפּאָרן אַ האַלבע
וועלט. ווען די ענגלענדערין פירט אַרויף דעם שמועס אויף
דעם ענין פון היטלעריזם ווערט דאָס פּנים פון דעם דייטש
בלייך און ער בעט זיך ממש:

— אָבער לאָססען וויר עס!...

אין דעם מאָמענט האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען. דער
דייטש פילט בײַ זיך, וואָס פאַר אַ מכה עס באַגלייט אים
אויף דעם וועג אין אויסלאַנד; דערפון נעמט זיך אויך, וואָס
ער האָט זיך געהאַלטן תחילת באַזונדער.

וואָס די וועלט האַלט פון היטלעריזם ווייסט ער, אַלס
„אויסלאַנד-דויטשער“, גאַנץ גוט; און וואָס ער דענקט וועגן
דעם היינטיקן רעזשים אין דייטשלאַנד, איז בעסער נישט צו
ברענגען איבער די ליפּן, ווייל מען קאָן דאָך קיינמאָל נישט
וויסן, צי אויף דער אַנדער זייט פון דער וואַנט זענען נישט
פאַרבאָרגן די „אויגן און די אויערן“ פון „געשטאַפּאָ“.

פּאָרט־סודאַן

פּאָרט־סודאַן, 2־טן אַפּריל

היינט אין דער פרי האָט מיך אויפגעוועקט אַ ריטמיש געזאַנג, וואָס האָט צוזאַמען מיט דעם בינטל הייסע זון־שטראַלן פון „רויטן ים" אַריינגעכאַפּט זיך צו מיר אין דער קאַבינע. איך בויג אַרויס דעם קאָפּ. מיר שטייען. קעגנאיבער געפינט זיך אַ גרעסערער פּאָרט־בנין און אויף דעם געמויערטן ברעג, צו וועלכן אונזער „דוקעססאַ ד'אַאָסטאַ" איז באַפעסטיקט, שפּאַצירט אַ באַוואָפנטער מאַן, הויך און אויפפאַלנד, שמאָל געבויט, ווייס געקליידט, מיט אַ שניי־ווייסן טורבאַן אויפן קאָפּ. דאָס איז דער אָרטיקער פּאָליציאַנט, וועלכער האַלט וואַך נעבן אונזער שיף. באַלד ווער איך געוווּיר, אַז מיר געפינען זיך שוין אין פּאָרט־סודאַן, ווו אונזער שיף איז אָנגעקומען גאַנץ פרי און דאָס געזאַנג, וואָס דערגרייכט איצט צו מיינע אויערן, שטאַמט פון די אַרבעטער, וועלכע זענען פאַרנומען ביים אויסלאָדן אַ טייל פון די סחורות, וואָס „דוקעססאַ" פירט פאַר סודאַן.

עס טרייבט מיך וואָס גיכער אַרויס צום דעק און צו די נייע מענטשן, וואָס זייער ראַסע זע איך צום ערשטן מאָל אין לעבן.

שוואַרצע? ניין, געבּרוינטע, שמאָל און הויך. זייערע פיס זענען דין, און איך טראַכט ביי זיך, אַז נישט איין שיינע אייראָפּעיִשע פרוי וואָלט מקנא געווען יעדן פון די דאָזיקע סודאַנער, ווען זי קאָן אויף דעם טאַנץ־פּאַרקעט פּרעזענטירן אַזעלכע שיין געטאָקטע פיס, ווי די אַרבעטער פון דער ענגליש־עגיפּטישער קאָלאָניע אונטערן צייכן פון „מגן־דוד".

יאָ, דער יידישער „מגן דוד" אין דאָ דער אָפיציעלער

צייכן, צום אונטערשיד פון עגיפּטן, ווי אויך די אַנדערע מאָכמעדאַנישע לענדער, ווו עס רעגירט דאָך די האַלבע לבנה. אָט אויף דעם הויכן צאָל-הויז קעגנאיבער פלאַטערט אַ ווייסע פאָן און אויף איר אַ מגן-דוד. די פּאָליציאַנטן אין די ווייסע מונדירן טראָגן דאָ קיפּערנע מגן-דוד-שפּילקעס, איינגעשטעקט אין זייערע טורבאַנען.

פון וואַנען נעמט זיך דאָס ?...

דערויף איז נישט לייכט צו געפינען דעם ענטפער. דער „מגן-דוד" רעגירט דאָ שוין זינט הונדערטער יאָרן און די ענגלענדער, וועלכע האָבן דאָס הויפּט-וואָרט אין סודאַן, גלויבן, אַז דעם „מגן-דוד" האָט אין סודאַן איינגעפירט נאָר די מלכּה שבא, וועלכע האָט אַ טייל פון דעם לאַנד געזאָלט אַוועקשענקען צו שלמה המלך.

אָט די סודאַנער אינטערעסירן מיך זייער.

ביי דער אַרבעט זענען זיי דריי פּערטל נאַקעט. איך קוק זיך צו, ווי זייערע אברים באַוועגן זיך ריטמיש און ווי געשיקט עס קומט אַרויף אויף דער פּלייצע פון אַזאַ מענטש-סקעלעט אַ קאַסטן סחורה פון הונדערט און פופציק קילאָ און יענער טראָגט עס לייכט צו דעם אויטאָ. און אַלץ מיט דעם זעלבן געזאַנג...

איך פרעג איינעם פון די אויפזעער, וויפל עס וועגט אַזאַ מין סודאַנער. ער הייסט אַרויפגיין אויף דער וואָג איינעם נאָך דעם אַנדערן און די וואָג ווייזט: 42 קילאָ, 44, 41 און 47.

אָט דאָס איז זייער דורכשניטס-וואָג — דערקלערט מיר דער באַאַמטער. אַ סודאַנער, וואָס וועגט 50 קילאָ, איז אַ זעלטנהייט. ביי זייער גאַנצער לייכטקייט זענען די סודאַנער אָבער זייער שטאַרק און איך וואָלט נישט געוווּנטשן עמעצן אַריינצופאַלן אין אָט די סקעלעט-לאַפּעס אין אַ מאָמענט, ווען דער סודאַנער איז אין כּעס. עס וועט אָבער אויס, ווי די דאָזיקע מענטשן וואָלטן גאָרנישט געקאָנט זיך בייזערן. דער שמייכל טוט זיך נישט אָפּ פון זייערע ליפּן.

וואָס זינגען זיי דאָ? איין פּזמון, וועלכן זיי חזרן איבער די גאַנצע צייט. דאָסמאָל באַדייטן די ווערטער פון זייער געזאַנג: „שיין און גוט איז מיין האר...״

די שפּראַך פון די סודאַנער איז די אַראַבישע, זייער רעליגיע איז די מאַכמעדאַנישע, נאָר אַ טייל פון זייערע מאָשעען האָבן אויף די שפּיצן מגן-דודס, אָנשטאָט אַ האַלבע לבנה.

עס איז נישט שווער צו דערקענען, אַז דער סודאַנער איז אַ מענטש פון אַן אַנדער ראַסע, ווי דער אַראַבער אין צפון-אַפריקע אָדער אין נאָענטן מזרח, וועלכער איז דאָך ברייט און פעסט געבויט. אָט דער טיפּ, וועלכן איר זעט דאָ — דערקלערט מיר אַן ענגלענדער — איז דער אייגנטלעכער מענטשן-טיפּ ביי די ברעגעס פון „רויטן ים״. דער מענטש מוז דאָ זיין לייכט, דאַן פאַרטראָגט ער לייכטער די היצן און קאָן אויספירן די אַרבעט מיט געזאַנג אויף די ליפּן.

יערנפאַלס איז עס אַ שיינע מענטשן-ראַסע און אויך אַ זויבערע. פיל זויבערער פון די אַראַבער, וועלכע מען באַגעגנט אין עגיפּטן, סיריען און ארץ-ישראל. די סודאַנער אַרבעטן פאַר ביליק געלט. זיי פאַרדינען נישט מער, ווי 6 — 7 פּיאַסטער אַ טאָג. אָבער דאָס איז פאַר דעם דורכשניטלעכן סודאַנער גענוג אויף אויסצוקומען מיט דער „פּרנסה״. פאַרשטייט זיך, אַז פּונקט ווי אין עגיפּטן זענען אויך דאָ די פּרנסה-באַדערפעניש פון פּשוטן בשר-ודם מינימאַלע. און זיי זענען צופרידן מיט זייער גורל.

פיל סודאַנער, וואָס קאָנען נישט געפינען קיין אַרבעט אין אייגענעם לאַנד, וואַנדערן אויס קיין עגיפּטן, וווּ זיי פאַרדינגען זיך אַלס הויז-דינער. די אייראָפּעער אין עגיפּטן נעמען גערן סודאַנישע דינער, ווייל זיי זענען פיל ריינער ווי די עגיפּטישע. אַזאַ סודאַנער פאַרדינט אין עגיפּטן צוויי מיט אַ האַלב פונט אַ חודש, טוט עבודת-פרך און איינמאָל אין צוויי יאָר באַקומט ער אַ דריי-חדשימדיקן אורלויב, אויף צו קאָנען אַריבערפאָרן צו דער פאַמיליע אין סודאַן. נאָך דער דאָזיקער

צייט קומט ער ווידער צוריק צו זיין אַרבעטס-שטעלע, ווו ער איז צוגעבונדן, ווי אַ טרייער שקלאַף.

פאָרט סודאַן איז דער הויפט-פאָרט. די הויפט-שטאָט כאַרטום ליגט פיל טיפער אין לאַנד און כדי אַהינצוקומען, מוז מען פאַרברענגען צוויי טעג אין באַן. דאָרט איז אויך דער הויפט-זיץ פון דער קאָלאָניאַלער רעגירונג, וועלכע איז אַ גע-מישטע ענגליש-עגיפטישע. נעבן דעם ענגלישן הויפט-גובערנאַטאָר איז פאַראַן אויך אַן עגיפטישער בעל-יועץ, וועלכער האָט אָבער אין אַלגעמיין אַ קנאַפּע דעה.

אַזוי ווי מיר שטייען דאָ קנאַפּע צוויי מעת-לעת, האָב איך צייט אַראָפּצוגיין אין שטאָט און צוקוקן זיך צום אָרטיקן לעבן. דער גאַנצער מסחר קאָנצענטרירט זיך אין די גרויסע באַזאַרן, וואָס זייערע אייגנטימער זענען דאָס רוב אַראַבער און גריכן. יידן זענען אין שטאָט פאַראַן נאָר געציילטע. פאַ-ראַן דאָ פיל נייע מאָדערנע בנינים, וווּ עס קאָנצענטרירט זיך די ענגלישע קאָלאָניאַל-מאַכט, און אויך שיינע ווילעס, וווּ עס וווינען די ענגלישע באַאַמטע.

אין אָוונט האָב איך אין אַ קאַפע זיך געטראָפן מיט גאָר אַן אינטערעסאַנטער געזעלשאַפט.

דער קאַפע-באַזיצער, אַן אינטעליגענטער פראַנצויז, פירט מיך צוזאַמען מיט אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, וואָס האָט זיך נאָר-וואָס אומגעקערט פון אַ רייזע איבער ליביען, וווּ ער האָט באַגלייט מוסאָלינין און איז געווען אַן עד-ראיה פון די גראַנ-דיעזע מאַניפעסטאַציעס, וועלכע זענען דאָרט איינגעאָרדנט גע-וואָרן לכבוד דעם פריש-געבאַקענעם „באַשיצער פון איסלאַם". ביי דעם זעלבן טיש זיצט אויך אַ העכערער באַאַמטער פון דער סועץ-קאָמיסיע, וועלכער איז קיין סודאַן געקומען אין אַ געשעפטלעכן ענין און — דער דייטש פון אונזער שיף.

— ווי גלויבט איר, מיינע הערן, ווען וועלן מיר ווידער האָבן אַ קריג? וויפל צייט גיט איר מיר — שמייכלט ער — צו ליקווידירן דאָ מיין געשעפט און צוריקצופאָרן מיט דעם אָפּגעשפּאָרטן געלט קיין פראַנקרייך?

מערקווירדיק: זינט איך געפינ זיך ביי די ברעגעס פון „רויטן ים" איז נאָך נישט אַוועק קיין טאָג, אַז דאָס וואָרט קריג זאָל זיך נישט אָפּשלאָגן אָן מיינע אויערן. אין עגיפּטן האָט מען גערעדט פון קריג, איטאַליענישע מאַטראָזן וואָרטן מיט בענקעניש אויף דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן גערופן ווערן אין קריגס-פלאָט קעגן ענגלאַנד און דערביי פאַרדינען א טאָפּלטע פענסיע ווי אויף די האַנדלס-שיפן, און דאָ אין פּאָרט-סודאַן, בשעת מען פּרוּווט זיך דינגען אין אַ געשעפט וועגן אַ פּרייז, הערט מען באַלד די באַמערקונג:

— דינגט אייך נישט, אָט קומט אַ מלחמה און איר וועט נישט באַקומען די סחורה, אַפילו ווען איר וועט באַצאָלן דאָס טאָפּלטע!

מלחמה-משוגעת? ניין, דאָס לעבן נאָך די מענטשן אונ-טער דעם פּסיכאָז פון איטאַליעניש-אַביסינישן קריג און זיי קאָנען נישט גלויבן, אַז ענגלאַנד זאָל מוחל זיין אויף דעם פאַרשוועכן פון איר פּרעסטיזש. זעט מען ווידער, ווי ענגלאַנד בויט אַלץ נייע קאַשאַרן אין מדבר, ווי עס אַנטשטייען נייע פלי-פעלצער, ווי עס באַוויזן זיך קלענערע און גרעסערע מי-ליטערישע אַעראָפּלאַנען; און קוקט מען זיך נאָך צו, ווי די רעגירונג האָט מיטאַמאָל גענומען בויען פעסטע און גוטע שאָ-סייען, וועלכע פירן ביז ווייט אין מדבר אריין, בעת פריער האָט דערויף די אָרטיקע באַפעלקערונג אומזיסט געוואַרט לאַנגע יאָרן — גלויבן די איינוווינער פון די דאָזיקע קאַנטן, אַז ענג-לאַנד גרייט זיך צו געבן דעם ריכטיקן ענטפער איטאַליע, און מען מיינט, אַז דער קריג איז גאָר נאָענט.

דער אַמעריקאַנער, וועלכער זיצט ביי אונזער טיש און רעפּרעזענטירט אַ גרויסע ניו-יאָרקער צייטונג, האָט זיך ספּע-ציאַליזירט אין דער פּאָליטיק אויף דעם אַפריקאַנישן קאָנטינענט. ער האָט מיטגעמאַכט די גאַנצע איטאַליענישע מלחמה אין אַבי-סיניע. איצט קומט ער פון ליביען. ער איז כמעט איבערצייגט, אַז די קומענדיקע וועלט-מלחמה וועט זיך אָנהייבן ביים סועץ-קאַנאַל. ענגלאַנד שרעקט זיך נישט פאַר דייטשלאַנד, — באַמערקט

ער, — דייטשלאַנד וועט נאָך לאַנגע יאָרצענדליקער נישט שפּילן קיין שום באַדייטנדיקע ראָל אויפן ים. ענגלאַנד נעמט אָבער ערנסט די געפאַר, וואָס דראָט מצד מוסאָלינין. ביי די ווער-טער וויקלט דער אַמעריקאַנער פונאַנדער אַ גרויסע מאַפּע פון אַפריקע, ווייזט אָן אויף דעם לויף פון נילוס און אויף דער וויכטיקסטער נילוס-קוועלע ביי דער טאַנאַ-אָזערע, וואָס געפינט זיך אין צפון-אַביסיניע. דורכן אָפּשליסן די טאַנאַ-אָזערע און ווענדן אירע וואַסערן אין אַן אַנדער ריכטונג (ביי דער היינ-טיקער טעכניק לאָזט זיך עס לייכט דורכפירן!) איז מוסאָליני בכוח אויסצוטריקענען אַ האַלבן נילוס און צו פאַרוואַנדלען דעם גרעסטן טייל פון סודאַן און עגיפּטן אין אַ מדבר. ווייסן מיר דאָך אַלע, אַז די הויפּט-קוואַלן פון בלויען נילוס געפינען זיך אין אַביסיניע, און אָך און ווי וואָלט געווען צו עגיפּטן, ווען זי זאָל זיין אָנגעוויזן נאָר אויף די וואַסערן פון ווייסן נילוס, וואָס קומען פון צענטראַל-אַפריקע און אויף דעם ווייטן וועג טריקענען זיי האַלב איין. מוסאָליני — גלויבט דער אַמע-ריקאַנער — האָט פאַרוווּנדעט דעם ענגלישן לייב אין זייער אַן אָנגעווייטיקטן פונקט, און די מענטשן, וואָס זענען נאָנט צו אַלע געשעענישן, קאָנען נישט גלויבן, אַז ענגלאַנד זאָל מסכים זיין, אויף אַ לאַנגע צייט צו לאָזן זיך שאַכירן דורך מוסאָלי-נין און יעדן מאָמענט פילן די סכנה פון פאַרלירן איר הויפּט-שטיצע אין אַפריקע. דער אַמעריקאַנער גלויבט, אַז עס איז נאָר אַ פראַגע פון צייט. וועט ענגלאַנד זיין גענוג שטאַרק באַ-וואָפנט, וועט דער ענגליש-איטאַליענישער קאָנפליקט ווידער אָננעמען אַ שאַרפערע פאָרם. איינס איז זיכער: די נאָנטסטע מלחמה וועט נעמען איר אָנהויב אָט אין דער געגנט, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט.

דער באַאַמטער פון דער סועץ-קאָמיסיע נעמט זיך נישט שטאַרק איבער מיט די פעסימיסטישע פערספּעקטיוון פונם אַמע-ריקאַנער. אויך ער גלויבט אין אַ נייער מלחמה, כאָטש ער האַלט נישט, זי זאָל אויסברעכן פריער ווי אין פיר-פינף יאָר אַרום. אייגנטלעך, איז דאָך גענוג, אַז ענגלאַנד זאָל אָפּשליסן

דעם סועץ־קאַנאַל און דאַן ווערט איטאַליע אָפּגעשניטן פון איר ים־וועג צו אַביסיניע. אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סועץ־קאָמיסיע האָבן די ענגלענדער נאָך אַלץ די מערהייט און — די הויפּט־דעה. און וואָס עס פאַרדריסט גאָר שטאַרק די איטאַליענער איז, אַז מיט דעם גאָלד, וואָס זיי האָבן געמוזט איינצאָלן אין דער סועץ־קאָמיסיע פאַרן דורכפאָרן פון זייערע קריגסשיפן קעגן אַביסיניע, איז די קאַנאַל־קאָמיסיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן גאָלד־אוצר. יאָ, אין דער סועץ־קאַנאַל־קאָמיסיע איז היינט אָנגעזאַמלט מער גאָלד ווי אין דער גרעסטער אייראָפּעישער באַנק.

דער ענגלישער באַאַמטער פון דער סועץ־קאָמיסיע דענערווירט זיך נישט, און פונקט ווי דאָס רוב ענגלענדער קוקט צו רויִק אין דער צוקונפט, כאָטש מען רעכנט זיך מיט דער מעגלעכקייט פון אַ מלחמה. ווי עס זאָל נישט זיין, גייט דערווייל דאָס געלט אין די ענגלישע קאַסעס און אַפילו די אין 60 פּראָצענט ענגלישע סועץ־קאָמיסיע ווערט מיט יעדן טאָג רייכער פון דעם גאָלד, וואָס מוסאָליני פרעסט אַרויס ביי דעם אָרעמען איטאַליענישן שטייער־צאָלער, כדי צו שיקן אַלץ נייע שיפן מיט מענטשן און בוי־מאַטעריאַל קיין אַביסיניע, אויף דעם וועג דורך — סועץ.

דער טויטער ברעג

מאסוא, 4־טן אַפּריל

מיט יעדן טאָג ווערט די היץ אויף דעם ים־סוף אַלץ שטאַרקער. היינט אין דער פרי, ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען, האָט דער טערמאָמעטער אויפן דעק אין שאָטן געוויזן 31 גראַד צעלזיוס. ביינאַכט איז אין דער קאַבינע אוממעגלעך געווען צו שלאָפן, כאָטש טיר און פענסטער זענען געווען אָפן און דער ווענטילאַטאָר האָט געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט. פון אונזערע מלבושים טראָגן מיר שוין נישט מער ווי אַ פּאָר קורצע ווייסע הייזעלעך, אַ העמד און ווייסע טעניס־שיך. אָט דאָס — צוזאַמען מיט דעם טראָפּישן העלם אויפן קאָפּ — איז היינט די אַלגעמיינע „הלבשה" פון די מענער אויף דער שיף. און פונדעסטוועגן פילן מיר, ווי אַלץ גליט אַרום אונז און אומזיסט יאָגן זיך די פּאַסאַזשירן אַרום איבער דער שיף, כדי צו געפינען עפּעס אַ ווינקל, עפּעס אַן אַנטרינונג פון דער דושנעקייט און דער היץ.

יאָ, שווער צום אַריבערטראָגן איז דער קלימאַט ביים „רויטן ים", וואָס הויבט זיך אָן ביים סועץ־קאַנאַל און ענדיקט זיך ערשט מיטן שמאָלן אַרויסגאַנג צווישן דזשיבוטי און אַדען.

מיר געפינען זיך איצט אין דער הייסעסטער געגנט פון דער וועלט. פאַמעלעך דערנענטערן מיר זיך צו דער שטאָט, וווּ די היצן דערגרייכן זייער קולמינאַציע־פּונקט.

איך פיל זיך שטאַרק מיד פון דער דושנעקייט ביינאַכט און פון דער נייער היץ־כוואַליע, וואָס איז געקומען באַלד ווי דער טאָג האָט זיך געשטעלט; אָבער איך גיי נישט אַראָפּ פון דעק. פון דערווייטנס זעט מען געגנוי דעם גאָלד־זאַמדיקן

מדבר, וואָס די איטאַליענער האָבן אָנגערופן : „לאַ פאַססאָ קאַל-מאָ״ — דער שווייגנדיקער ברעג, און די איינגעבוירענע רופן עס פראָסט פשוט : „דער טויטער ברעג״. אָט דער מדבר רוקט זיך אונטער ביז צו מאַסואַ.

פאַרוואָס רופט מען עס : „דער טויטער ברעג״ ?

פשוט דערפאַר, ווייל עס וואַקסט דאָרט נישט קיין שום גרינס. עס לעבט דאָרט נישט קיין שום באַשעפעניש. אפילו די איינגעבוירענע קאָנען נישט לאַנג אויסהאַלטן אין דאָזיקן מדבר. דאָ האָבן די איטאַליענער צוליב סטראַטעגישע טעמים געמוזט בויען דעם שאָסיי, וואָס פירט ווייטער קיין עריטרעאַ. ביים בויען דעם וועג האָבן געאַרבעט טויזנטער שוואַרצע און די איטאַליענער האָבן דאָ געשפּילט נישט מער ווי די ראָל פון אויפזעער. און פונדעסטוועגן זענען פיל איטאַליענער אומגעקומען פון דער טויטנדיקער היץ.

פון דערווייטנס באַווייזט זיך שוין מאַסואַ – די שטאָט, וואָס האָט געשפּילט כמעט אַ דעצידירנדיקע ראָל אין איטאַליע-ניש-אַביסינישן קריג. אַהער זענען דאָך אין משך פון צוויי יאָר צייט אָנגעקומען אָן אויפהער טראַנספּאָרטן פון איטאַליענישע אַרבעטער און זעלנער, וואָס עס האָט סוף כל סוף דערפירט צו דער פולשטענדיקער מפּלה פון אַביסיניע.

מיר פאָרן גאַנץ פּאַמעלעך.

אין פּאָרט פון מאַסואַ שטייען פיל שיפן, מוז מען דערי-בער פּאַמעלעך מאַנעווירן, כדי אַריינצוקומען אין פּאָרט.

וואָס נענטער מען קומט, אַלץ בולטער דערקענט מען די קלענערע און גרעסערע קריגס-שיפן, דערפון איינע אַ גאַנץ גרויסע, וואָס אירע האַרמאַטן-רערן זענען געווענדעט צו מאַסואַ.

אָבער – וואָס זאָל דאָס באַדייטן ? וואָס פאַר אַ שיף זינקט דאָ מיט אַ גאַנצער העלפט אין וואַסער און ליגט אויף איין זייט, כמעט אָנגעלענט אָן דעם ברעג ?

עס ווערט צווישן די איטאַליענער ביי אונז אויף דער שיף אַ שטיקל טומל. אויף אַ ראַדיאָ-טעלעגראַפישע אָנפראַגע אין פּאָרט

באַקומט מען דעם ענטפער, אַז היינט גאַנץ פרי האָט פּאַסירט די קאַטאַסטראָפע.

„טשעזאַרע באַטיסטע" הייסט די שיף. פאַר די שטענדיקע צייטונגס-לעזער דאַרף דער דאָזיקער נאָמען נישט זיין אינגאַנצן אומבאַקאַנט. אין דער צייט פון דער אַביסיניער מלחמה האָט מען אַזוי פיל מאָל געהערט, אַז די דאָזיקע שיף איז אָנגעקומען קיין מאַסואַ, האָט געבראַכט כּך-וכּך זעלנער און כּך-וכּך אַרבעטער. אויך היינט איז דער פרי „טשעזאַרע באַטיסטע" אַהער אָנגעקומען, פירנדיק מיט זיך סך-הכל 60 זעלנער. גראָד אין מאָמענט, ווען מען האָט אָנגעהויבן אויסלאָדן פון שיף, איז פאָרגעקומען אַן אויפרייס, וואָס זיין הילך האָט זיך צעטראָגן איבער דעם גאַנצן פּאָרט. אין דער זעלבער מינוט האָט די שיף אָנגעהויבן זינקען און נאָר אַ דאַנק דער באַלדיקער רעטונגס-אַקציע, איז געלונגען צו באַפעסטיקן זי צו דעם שטיין-ברעג און צו דערהאַלטן זי אין דעם מצב, אין וועלכן זי געפינט זיך איצט. ווען מען האָט איבערגעציילט די מענטשן, וואָס זענען אַראָפּ פון שיף, זעלנער און שיפס-מאַנשאַפט, האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז עס פעלן 4 פּערזאָן. די הרוגים ליגן באַגראָבן אין טיפסטן טייל פון שיף און עס וועט נאָך פיל צייט געדויערן, ביז מען וועט זיי קאָנען פון דאָרט אַרויסנעמען. אַ חוץ דעם איז פאַראַן אויך אַ ריי פאַרווונדעטע.

פון וואַנען איז געקומען דער אויפרייס?

צווישן די פּשוטע איטאַליענער, וואָס האָבן זיך שוין צוגעוווינט אין יעדער צרה און אין יעדער אָנשיקעניש צו זען די האַנט פון ענגלענדער, האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז דעם אויפרייס האָבן גורם געווען ענגלישע שפּיאָנען. עס וואָלט געווען נאַיוו צו גלויבן דערין, ווייל וועלכן אינטערעס וואָלט געקאָנט האָבן ענגלאַנד צו צעשטערן אַ וועטעראַן פון איטאַליענישן פלאָט, וואָס האָט זיין אויפגאַבע אין דער מלחמה שוין פולשטענדיק דערפילט און איצט שפּילט ער מער נישט קיין וויכטיקע ראָל? ניין, גיכער דאַרף מען גלויבן, אַז דאָ איז געשען סתם אַן אומגליק, בפרט, אַז עס איז גאָרנישט שווער,

אַז בײַ אַזאַ טעמפּעראַטור זאָל אויף אַ צעהיצטער שיף פּאַרקו־מען אַן אויפרייס פון דעם דינאַמיט, וועלכער האָט זיך אָן שום ספק געפונען צווישן די מאַטעריאַלן, וואָס „טשעזאַרע באַטיסטע האָט מיט זיך געבּרענגט קיין מאַסואַ.

דער גאַנצער פּלאַץ בײַם ברעג, ווו עס איז באַפעסטיקט „טשעזאַרע באַטיסטע“, איז אַרומגעצוימט געוואָרן מיט אויסגע־ליידיקטע אַספאַלט־פּעסער. גראָד קומט אַזוי אויס, אַז אונזער „דוקעססאַ“ ווערט פאַראַנקערט אין שכנות, כּדי דאָ אויסצולאָדן די סחורות, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט קיין מאַסואַ.

און סחורות זענען פאַראַן פיל: אַ גרויסער טראַנספּאָרט ברעטער פאַר בוי־צוועקן, פיל לאַסט־ און פּערזאָנען־אויטאָמאָ־בילן. דאַן אויך מאַשינען פאַר דער לאַנדווירטשאַפט און פאַר פאַבריקן.

די פאָרמאַליטעטן ווערן דאָ גיך דורכגעפירט. איז עס דאָך אַן איטאַליענישער פּאָרט. און אַזוי ווי אונזער שיף דאַרף דאָ בלייבן גאַנצע 4 טעג, האָב איך ממילא גענוג צייט, כּדי אַריינצוכאַפּן זיך טיפער אין אַביסינישן לאַנד, מיט וועלכן עס זענען איצט פאַרייניקט אויך עריטרעאַ אין צפון און איטאַליע־ניש סאָמאַלי־לאַנד אין דרום.

בײַ אַ גליענדיקער היץ גיי איך אַראָפּ אין שטאָט אַריין, מאַסואַ האָט היינט 43 גראַד צעלזיוס אין שאָטן.

אָבער אין פּאָרט לויפן נישט בלויז די אַביסינישע בעלי־עגלות נעבן זייערע וועגענער, וואָס ווערן געשלעפּט פון אייזלען, נאָר אויך פיל ווייסע גייען דאָ, גלייך ווי די דאָזיקע טעמפּע־ראַטור וואָלט פאַר זיי געווען אַ גאַנץ נאָרמאַלע.

יאָ, די היצן זענען דאָ טיילמאָל נאָך פיל שטאַרקער און דערגייען אָפט ביז צו 50 גראַד און העכער.

אָבער דער מענטשלעכער אָרגאַניזם געוווינט זיך צו צו פאַר־טראָגן היצן, וועלכע ער האָט פריער קיינמאָל נישט מיטגעמאַכט. היינט מאַכן מיך די 43 גראַד ווינציקער מיד, ווי די עטלעכע און דרייסיק גראַר היץ אין די נאָכמיטאָג־שעהן אויפן ים.

אין שכנות פון פּאָרט זענען פאַראַן אַ ריי באַזאַרן און

פאַרטרעטונגען פון וועלט-פירמעס ; עטוואָס ווייטער געפינען זיך קראָמען פון די איינגעבוירענע. קודם כל וואַרפט זיך אין די אויגן די געוואַלדיקע צאָל געוועלבלעך פון לעמאָנאַד, אָראַנזשאַד, מינעראַל-וואַסער, לאָדעס און שוואַרצע קאַווע. זעלטן-ווו באַמערקט מען אַ רעסטאָראַן. דוכט זיך, אַז אין דער דאָזיקער שטאָט, ווו די זון ברענט, ווי אַ גיהנום-פייער, פאַרגעסט מען אָן עסן — דאָ וויל מען בלויז טרינקען. און כאָטש אַלע ווייסן, אַז וואָס מער מען טרינקט, אַלץ גרעסער ווערט דער דורשט, אַז דאָס בעסטע מיטל איז איינהאַלטן דעם דורשט און באַהערשן אים — פונדעסטוועגן טרינקען אַלע און ווען עס קומען די שפּעטערע אָוונט-שעהן אין מאַסואַ, הייבן שוין אָן צו פעלן אין די געשעפטן ציטרינען אויף צו מאַכן לעמאָנאַד, און דער עולם מוז זיך דאַן באַגנוגענען מיט פּשוטן קאַלטן מינעראַל-וואַסער, וואָס ווערט דאָ פאַרקויפט צו אַ געניוג טייערן פּרייז: פיר איטאַליענישע ליר פאַר אַ פלאַש. אָבער קיינער פרעגט נישט אויף קיין פרייז.

איך גיי צו צו דער סטאַציע פון די „קאַראַביניערי" (איטאַליענישע זשאַנדאַרמעריע) און אָן באַזונדערע שוועריקייטן באַקום איך די דערלויבעניש צו פאָרן קיין אַסמאַראַ, די הויפּט-שטאָט פון עריטרעאַ, פון וואַנען די איטאַליענער האָבן אָנגעהויבן זייער מאַרש אויף אַביסיניע.

אַ האַלבע שעה שפּעטער געפין איך זיך שוין אין אויטאָבוס, וואָס גייט פון מאַסואַ קיין אַסמאַראַ. אַ גרויסער אויטאָבוס, געטיילט אין צוויי חלקים. אין ערשטן טייל פאָרן די ווייסע, אין צווייטן — די שוואַרצע און אויך די אַראַבער, וואָס ווערן דאָ פונקט אַזוי באַהאַנדלט, ווי די שוואַרצע. עס איז אַרום האַלב דריי נאָכמיטאָג.

עס פאָרן אין אויטאָבוס נישט מער ווי אַן אַכט איטאַליענער און פונקט אַזוי פיל איינגעבוירענע. די איטאַליענישע מיטפאָרער זענען על-פי-רוב אַרבעטער, ספּעציאַליסטן, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן קיין אַסמאַראַ. דער שאָפער איז נאָך גאָר אַ יונגער. איך ווער באַלד געוווּיר, אַז ער איז קוים מיט אַ

האַלב יאָר צוריק געקומען פון איטאַליע. דאָרט האָט ער גע־לערנט אין אַ שול. איינגעפּונען. אַז איטאַליע האָט גענוג פּראָ־פעסיאָנעלע אינטעליגענץ, און דעריבער האָט ער באַלד אויסגע־וואַנדערט אַהער, ווו ער האָט באַלד באַקומען אַרבעט. שאָפערן פאַרדינען אין אַביסיניען זייער גוט. זייער מאָנאַט־געהאַלט באַ־טרעפט פון 3.000 ביז 4.000 איטאַליענישע ליר, וואָס עס מאַכט אויס אַן ערך 30 ביז 40 ענגלישע פונט. קיין שום שאָ־פער אין איטאַליע קאָן נישט חלומען אפילו וועגן אַזאַ פאַר־דינסט. און דעריבער איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס אָט דער יונגערמאַן איז צופרידן מיט זיין גורל, פונקט ווי טויזנטער אַנ־דערע איטאַליענער, וועלכע זענען דאָ אויפגעריכט געוואָרן מיט פרנסות.

דער אויטאָ שניידט גיך דורך דעם „טויטן ברעג" און לאָזט זיך אַוועק אויף דעם גלענצנד אַספאַלטירטן שאָסיי אין דער ריכטונג פון די בערג, ווו מיר דאַרפן דערגרייכן אַסמאַראַ אין 4 שעה אַרום.

דערווייל באַגעגענען מיר מאַסן האַלב־נאַקעטע איטאַליעני־שע אַרבעטער, וואָס האַקן שטיינער און בויען די שאָסייען. צו דער היץ האָבן זיי זיך שוין ווי ס'איז צוגעוווינט און עס לאָקט זיי דער פאַרדינסט פון 40 ביז 50 ליר אַ טאָג. לענגער אָבער, ווי אַנדערטהאַלבן ביז צוויי יאָר קאָן קיינער פון זיי ביי די דאָזיקע אַרבעטן נישט אויסהאַלטן. דערנאָך מוז ער צוריקפאָרן מיט דעם אָפּגעשפּאָרטן געלט קיין איטאַליע און דערביי אויך טראַכטן וועגן ראַטעווען זיין געזונט.

ברייט איז דער שאָסיי און ער הויבט זיך אַלץ העכער. און וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון מאַסואַ — אַלץ אָפּ־טער טרעפן מיר אָן אויף אַ דערפרישנדיק ווינטל, ביז מען קאָן ענדלעך ווידער פרייער אָפּעטעמען, נישט ווערנדיק מער געשטיקט פון היץ און דושנעקייט. אין צוויי שעה אַרום געפי־נען מיר זיך שוין אויף אַ הויך פון טויזנט מעטער. דער שאָסיי דרייט זיך דאָ צווישן די באַרג־שפּיצן און מען מוז מודה זיין,

אַז אַ גיגאַנטישע אַרבעט איז געווען נויטיק, פדי פון די ווילדע בערג אויסצוהאַקן אָט דעם ווונד-רפולן וועג.

געוואַלדיקע שטיין-בלאָקן זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון די בערג. דאָ טרעפט מען אומצייליקע מאָל אויסגעקריצט די אויפשריפטן: „וויוואַ איל דוטשע! וויוואַ איל אימפּעראַטאָרע! וויוואַ גראַציאַני!" (זאָל לעבן דער דוטשע! זאָל לעבן דער אימפּעראַטאָר! זאָל לעבן גראַציאַני!).

יאָ, דאָס איז דער וועג, וואָס הונדערטער, טויזנטער איטאַליענישע אַרבעטער האָבן ביי אים געאַרבעט אין פאַרלויף פון העכער צוויי יאָר. זיי האָבן עס צוגעגרייט דעם שפּעטערן מאַרש, און די איטאַליענער האָבן דאָ געקאָנט מיט אַן אומגעווײנלעכער לייכטקייט אַריבערוואַרפן אַרמייען פון הונדערטער טויזנטער זעלנער.

עס ווערט טונקל. עס הויבט אָן ווייען אַ קילער ווינט און איך מוז אָנטון דעם מאַנטל. אַזאַ געוואַלדיקער אונטערשיד אין דער טעמפּעראַטור איז פון דאַנען ביז מאַסואַ.

די גאַנצע געגנט איז באַלויכטן מיט רעפלעקטאָרן פון צענדליקער אויטאָס. ס׳רוב גרויסע און שווערע, פול מיט סחורות. זיי פאָרן פון מאַסואַ קיין אַסמאַראַ און צוריק. מיר פאָרן פאַרביי אַן איטאַליענישע מיליטער-קאָלאָניע, פון וואַנען עס דערטראָגט זיך צו אונזערע אויערן דער געזאַנג פון מלחמה-לידער. דער קריג אין אַביסיניע איז שוין פון לאַנג פאַרענדיקט, אָבער דער מלחמה-גייסט לעבט נאָך אין דעם לאַנד, וווהין עס גייט איצט אַ שטראָם פון קראַפט און ענערגיע צו גראַנדיעזע אויפטוען.

פאַמעלעך דערנענטערן מיר זיך צו אַסמאַראַ. די הויפּטשטאָט פון עריטרעאַ, אויף אַ הויך פון אַן ערך צוויי טויזנט מעטער, איז איצט איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל, דורך וועלכן עס רייסן זיך אָבער פאַמעלעך דורך די ערשטע עלעקטרישע ליכטער פון אַ גרעסערן ישוב.

אַסמאַראַ

אַסמאַראַ, 5־טן אַפּריל

צי דערמאָנט איר זיך אָן טשאַפּלין־פילם „גאָלד־פיבער", וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם? ביז צום היינטיקן טאָג האָב איך נאָך אין זכרון די סצענעס, ווי מאַסן מענטשן, וועלכע האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן, ציען קיין קלאָנדיקע, כּדי דאָרט נתעשר צו ווערן פון די גאָלד־גרובנס, וואָס מען וועט אפשר געפינען.

אָט יענע בילדער זענען מיטאַמאָל לעבעדיק געוואָרן פאַר מיינע אויגן, ווען איך בין נעכטן אין אָוונט אָנגעקומען קיין אַסמאַראַ.

אַ טומל, אַ לויפעניש און אַ זוכעניש. אַלע זענען באַ־הערשט נאָר פון איין ווילן: אָנצוזאַמלען וואָס מער גאָלד און וואָס גיכער אויסצונוצן די קאָניונקטור, וואָס האָט זיך געשאַפן פאַר די איטאַליענער מיטן איינמעמען אַביסיניע.

אַסמאַראַ איז אַרומגעכאַפּט פון אַ גאָלד־פיבער. אַלע ווילן רייך ווערן און דערוויילן פאַרדינען אַלע פיל, זייער פיל געלט.

איידער איך בין אַראָפּ פון אויטאָבוס, וואָס האָט מיך געבראַכט פון מאַסואַ, האָט מיך דער שאָפער געפרעגט:

— ווו רעכנט איר צו נעכטיקן אין אַסמאַראַ?

— אין אַ האָטעל, — האָב איך געענטפערט.

דער שאָפער האָט זיך צולאַכט און דערנאָך צוגעגעבן:

— נו, יאָ, איר זענט דאָ אַ פרעמדער, ווייסט איר נאָך נישט, אַז אין אַסמאַראַ זענען אַלע האָטעלן פאַרנומען זינט לאַנגע וואָכן.

— וואָס־זשע טוט מען?

דער שאָפער האָט זיך פאַרטראַכט אַ רגע און דערנאָך געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס? איך וועל אייך צופירן אין אַ גרויסן רעסטאָראַן, ווו עס אַרבעט מיינס אַ באַקאַנטער קעלנער, און וועל אים בעטן, ער זאָל זיך אַרומקוקן, ווו עס איז דאָ אַ מעג־לעכקייט פאַר אייך איבערצונעכטיקן.

עס איז ווירקלעך געווען פריינדלעך מצד דעם יונגן שאָ־פער, וואָס ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט מיין גורל.

אַרום האַלב 9 אַזייגער אין אָוונט האָב איך זיך געפונען אין גרויסן רעסטאָראַן אויף דער גאַס פון „18־טן נאָוועמבער". צוויי ריזיקע זאַלן מיט טישן, געדיכט איינער נעבן אַנדערן. אָן שום ספק איז דאָ פאַראַן פּלאַץ פאַר טויזנט פערזאָן, אויב נישט פאַר נאָך מער. איז קודם־כל די ערשטע פראַגע, ווו צו באַקומען אַ פרייען פּלאַץ ביי אַ טיש. די קעלנער קאָנען זיך גאָר קיין עצה נישט געבן. אַזוי פיל אַרבעט האָבן זיי. אומעטום ווערן באַשטעלט קאַלאַציעס און כמעט אויף אַלע טישן ווערן אויסגעליידיקט פלאַשן מיט וויין, ביר, קאָניאַק, וויסקי. די שטימונג איז אַן אומגעוויינלעך לוסטיקע. די פון זון אָפּ־געבּרענטע פנימער זענען אויסגעלייטערט. קענטיק, אַז די דאָ־זיקע מענטשן זענען נישט נאָר לוסטיק, נאָר אויך צופרידן מיט זייער גורל.

עפּעס אַ מאָדנער עולם.

פיל זיצן דאָ אין פּשוטע אַרבעט־קליידער. פאַראַן אויך זעלנער און אָפיצירן און גאָר ווינציק „ציווילע" אין פאַשיס־טישע העמדלעך. די קעלנער און די מיטגלידער פון אָרקעס־טער זענען אָנגעטון אין שוואַרצע אָוונט־בגדים.

דער אָרקעסטער שפּילט איינס נאָכן אַנדערן ווינער מע־לאָדיעס.

דאָ, אין אַסמאַראַ, צווישן אָט דעם עולם, מאַכט עס אַ מאָדנעם איינדרוק.

און אָט מאַך איך מיין ערשטע „אַנטדעקונג":

די 5 מיטגלידער פון אָרקעסטער זענען יידישע פליטים פון דייטשלאַנד, וועלכע זענען געקומען אַהער מיט אַ צוויי חדשים צוריק. זיי באַקומען פון רעסטאָראַן־באַזיצער טויזנט ליר פאַר אַן אָוונט, וואָס עס מאַכט אויס אַן ערך צען ענגלישע פונט, אַ חוץ דעם — די פולע אויסהאַלטונג און אַ דירה.

ענדלעך ווערט אַ טישל פריי. איך באַקום אַ פלאַץ נעבן דריי איטאַליענישע אָפיצירן, וועלכע שטעלן זיך באַלד פאַר. אַזוי ווי איינער פון זיי רעדט פראַנצויזיש, פאַרקניפט זיך צווישן אונז אַ שמועס. זיי גיבן מיר אויפקלערונגען וועגן דעם עולם, וואָס איז פאַרזאַמלט אין אָט דעם לאָקאַל.

די העלפט פון עולם באַשטייט אָן שום ספק פון שאָפערן. דאָס איז איינע פון די בעסטע פראָפעסיעס פאַר אַן איטאַליע־נער אין אַביסיניע. די איטאַליענער, נעמלעך, בויען נישט אין אַביסיניע און אין די שכנותדיקע קאָלאָניעס קיין באַן־ליניעס, וועלכע זענען צו טייער און אומבאַקוועם. זיי בויען אָנשטאָט דעם — גוטע שאָסייען, איבער וועלכע עס קורסירן צענדליקער טויזנטער שווערע אויטאָס. אין אַסמאַראַ פאַרדינען די איטאַליע־נישע שאָפערן העכער 4.000 ליר אַ חודש (אַן ערך 40 ענג־לישע פונט!) און זיי קאָנען זיך דערלויבן צו לעבן דאָ אויף אַ ברייטער האַנט און, חוץ דעם, נאָך שיקן געלט קיין איטאַליע צו זייערע נאָנטע.

פאַראַן אָבער אין דאָזיקן לאָקאַל אויך פיל סוחרים, האַנדלס־אַגענטן און פאָרשטייער פון אינדוסטריע־פירמעס, וואָס זוכן נייע מעגלעכקייטן אין די „שוואַרצע" איטאַליענישע קאָ־לאָניעס און געפינען כמעט אומעטום אַ פריי אַרבעטס־פעלד פאַר זיך. פאַראַן אָבער אָן שום ספק צווישן דאָזיקן עולם אויך פיל אַוואַנטוריסטן, וועלכע שווימען שטענדיק אַפער דאָרט, וווּ עס בויט זיך אַ נייע וועלט.

אַלע האָבן אָבער גענוג געלט און גיבן עס אויס מיט אַ לייכטער האַנט.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דאָס געלט, וואָס ווערט פון איטאַליע אַרויסגעפירט קיין אַביסיניע אין דער פאָרם פון אַר־

נעטס-לוינען א. אַ. וו., קומט אין אַ גרויסער מאָס צוריק קיין איטאַליע. די קאָלאָניעס האָבן דערווייל נישט קיין שום אייגענע פּראָדוקציע און אפילו די לעמאָניאַדע, וואָס מען פאַרקויפט אייך אין גאַס אין אָריגינאַל-פלעשער, שטאַמט פון אַן איטאַליענישער פירמע אין פלאָרענץ. פאַר צוויי ליר טרינקט איר די לעמאָניאַדע און די פלאַש בלייבט אייערע, און אַזוי ווי איר האָט נישט וואָס צו טון מיט איר, וואַרפט איר זי אַוועק אָן אַ זייט. וואַלגערן זיך דאָ טאַקע נעבן די שאָסייען מאַסן פלעשער און גלאָז פון צעבראָכענע כלים.

איינער פון די איטאַליענישע אָפיצירן, וואָס זיצן צוזאַמען מיט מיר ביים טיש, לייגט מיר פאָר, איך זאָל גיין איבערנעכטיקן צו אים אין דער וווינונג. זיין פריינד, וואָס וווינט מיט אים צוזאַמען, איז גראָד אָפּגעפאָרן קיין אַדיס-אַבעבאַ, אַזוי אַז איין בעט איז דאָרט פריי. איך נעם גערן אָן די איינלאַדונג, און אַזוי-אַרום בין איך שוין פאַרזאָרגט מיט אַ נאַכט-לעגער, וואָס עס איז זייער אַן ערנסטער ענין פאַר אַ פרעמדן אין אַסמאַראַ.

און ווידער שפילט דער אָרקעסטער אַ „ווינער וואַלצער".

עס איז מיר אויפפאַלנדיק, וואָס קיינער טאַנצט נישט. אייגנטלעך, זעט מען דאָך נישט צווישן די אַן ערך טויזנט מענער אין דאָזיקן לאָקאַל קיין איינציקע פרוי. אויך אין אַנדערע לאָקאַלן, וווהין איך האָב יענעם אָוונט אַריינגעוואָרפן אַ בליק, האָט מען געקאָנט זען כמעט בלויז מענער-געזעלשאַפט.

ווו זענען דאָ די איטאַליענישע פרויען? — האָב איך אויף צומאָרגנס געפרעגט, ווען עס איז מיר, ביי מיין ערשטן גרעסערן שפּאַציר איבער די גאַסן, אויפפאַלנדיק געוואָרן, וואָס מען זעט אַזוי ווינציק ווייסע פרויען.

מען דערקלערט מיר, אַז אויף אַן ערך 50.000 איינוווינער האָט אַסמאַראַ היינט צו טאָג נישט מער, ווי אומגעפער 2.000 פרויען.

— פאַרוואָס אַזוי ווינציק? — פרעג איך — דאָס איז דאָך נישט קיין נאַטירלעכע דערשיינונג. אויב מען וויל קאָלאָ

ניזירן אַ לאַנד, מוז דאָך צוזאַמען מיט די מענער קומען אויך פרויען...

— יאָ, דאָס ווייסט מען גאַנץ גוט, — דערקלערט מען מיר, — אָבער די אַנטוויקלונג פון אַסמאַראַ איז אין לעצטן יאָר פאָרגעקומען אין אַזאַ ריזיק־שנעלן טעמפּאָ, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען אויסצובויען אַזוי פיל וווינונגען, וויפל עס איז נויטיק פאַר דער אָנגעפּאָרענער באַפעלקערונג. מענער קאָנען זיך נאָך ווי עס איז אַן עצה געבן, מען שלאָפט צו עטלעכע אין אַ צימער. ווען עס קומט אָבער אַ פרוי, מוז מען שוין אָנהויבן פירן אַ באַלעבאַטישקייט און דערצו מוז מען האָבן אַ דירה, וואָס איז דערווייל אַ יקר־המציאות אין אַסמאַראַ, פונקט ווי אין אַדיס־אַבעבאַ און אין אַלע גרעסערע שטעט אין אַביסיניע, וווּהין עס קומען איצט די ווייסע אין מאַסן.

דערווייל טראַכט בלויז אַ קליינער טייל פון די אָנגעקומענע ווען באַזעצן זיך דאָ סטאַביל, כאָטש דער קלימאַט אין עריטרעאַ, נישט ביים הייסן ברעג, נאָר ווייטער אין די בערג, איז אַ גוטער און לאָזט זיך לייכט פאַרטראָגן דורך אַן אייראָפּעער. די מערהייט טראַכט דאָ ווען מאַכן געלט און דאַן צוריקפאָרן קיין איטאַליע. עס איז אָבער נישטאָ קיין שום ספק, אַז אין משך פון דער צייט וועט זיך דאָ אויסקריסטאַליזירן אַן עלעמענט, וואָס וועט זיך באַזעצן אויף שטענדיק און קאָלאָניזירן דאָס לאַנד.

ווען איך בין געווען אין אַסמאַראַ, האָט די אָרטיקע איטאַליענישע צייטונג געבראַכט די ידיעה, אַז אַן איטאַליענישע קאָמיסיע פון אַגראַר־ספּעציאַליסטן, וואָס האָט געוויילט אין דער געגנט אויף דרום־זייט פון אַדיס־אַבעבאַ, האָט דאָרט געפונען גאָר גרויסע מעגלעכקייטן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. עס זענען דאָרט פאַראַן ריזיקע ערד־שטחים, וואָס זענען זייער פרוכטבאַר און גאָר שוואַך באַזעצט. לויט ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, רעכענען די איטאַליענער אין דער געגנט פון דזשיממאַ צו באַזעצן ביז אַ מיליאָן קאָלאָניסטן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז פאַרבונדן אויך מיט ריזיקע סומען,

ין וועלכע איטאַליע קאָן נאָך דערווייל נישט חלומען אפילו.
דערווייל באַגנוגנט מען זיך דערמיט, וואָס מען בויט
אָסייען אין אַלע וויכטיקע פונקטן פון אַביסיניע און ביי די
אָזיקע אַרבעטן זענען היינט צו טאָג באַשעפטיקט ביז 160.000
יטאַליענישע אַרבעטער, אַחוץ שוואַרצע, וועלכע ווערן טיילמאָל
זיך גענומען צוהילף.
ווען די איטאַליענער וועלן אָנהויבן זייער גרויסע קאָלאָ-
זאַציע, וועלן זיי מוזן אָנקומען צו דעם אויסלענדישן קאַפּי-
אַל, און עס קאָן זיין, אַז גראָד אין אַזאַ מאָמענט וועט מו-
סאָליני מוזן ענדערן זיין טאַקטיק און אָנהויבן זוכן אַ דער-
נטערונג צו ענגלאַנד, וועלכע איז די איינציקע מאַכט, וואָס
ז בכח צוצושטעלן די ריזיקע פינאַנציעלע מיטלען אויף צו
קספּלואַטירן די נאַטירלעכע רייכטימער פון אַביסיניע.

ווייסע יידן אין די שוואַרצע לענדער

אַסמאַראַ, 6־טן אַפּרי

ווענן די „שוואַרצע יידן" פון אַביסיניע האָט מען אוי
דער וועלט שוין פיל געהערט. ד"ר פייטלאָוויטש האָט נאָך מי
פיל יאָרן צוריק אָנגעהויבן פאָרשן זייער לעבן און זייער
מנהגים. עס איז וועגן דעם אויך פיל געשריבן געוואָרן בשע
דער איטאַליעניש־אַביסינישער מלחמה. דער איטאַליענישע
הויפּט־ראַבינאַט אין רוים האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט ז
דאָזיקע „יידן" און האָט צו זיי אַפילו אַרויסגעשיקט ספּעציעל
שליחים, כדי פעסטצושטעלן, אויף וויפל די דאָזיקע פאַלאַש
האָבן נאָך אַ וועלכע ס'איז שייכות מיט יידן.
אויף מיין וויטערדיקן וועג אין דזשיבוטי האָב איך בז
געגנט אַזעלכע „פאַלאַשן־יידן" און איך מוז מודה זיין, אַז שו
זייער אָנבליק האָט אין מיר דערוועקט דאָס געפיל, אַז מי
יידן קאָנען זיי נישט האָבן קיין גרויסע שייכות, פונקט ווי ע
איז לויט זייער הויט־פאַרב שווער אָנצונעמען, זיי זאָ
האָבן אַ שייכות מיט דער סעמיטישער ראַסע.
גערעדט האָב איך מיט יידישע סוחרים, וואָס קומען אָנ
אין די געגנטן, ווו עס וווינען די „פאַלאַשן" און זיי האָבן מ
איבערגעגעבן, אַז דער לעבנס־שטייגער פון די דאָזיקע „פּ
לאַשן" איז פונקט ווי פון די איבעריקע אַביסיניער. זייער הוי
פאַרב אונטערשיידט זיך נישט פון דאָס רוב אַנדערע אַביסיני
שבטים, און זייער מכלומרשטע „יידישע רעליגיע" האָט מ
אמתער יידישקייט גאָר אַ קליינע שייכות.
עס איז אָבער דאָ אין אַביסיניע אַן אַנדער יידיש
צווייג, וואָס איז אונז זייער נאָנט און וואָס דערהאַלט אין די

אַנד פון די שוואַרצע דעם זעלבן גלויבן און די זעלבע מנהגים, וואָס מיליאָנען אַנדערע יידן אויף דער וועלט. איך מיין די יי ס ע יידן אין די „שוואַרצע לענדער".

עס ווייזט זיך אַרויס. אַז אַפריקע איז פאַר יידן גאָרנישט זוי פרעמד, ווי מען גלויבט אין אַלגעמיין. צווישן די אַלע ייטע פעלקער, וואָס האָבן זייערע פאַרשידענע דערגרייכונגען ויף דעם אַפריקאַנישן באָדן, געפינען זיך אויך יידן.

ווען איך האָב זיך אָוועקגעלאָזט אויף דער אַפריקע־רייזע, אָב איך דערוואַרט, אַז אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון אָזיקן ערד־טייל וועל איך אָנטרעפן ערגעץ־ווו אויף איינעם דער אויף מערערע יידן; אָבער איך האָב זיך נישט גערעכט, ז אין אַסמאַראַ, למשל, וועל איך זיך צונויפטרעפן מיט אַ יידי־ער קהלה, אַ צבור פון יידן, וואָס לעבט נישט אַנדערש, ווי יידן אין וואַרשע, ניו־יאָרק, אָדער אַפילו אין וועלכער נישט יז שטאָט פון ארץ־ישראל.

גאַנץ צופעליק האָב איך זיך דערוווסט, אַז אין אַסמאַראַ ינען בכלל פאַראַן יידן.

ווען איך בין היינט פאַרמיטאָג געגאַנגען איבער דער יפט־גאַס פון אַסמאַראַ „קאָרסאָ רע", האָב איך אויף אַ גרויס שעפט געלייענט אויף דער שילד דעם נאָמען פון אינהאַבער חמן יאָסעף".

נחמן יוסף... — טראַכט איך ביי זיך — דאָס ווערט גע־ס נישט זיין קיין גוי. כדאי אַזוי־אַרום צו כאַפּן אַ קוק נעוויניק.

האָב איך אַריינגעוואָרפן אַ בליק.

אינעווייניק איז געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג. זעלנער ן ציוויל־קונים האָבן די סחורה ממש געריסן פון די הענט. ז מיר געווען אַ שאָד אין אַזאַ מאָמענט צו שטערן אין פדיון ן איך בין אַהער ווידער געקומען אין די מיטאָג־שעהן, ווען נים זענען דאָ געווען שוין ווינציקער.

ביי מיין אַריינקומען זאָג איך „שלום", אויף וואָס אַלע, ולכע שטייען ביים קראָם־טיש, ענטפערן מיר: „שלום, שלום".

און באַלד קומט אַריין פון דער צווייטער שטוב אַ ייד מ
אַ ברייטער, שוין עטוואָס גרויליעכער באָרד. ער דערלאַנגט מ
די האַנט און זאָגט אַרויס די העברעיִשע ווערטער: „בר
אתה בבואך!"

מ'דערלאַנגט מיר אַ שטול, מ'פאַרגעסט אָן די קוני
וואָס זענען גראָד אין דעם מאָמענט אַריינגעקומען, און אַ
רינגלען מיך אַרום, וועלנדיק געוויר ווערן, פון וואַנען ז
קומט דער פרעמדער ייד.

ווען איך דערצייל זיי, אַז מיין וועג פירט פון ווי
פוילן איבער ארץ-ישראל, צינדן זיך אָן פייערלעך אין זייע
אויגן און די יידן פרעגן מיך:

— נו, וואָס הערט זיך טאַקע אין ארץ-ישראל? ווי גי
עס דאָרט די יידן?

אינטערעסאַנט, וואָס דאָ רעדן העברעיִש נישט נאָר
מענער, נאָר אויך די פרויען און קינדער. עפּעס האָבן זיי ג
לייענט אין די איטאַליענישע צייטונגען וועגן אומרוען אין אר
ישראל און זיי וואָלטן גערן וועלן וויסן דעם גאַנצן אמת...

דאָס יונגע בחורל, וואָס איז געשטאַנען ביים לאָדן-ט
און איז פּלוצלונג פאַרשוווּנדן, קומט מיטאַמאָל צוריק אַר
און ווייזט מיר אַ קעסטל אָריגינעל-געפּאַקטע ארץ-ישראלדי
מצות. ס'איז גראָד נאָך פסח.

— ווי קומט עס אַהער? — פרעג איך.

— מיר דאָ, — ענטפערן די יידן, — האָבן נישט ק
מצות-בעקעריי. חוץ דעם ווילן מיר צוזאַמען מיט דער מצו
פון עסן מצות מקיים זיין אויך אַ צווייטע מצוה: העלפן ד
יידישן ישוב אין ארץ-ישראל. דירעקט פון ארץ-ישראל באַ
מען מיר אָבער נישט די מצות, ווייל עס זענען פאַראַן שוו
ריקייטן ביים אַרויספירן דעוויזן פון דאַנען קיין אויסלאַנד.
מען צו אונז די מצות אויף אַן אומוועג, — דורך די אדענ
יידן, מיט וועלכע מיר שטייען אין נאָנטע האַנדלס-באַציונגע

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ייד, צו וועלכן איך ה
צופעליק געטראָפן, איז גראָד דער פּרעזעס פון דער יידיש

קהלה אין אַסמאַראַ. יאָ, פאַראַן אין אַסמאַראַ 150 יידישע נפשות. דאָס רוב וווינען דאָ שוין זינט עטלעכע יאָרצענדלי־קער. איינציקווייז זענען זיי אַהער אַריבערגעקומען פון אַדען. פאַראַן דאָ אויך אַ שוחט, אַ רב, אַ חזן און אויך אַ מלמד פאַר די קינדער.

אַלע יידן פון אַסמאַראַ האָבן געשעפטן און פרנסה בהרחבה. זינט דער אַביסינישער מלחמה האָט זיך דער מסחר שטאַרק געהויבן און ס'איז אַ שפע פון פרנסה.

— ווי איר האָט מסתמא געזען, — רופט זיך אָן צו מיר דער יידישער סוחר, — פרעגט מען דאָ נישט אויף קיין פרייזן. וויפל סחורה מיר זאָלן נישט האָבן, ווערט אַלץ פאַרקויפט. עס וואָלט געווען ביי אונז פלאַץ נאָך פאַר פיל יידישע משפחות, וועלכע וואָלטן דאָ געקאָנט האָבן פרנסה, אָבער עס קומען צו אונז נישט מער קיין יידן. אַ גרויסער שאָד. מיר וואָלטן זייער וועלן, אַז דער יידישער ישוב ביי אונז זאָל וואַקסן.

דער קהלה־פרעזעס שיקט איינעם פון זיינע אָנגעשטעלטע, ער זאָל מיך באַגלייטן איבער דער שטאָט און מיך באַקענען אויך מיט אַנדערע יידן.

די אָרטיקע שול איז נישט גרויס און ווי מען גיט אי־בער, איז זי אין שבתים און ימים־טובים שטענדיק פול גע־פאַקט. אַלע יידן אָן אויסנאַם גייען צום דאַווענען בצבור און אַ חוץ דעם קומען זינט דער אַביסינישער מלחמה צום דאַווענען אויך גאָר פיל יידישע זעלנער און אָפיצירן פון דער איטאַליע־נישער אַרמיי, וואָס געפינען זיך אין אַסמאַראַ אָדער ציִען פאַרביי אין דער דאָזיקער שטאָט אויפן וועג קיין אַביסיניע.

אַזוי ווי עס איז אַ וואָכעדיקער טאָג, האָב איך אין שול געטראָפן אַ גרופע יידישע קינדער, וואָס האָבן געלערנט דאָרט חומש.

דער מלמד איז אַ יונגערמאַן פון תימן, און צוזינגענדיק זיך מיט אַן אָריענטאַלישן ניגון, פאַרטייטשט ער פאַר די קינ־דער די סדרה פון דער וואָך אויף אַראַביש, די קינדער דאָ

יערן שוין פון דער פריער יוגנט געוווינט צום קלאַנג פון פאַרשידענע שפּראַכן.

די שאָטן-זייט פון יידישן לעבן אין אַסמאַרא איז די אָפּגעריסנקייט פון די גרויסע יידישע קבוצים אויף דער וועלט. זעלטן ווען עס קומט אַהער אַ ייד פון אייראָפּע, און נענטערע באַציִונגען ווערן דאָ דערהאַלטן נאָר מיט דעם גרויסן יידישן ישוב אין אַדען.

אַ גאַנצע גייענדיקע וואָך זענען די יידן דאָ פאַרטאָגט מיט פרנסה... שבתים און ימים-טובים ווידער פאַרברענגען זיי דאָס רוב יעדער אין קרייז פון זיין אייגענער פאַמיליע.

אין שטוב רעדן די יידן פון אַסמאַראַ אַראַביש (שטאַמען זיי דאָך פון אַדען!) און איטאַליעניש. אַלע פאַרשטייען אָבער העברעיִש. וועגן לעבן פון די יידן אין אייראָפּע ווייסן זיי גאָר ווינציק. אַלע זייערע ידיעות וועגן דעם שעפּן זיי פון די איטאַליענישע צייטונגען.

די יידישע יוגנט אין אַסמאַראַ איז מיטגעריסן פון דעם אַלגעמיינעם פיבער, וואָס האָט דאָ אַלעמען אַרומגעכאַפּט: צו מאַכן אַ פאַרמעגן. יידישע יונגעלייט פון אַסמאַראַ פאָרן זייער אָפט קיין אַדיס-אַבעבאַ און אַנדערע מקומות פון אַביסיניע. עס קומען אַהין פון צייט צו צייט אויך יידן פון איטאַליע.

גראָד האָבן זיך אין אַסמאַראַ געפונען צוויי יידישע סוחרים פון אַדיס-אַבעבאַ. זיי אַליין שטאַמען פון אינדיע, אָבער זיי האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז אין אַדיס-אַבעבאַ זענען היינט צו טאָג שוין פאַראַן אַן ערך 25 אייראָפּעיִשע יידן (ס׳רוב איטאַליענישע!). אויך די דאָזיקע יידן גייט גוט אין מסחר און זיי טראַכטן איצט שוין וועגן גרינדן אַ יידישע קהלה אין דער געוועזענער הויפּט-שטאָט פון נעגוס.

זייער דאַוון-שטוב אין אַדיס-אַבעבאַ האָבן די יידן אין אַ פריוואַט-הויז. די אַמביציע פון די יידן איז אָבער אויפצובויען שוין אין דער נאָענטסטער צייט אַן אייגענע שול אין דער הויפּט-שטאָט פון עטיאָפּיע.

שוואַרצע טעג און ווייסער טריומף־מאַרש

מאַסוא, 8־טן אַפּריל

היינט אינדערפרי בין איך נאָך געווען אין אַסמאַראַ. לויט מיינע פּלענער האָב איך פון דאַנען געזאָלט פאָרן מיטן עראָפּלאַן קיין אַדיס־אַבעבאַ און ווייטער מיט דער באַן קיין דזשיבוטי, כדי דאָרט אָפּצוּוואַרטן אונזער „דוקעססאַ". אין לעצטן מאָמענט האָט אָבער אויסגעפעלט אַ פרייער פּלאַץ אין דעם פּאָסט־עראָפּלאַן, וואָס גייט קיין אַדיס־אַבעבאַ און אַזוי־אַרום האָב איך געמוזט, כדי נישט צו צעשטערן מיין ווייטערדיקן רייזע־פּלאַן, אומקערן זיך קיין מאַסוא.

צוריק בין איך געפאָרן מיט דער „ליטאָרינאַ", אַ מאָטאָר־וואַגאָן, וואָס יאָגט מיט אַ גרויסער שנעלקייט און מאַכט דעם וועג כמעט טאָפּלט גיכער, ווי דער אויטאָבוס.

פאַר דעם פענסטערל פון דער באַן־קאַסע שטייט אַ גרע־סערער עולם שוואַרצע: מענער, פרויען און קינדער. זיי ווילן זיך שוין באַצייטנס באַזאָרגן מיט בילעטן צו דעם פּערזאָנען־צוג, וואָס וועט אָפּפאָרן צוויי שעה שפּעטער און וועט זיי ברענגען אין זייערע דערפער. נישט קענענדיק נאָך די מנהגים אין די קאָלאָניאַלע מדינות, פרוּוו איך זיך שטעלן צווישן עולם, כדי צו וואַרטן אויף מיין ריי צוצוקומען צום פענסטערל. דער זעלנער, וואָס שטייט אין דער זייט, דערקענט אין מיר באַלד, אַז איך בין אַ פרעמדער — נעמט ער מיך לייכט אָן פאַר דער האַנט און פירט מיך צו צום פענסטערל פון דער אַנדערער פרייער זייט, בשעת דער עולם שוואַרצע וואַרט רויק, יעדער אויף זיין ריי. אמת, איך האָב אַ סך גיכער באַקומען דעם בילעט, אָבער בעת־מעשה האָב איך זיך געשעמט פשוט צו קוקן

אין די אויגן אַריין אָט די שוואַרצע מענטשן, וואָס מיט אַ רגע צוריק בין איך נאָך געשטאַנען מיט זיי אין איין ריי. פאַרוואָס זאָל אויך איך צולייגן אַ האַנט צו זייער באַליידיקונג?

פאַמעלעך געוווינט מען זיך אָבער צו צו דער דאָזיקער דערשיינונג אין אַפריקע, ווו עס ווערט דערהאַלטן דער ווייטער מרחק צווישן ווייסן און שוואַרצן מענטש. די דאָזיקע באַליידי־קונג איז נישט די ערשטע און — ווי מיר וועלן נאָך זען — אויך ווייט נישט די לעצטע.

די „ליטאָרינאַ" דרייט זיך צווישן די הויכע באַרג־שפּיצן, יאָגט ווי אַ רוח, פאַלט אַריין אין אַ טונעל און אָט געפינט זי זיך אין אַ טאָל, כּדי שוין עטלעכע מינוט שפּעטער זיך ווייטער צו דראַפּען איבער דער געדרייטער באַן־ליניע.

אין די צוויי טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין אַס־מאַראַ, האָב איך עטוואָס פרייער אָפּגעאָטעמט. איצט דערנענ־טערן מיר זיך ווידער צו מאַסואַ און עס לאָזט זיך ווידער פילן אַ דושנעקייט.

מיר קומען אָן קיין מאַסואַ פאַרנאַכט.

די שטאָט שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומגעוויינלעך בילד.

באַלד ביים וואָקזאַל לאָזט זיך באַמערקן אַ שטאַרקע באַ־וועגונג. אָט דערהערן זיך ווילדע קולות און מאָדנע טענער פון אַ משונהדיקער מוזיק. אַ המון שוואַרצע דרענגט זיך מיט דעם אומגעוויינלעכן געזאַנג פאָרויס. די מעשענע בלעכן פון „אָרקעסטער" באַטויבן ממש מיט זייערע הילכיקע קלאַנגען. עס מוז אפּנים זיין ביי די שוואַרצע עפּעס אַ גרויסע שמחה.

אַ יום־טוב פון די איינגעבוירענע? ניין!

אַ דורכגייער אינפאָרמירט מיך, אַז דאָס איז אַזאַ מאַני־פעסטאַציע לכּבוד דעם איטאַליענישן אַרבעטס־מיניסטער, וועל־כער ווילט היינט צוגאַסט אין שטאָט. געקומען איז דער מי־ניסטער טאַקע היינט אינדערפרי און ער דאַרף אויף צומאָרגנס ווייטער פאָרן קיין אַסמאַראַ און דערנאָך קיין אַדיס־אַבעבאַ, כּדי צו באַנייען אַ פאַרענדיקטן שאָסיי. פרייען זיך די שוואַרצע, כאָטש ס'איז שווער צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ גדולה ס'איז אויף זיי,

אויף דעם ברייטן מאַרק-פּלאַץ שטייט אַן אָפּטיילונג מיליטער און צווישן די אָפיצירן געפינט זיך אויך דער איטאַליענישער מיניסטער.

וואָס נענטער די שוואַרצע מאַניפעסטאַנטן קומען צום מאַרק, אַלץ הילכיקער הערן די געוואַלדן. ביז אין אַ געוויסן מאָמענט זעצט זיך דער מיניסטער מיט זיינע באַגלייטער אַריין אין אַן אויטאָ און דעמאָלט גיבן די „קאַראַבינערי" אַ צייכן דעם עולם, אַז עס איז שוין צייט זיך פונאַנדערצוגיין.

ווילד, ווי עס איז געווען די גאַנצע מאַניפעסטאַציע, לויפן זיך איצט פונאַנדער די שוואַרצע מאַניפעסטאַנטן.

אַמאָליקע רוימער פלעגן פון דער מלחמה פירן צווישן זאַק-רויב אויך טויזנטער געפאַנגענע; היינט דאַרף מען זיי נישט נויטיק. איז דעריבער גענוג, וואָס די קאַראַבינערי טרייבן פונאַנדער דעם עולם און זאָלן די שוואַרצע צוריקגיין אין זייערע נאָרעס אויף דער פעריפעריע פון שטאָט.

נענטער צום פּאָרט דערהערן זיך די קלאַנגען פון דער מיליטערישער מוזיק.

זע-נער מאַרשירן צום טאַקט פון די מלחמה-קלאַנגען.

וווהין מאַרשירן זיי? צו נייע שלאַכטן?

ניין, דאָס זענען די גליקלעכע, וואָס האָבן איבערגעלעבט די שיוערע מלחמה און איצט קערן זיי זיך אום אַהיים. פון גאַנץ פרי דויערט דאָס „אויפלאָדן" די טויזנטער זעלנער אויף די שיפן, וואָס וואַרטן שוין אויף זיי. היינט נאָך האַלבער נאַכט וועלן זיי אָפּשווימען. יונגע געזונטע פנימער, שוואַרץ אָפּגעברענט פון דער זון, אָבער פריש און מונטער.

דאָס איז איינער פון די העלדישסטע איטאַליענישע פולקן, וואָס האָבן מיט גבורה געשטירעמט די בערג אין צפון-אַביסיניע. שוין לאַנג איז די מלחמה פאַרענדיקט, אָבער די יונגע קעמפער זענען געבליבן אין די בערג און געהאַלטן דאָרט די וואַך, כדי צו זיין גרייט אָפּצושטויסן אומגעריכטע אָנגריפן מצד די נעכטיקע באַלעבאַטים פון דעם לאַנד, וועלכע

קאָנען נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די אומאָפּהענגי־
קייט איז פאַרלוירן שוין אויף שטענדיק.

נאָך צוויי יאָר מלחמה־דינסט אין אַביסיניע פאָרן די
יונגע איצט צוריק, כּדי זיך צו זען ווער מיט טאַטע־מאַמע
און ווער מיט פרוי, שוועסטער אָדער כּלה.

די „דזשעלאַטעריעס" זענען איבערפולט מיט זעלנער,
וועלכע ווילן נאָך פאָרן אַרויפגיין אויף דער שיף לעשן דעם
דורשט מיט אַביסל אייז־קרעם.

„פראָ גלאָריאַ איטאַליאַ..." (פאַר דעם רום פון איטאַליע!)—
חזרט זיך איבער דער רעפרען פון מלחמה־ליד און דער עולם
האַלט אונטער.

אויף די פּנימער פון די זעלנער מאָלט זיך דער אויס־
דרוק פון פרייד און צופרידנקייט, וואָס האָבן היינטיקן טאָג
נאָך זייערע באַזונדערע מאָטיוון. היינט האָט מען געמלעך איט־
לעכן זעלנער, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער אַביסיני־
שער מלחמה־קאַמפּאַניע, אויסגעצאָלט אַן איינמאָליקע פּרעמיע
פון טויזנט ליר, איטלעכן אָפיציר—5.000 ליר.

פאַרוואָס־זשע זאָל מען טאַקע נישט פריילעך זיין, בפרט
נאָך, אַז אין 14 טעג אַרום וועט מען ווידער זיין אינדערהיים?

אַהער וועלן קומען אַנדערע, וואָס וועלן דאָ ווייטער
דערפילן דעם דינסט אין באַזיגטן לאַנד.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האַלטן אָן די געזאַנגען און
ווען „לאָמבאַרדיאָ", איינע פון די גרעסטע איטאַליענישע פּאַ־
סאַזשיר־שיפן, וועלכע טראַנספּאָרטירט זינט דער אַביסינישער
מלחמה זעלנער אין ביידע ריכטונגען, רירט ענדלעך פון אָרט,
דערגרייכט די באַגייסטערונג די העכסטע גרענעצן.

ביז שפּעט באַלאַגערן די אויף דער יבשה איבערגעבלי־
בענע די „דזשעלאַטעריעס". דער דורשט איז היינט אין לשער.
וואָס מער מען טרינקט, אַלץ מער ברענט אינעווייניק. עס
וועט שוין באַלד טאָגן, אָבער דער עולם איילט זיך נישט
אין די שטובן. דאָרט איז די דושנעקייט נאָך גרעסער.

קוים מיט מי דערשלעפּ איך זיך צו אונזער שיף „דוּ־קפּססאַ ד׳אַאָסטאַ״.

ווען איך עפן מיין קאַבינע, זעצט פון דאָרט אַנטקעגן אַ היץ־כוואַליע, ווי פון אַן אויסגעהייצטן באַק־אויוון...

די עטלעכע שעה, וואָס זענען נאָך איבערגעבליבן ביז צום פרישטיק, פאַרברענג איך אויף אַ באַנק אויפן דעק פון שיף און וואַרט, אַז עס זאָל פון ערגעץ־ווו אַ ווײ טון אַ ווינטל, וואָס זאָל ברענגען מיט זיך אַביסל לופט צום אָטעמען.

דזשיבוטי

דזשיבוטי, 9־טן אפריל

סך־הכּל עפּעס מער ווי אַ מעת־לעת דויערט די רייזע מיט דער שיף פון מאַסואַ קיין דזשיבוטי — די פראַנצויזישע פּאָרט־שטאָט, וואָס איז צו דערזעלבער צייט די הויפּט שטאָט פון דעם קליינעם שטיקל לאַנד, וואָס רופט זיך „פראַנצויזיש סאָמאַלי".

ווען מען קוקט זיך איצט גענויער איין אין דער מאַפּע און מען זעט, ווי די אייראָפּעישע גרויסמאַכטן האָבן נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק זיך באַזעצט אַרום אַביסיניע און אַזוי געזאָרגט, אַז די „אומאָפּהענגיקע" מלוכה, וואָס איז דריי מאָל אַזוי גרויס געווען ווי פראַנקרייך, זאָל נישט האָבן קיין צו־טריט צום ים, דאַן מוז מען נאָך מער צווייפלען אין דער אויפריכטיקייט פון אַלע די, וואָס האָבן אין דער לעצטער מלחמה גענומען אויף זיך די ראָל פון אַביסיניענס כּלומרשטע „פּאַרטייריקער".

איטאַליע, פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן פון לאַנג פריער געהאַט באַזעצט דעם גאַנצן ים־ברעג און עס האָט זיך געפירט אַ שטילער וועט־קאַמף, ווער עס וועט פריער אַריינ־דרינגען אין אַביסיניע. איז געקומען מוסאָליני און האָט גע־מאַכט אַ סוף צו אַלע חשבונות. ער האָט פּשוט פאַרכאַפּט פאַר זיך דעם פעטן ביסן.

פראַנצויזיש סאָמאַלי איז אַ קליינער לאַנד־שטח, אָבער עס האָט פאַרהעלטנישמעסיק אַ פיל גרעסערע באַדייטונג, ווי בריטיש און איטאַליעניש סאָמאַלי, כאָטש יענע געביטן זענען פיל גרעסער. דזשיבוטי האָט אַ באַן־פאַרבינדונג מיט אַדיס־

אַבעבאַ (די איינציקע באַן אין אַביסיניע), און פון דאַנען האָבן די סחורות, וועלכע ווערן געבראַכט מיטן ים, דעם קירצסטן וועג קיין האַראַר, אַדיס-אַבעבאַ און אַנדערע פון די וויכטיקסטע פונקטן אין אינערלעכן אַביסיניע.

נישט ווייט פון דזשיבוטי הויבט זיך דער קלימאַט אָן צו ענדערן. ער ווערט לינדער אין פאַרגלייך מיט דעם קלימאַט אין מאַסואַ. אויפן ים-ברעג באַווייזט זיך עטוואָס גרינס און ווען מען קומט שוין גאַנץ נאָנט צום אַריינפאָר אין פאָרט— דערזעט מען פון דערווייטנס אויך פאַלמען-בוימער, וואָס עס מאַכט דאָ אויף דעם ברעג, ווו מען האָט ביז איצט געזען נאָר זאַמד, אַן אומגעוויינלעכן איינדרוק.

אין דזשיבוטי קאָנען די שיפן נישט פאַרפאָרן ביז צום סאַמע ברעג. מען בלייבט שטיין פון דערווייטנס, און סחורות, ווי אויך פאַסאַזשירן, ווערן מיט קלענערע שיפלעך געבראַכט צום ברעג.

אַ שמאָלער לאַנד-פאַס פירט אין שטאָט אַריין. אויף דעם וועג, ווי אין דאָס רוב מורח-אַפריקאַנישע האַפן-שטעט, ווערט מען באַגעגנט פון אַ המון שוואַרצע, וועלכע לויפן אייך נאָך און לייגן אייך פאָר צו קויפן זייערע „מציאות": קליינע שווערדלעך, געפלאָכטענע האַנט-טאַשן, אַנזיכטס-קאַרטן.

ביים אַריינגאַנג אין שטאָט געפינט זיך דער פאַלאַץ פון גובערנאַטאָר. שוואַרצע זעלנער האַלטן דאָ וואַך. פאַראַן אַ ריי גאַסן, וואָס מאַכן אַ האַלב-אייראָפּעישן איינדרוק. אין געשעפטס-קוואַרטאַל ציט אויף זיך אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט אַ פערפו-מען- און פודער-מאַגאַזין פון דער פאַריזער וועלט-פירמע „אוביגאַן". פאַר וועמען, מ'שטייגס געזאָגט, איז דאָ נויטיק אַזאַ מאַגאַזין?

אָבער נישטאָ קיין חכמות. אומעטום, ווו עס פלאַטערט אַ פראַנצויזישע פאַן, מוזן אויך זיין פערפומען, פונקט ווי עס קאָנען אין אַ פראַנצויזישער קאָלאָניע נישט פעלן קיין באַרן מיט טענצערינס און מיידלעך פון דער האַלב-וועלט.

אויף דעם גרויסן פלאַץ אין שטאָט-צענטער געפינען זיך די צוויי הויפט-קאַפע-הייזער און האָטעלן פון דזשיבוטי: „קאָנטינענטאַל" און „אייראָפּע". ווי עס זענען די ווין-באַדינ-

גונגען אין די דאָזיקע האָטעלן אין שווער צו זאָגן. זיי זענען שטענדיק מיט פיל טעג פריער באַזעצט. אָבער אין די „קאָפּע־הייזער" ווערט מען באַפאַלן פון אַזאַ המון פליגן, אַז מען פילט זיך שוין גליקלעך, ווען מען גייט פון דאָרט אַרויס...

דזשיבוטי איז עולה לגדולה געוואָרן אַ דאַנק דעם איטאַליעניש־אַביסינישן קריג. קודם־כּל איז עס געווען דאָך דער איינציקער פּאָרט, דורך וועלכן דער נעגוס פלעגט ברענגען זיינע סחורות פון דער גרויסער וועלט, און אַ דאַנק דער דאָזיקער טראַנזיט־באַוועגונג האָט דער פּאָרט פון דזשיבוטי אָנגעזאַמלט אַזאַ רעזערוו, אַז דאָס איז גענוג דורכצופירן איצט אַ ריי אויסבעסערונגען אין פּאָרט און צו מאָדערניזירן אים.

דורך דזשיבוטי האָט זיך דער נעגוס אויך געראַטעוועט פון אַריינצופאַלן אין איטאַליענישער געפאַנגענשאַפט און צוזאַמען מיט אים איז אַהער אָנגעקומען אַ גרעסערע צאָל אַביסינישע מיליטער־פירער. לכתחילה האָבן זיי זיך געוואָלט דאָ באַזעצן און אָפּוואַרטן אויף אַ געלעגנהייט צו קאָנען צוריקקומען קיין אַביסיניע און ווייטער פירן דעם קאַמף קעגן די איטאַליענער. די פראַנצויזן האָבן אָבער נישט דערלויבט דער דאָזיקער אַביסינישער עמיגראַציע צו באַזעצן זיך אין דזשיבוטי. אַזוי־אַרום האָבן די אַביסינישע גדולים געמוזט אַוועק פון דזשיבוטי. געבליבן זענען דאָ אָבער הונדערטער פּשוטע אַביסיניער, וואָס האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט די איטאַליענער, און זיי רופן דאָ אָפּט אַרויס אַוואַנטורעס, ווען זיי טרעפן אָן אין שטאָט אויף איטאַליענישע מאַטראָסן.

אין אַלגעמיין אָבער איז דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין דזשיבוטי גאַנץ רויִק.

פראַנצויזן, וואָס וווינען דאָ סטאַביל, זענען פאַראַן נישט פיל. די לופט איז דאָ נישט אַזוי הייס, ווי אין מאַסואַ, אָבער דערפאַר זייער פייכט. פאַר אַן אייראָפּעער איז שווער צו לעבן אַ לאַנגע צייט אין דעם דאָזיקן קלימאַט. עס קומען אָבער אַהער פיל פראַנצויזישע סוחרים און אַגענטן. פאַראַן דאָ אויך גרויסע אימפּאָרט־פירמעס מיט פיל אָנגעשטעלטע, דאָס רוב אַראַבער פון די פראַנצויזישע קאָלאָניעס אין צפון־אַפריקע.

„די פּלשתּים שלאָגן אונדז...“

פאַראַן אין דזשיבוטי אויך יידן. די צאָל יידן איז דאָ פיל גרעסער, ווי איך האָב דערוואַרט.

אין דזשיבוטי לעבן אַן ערך דרייסיק יידישע פאַמיליעס, אַלע פון די אַזיאַטישע לענדער.

זייער לאַגע איז אין אַלגעמיין אַ שווערע. אין דעם פאַל איז דזשיבוטי אַ טרויעריקער אויסנאַם פון די אַנדערע מזרח־אַפריקאַנישע שטעט, וווּ יידן לעבן אין אַלגעמיין אין וווילשטאַנד.

ווי איך בין געקומען צו די יידן אין דזשיבוטי?

גאַנץ פשוט.

אַריינכאַפּנדיק זיך אויף אַ ווײַלע אין אָרטיקן „קאַפע“, האָב איך גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין געשטעלט דעם קעלנער אַ פראַגע:

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך, צי זענען ביי אייך אין שטאָט פאַראַן „זשיוו׳ס“?

דער קעלנער קוקט מיך אָן מיט אַ פּאָר פאַרחידוּשטע אויגן, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איך רעד צו אים.

— איזראַעליטן. — פּרוּוו איך אים נענטער פאַרטייטשן.

אָ, דאָ האָט ער מיך פאַרשטאַנען.

און טאַקע באַלד רופט ער מיר צו אַ דראָזשקאַזש, וואָס האָט מיך מיט זיין עקזאָטישער „קאַרעטע“ געבראַנגט אין די אָרעמע געסלעך פון דזשיבוטי, ווו עס וואָלט מיר אַליין זיכער קיינמאָל נישט געוועזן איינגעפאַלן צו גיין זוכן יידן.

ענגע גאַסן, ווו עס ווימלט פון שוואַרצע. געשעפטן —

געדיכטע אײנע נעבן די אַנדערע, אײנעווײניק – אַ סך קונים, אויך אין דרויסן אַ דינגעניש.

װײַטער שטײט אַ לאַנגע רײ נײ-מאַשינען, בײַ װעלכע עס זיצן פֿלינקע שוואַרצע שנײַדערס און מאַכן אויפֿן אָרט פּאַרטיק ווײַסע אָנצוגן לויט דער מאָס אין מיטן שאָטיי שפּאַצירן פֿאַרשידענע טיפּן נעגערס. אַ טייל מיט גראָבע גראָפּהענגענדיקע ליפּן און אײַנגאַנצן אָפּגעזײַטע שוואַרצע קעפּ: דאָס זענען די סאָמאַליער; אַנדערע, ווידער, מיט צעשויבערטע האָר אויפֿן קאָפּ, אַ שאַרפֿן קוק, קורצע נעזער און אַ גאַנץ אַנטבלויזטן אויבער-קערפּער. דאָס זענען אַביסיניער פֿון האַראַר און אומגעבונג.

זײ קוקן אויף דעם ווײַסן מיט חשד, און עס דאַכט מיר זיכער פֿאַרפֿעלט דרײַסטקייט אין אַן אָוונט זיך צו באַווײַזן צווישן אָט דער חברה.

און אָט דאָ אויף דער גאַס שטעלט זיך אָפּ די דראָזשקע פֿאַר אַ יידיש געשעפֿט. עס וווינט דאָ אַ יידישער בעל-כּעס. אין געשעפֿט געפֿינען זיך גראָד שוואַרצע קונים. ווען דער ייד דערהערט מײַן „שלום“, לאָזט ער אַלץ שטײן און פֿאַר גרויס איבעראַשונג, וואָס ער האָט פֿאַר זיך דערזען אַ פֿרעמדן ייד, קאָן ער נישט אַ וואָרט אויסרעדן.

דער דאָזיקער ייד פֿירט מיך צו אַנדערע, וואָס האָבן אויך זײערע געשעפֿטן דאָ. פֿאַרקויפֿן מעש, קופּער אָדער האַנדלען מיט שניט-סחורות און ציִען זײער חיונה פֿון דעם מסחר מיט די שוואַרצע.

די יידן פֿון דזשיבוטי זענען נישט קײן אַלט-אײַנגעזעסענע; זײ זענען מיט פֿיל יאָרן צוריק געקומען פֿון אַדען (דעמאָלט איז אין אַדען געווען אַ שווערע צײַט!) און האָבן זיך דאָ באַזעצט. פֿאַראַן הײַנט צו טאָג אַן ערך דרײַסיק יידישע פֿאַמיליעס אין שטאָט. דערפֿון האָבן בלויז צוויי יידן גרעסערע געשעפֿטן, די איבעריקע לעבן פֿון קלײנהאַנדל און האַנדווערק. און עס איז קוים דאָ אויף פּרנסה. אין גרויסן קאָלאָניאַלן מסחר פֿון דזשיבוטי האָבן די דאָזיקע יידן קײן שום חלק נישט.

— ווי לעבט זיך דאָ? — פרעג איך די יידן.

זיי קוקן זיך איבער איינער מיטן אַנדערן און ענטפערן:

— שווער...

— פרנסה איז דאָ?

— מיר דאַרפן נישט פיל — ווייזט איינער פון די יידן אויף די האַלב-נאַקעטע יידישע קינדער. — צווישן די שוואַרצע האָט מען דאָך נישט וויטיק אַפילו זיך רעכט אָנצוטון, אָבער וואָס ערגסטע איז, וואָס מיר ליידן פון די פלשתים...

— פלשתים? — פרעג איך פאַרוווּנדערט — ווער זענען וואָס?

אַלס ענטפער דערויף ווייזן די יידן מיט די פינגער אויף די שוואַרצע.

— פאַרוואָס רופט איר זיי „פלשתים"?

— ווייל זיי זענען רשעים און שלאָגן אונז...

יאָ, דאָ מאָלט זיך פאַר מיר די גאַנצע טראַגעדיע פון די דרייסיק יידישע פאַמיליעס, וואָס לעבן צווישן די שוואַרצע.

ווי איך האָב שוין אַליין געהאַט אָבסערווירט, זענען די שוואַרצע אין דזשיבוטי פיל חוצפהדיקער, ווי, למשל, אין פראַנצויזישן טעריטאָריע. זיי באַטראַכטן די ליבעראַלע באַציִונג פון דער פראַנצויזישער מאַכט צו דער אָרטיקער באַפעלקערונג פאַר אַ סימן פון שוואַכקייט און דערלויבן זיך אויף אַרויס-טרעטן קעגן ווייסע.

באַזונדערס לאָזן זיי אויס זייער כעס אויף די יידן, וואָס וווינען צווישן זיי. זייער אָפט פאַלן די שוואַרצע אָן אויף די יידן, שלאָגן זיי מערדערלעך און ראַבירן זייער סחורה. ווען דער באַפאַלענער ייד גייט זיך דאַן קלאָגן פאַר דער אָרטיקער (שוואַרצער) פאָליציי, ווערט ער קודם-כל אַרעסטירט צוזאַמען מיט דעם שוואַרצן. עס דויערט עטלעכע טעג, ביז דער ענין ווערט באַטראַכט פון אַ ריכטער. דערווייל ווערט דער ייד געשלאָגן אין תפיסה דורך די שוואַרצע וועכטער און שוואַרצע מיט-אַרעסטאַנטן. אַזוי-אַרום האָבן יידן אויפגע-הערט צו גיין זיך באַקלאָגן צו דער מאַכט. צו דעם גובער-

גאַטאָר פון דזשיבוטי קאָנען זיי נישט צוקומען און דירעקט פאַר פראַנצויזישע באַאמטע קאָנען זיי זיך אויך נישט פאַר־קלאָגן, ווייל זיי קאָנען דאָך נישט די פראַנצויזישע שפּראַך.

די יידן אין דזשיבוטי ווערן פון דער פראַנצויזישער מאַכט באַהאַנדלט נישט ווי ווייסע, פאַר וועלכע עס זענען פאַראַן ספּעציעלע געזעצן צו באַשיצן זיי, נאָר ווי איינגעבוירענע.

די יידן האָבן מיך געפירט אין זייער שול. אַ גרעסערע שטוב אין אַ הויז, וואָס געהער צו אַ שוואַרצן.

אינעווייניק טרעף איך עטלעכע קינדער לערנען חומש. אין שול איז אָבער טונקל, ווייל דאָס פענסטער איז גאַנץ קליין און דערצו נאָך פאַרצוימט מיט דראָט.

די יידן דערציילן מיר, אַז דאָ איז געווען אַ גרויס פענסטער, האָבן זיי עס פאַרמויערט, ווייל די שוואַרצע פלעגן ביים דאַוונען אַריינוואַרפן שטיינער און זיי האָבן אויסגעהאַקט אַלע ניי־אַריינגעשטעלטע שויבן. האָבן די יידן איבערגעלאָזט נאָר אַ קליין פענסטערל אָן שויבן און עס פאַרצוימט מיט דראָט, כדי די שטיינער זאָלן נישט אַריינפאַלן אין שול. קומען אָבער די שוואַרצע און שיטן אַריין זאַמד דורכן פענסטער און שטערן אַזוי־אַרום די יידן ביים דאַוונען.

די יידן אין דזשיבוטי פילן זיך איינזאַם און אומבאַ־האָלפן. קיינער קומט נישט צו זיי און קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט זייער גורל.

אדען

(אין דעם ציקל פֿון מיינע מזרח־אַפֿריקאַנישע רעפּאָרטאַזשן נעם איך אַריין אויך די דאָזיקע שטאָט, כאָטש זי פֿאַררעכנט זיך צו דעם אַזיאַטישן קאָנטינענט. ווירטשאַפֿטלעך איז אַדען אָבער צונויפֿגעבונדן מיט מזרח־אַפֿריקע און דער גרויסער ייִדישער ישוב דאָ האָט אַ שטאַרקע גייסטיקע השפּעה אויף די קליינע, צעוואָרפֿענע ייִדישע ישובים אויף דעם קעגנאיבערדיקן אַפֿריקאַנישן ברעג).

אדען, 12־טן אפּריל

סך־הכּל נישט מער ווי אַ נאַכט דויערט דער וועג פֿון דזשיבוטי קיין אַדען.

אַדען געפֿינט זיך אויף דעם סאַמע לעצטן שפּיץ פֿון אַראַבישן האַלב־אינזל, אָבער גראָד איצט פֿאַרלאָזן מיר ענד־גילטיק דעם ים־סוף און מיר קומען אַריין אין דעם בעסערן קלימאַט פֿון דער אַדענער בוכטע, כּדי דערנאָך שוין ברייט אַרויסצושווימען אויף די וואַסערן פֿון אינדישן אָקעאַן.

ווען מיר שטייען אויף אינדערפֿרי, זעען מיר באַשיינ־פּערלעך, ווי דער ים האָט געענדערט דעם קאָליר. נעכטן נאָך זענען די וואַסערן פֿון „רויטן ים" געווען גרינלעך; היינט האָט דער ים אַ טינט־בלויע קאָליר.

אַדען דערקענט מען פֿון דערווייטנס.

אַ קייט פֿון הויכע און שוואַרצע בערג, אָן אַ צייכן פֿון עפּעס גרינס. מען זעט דאָ אויך נישט דעם געלן מדבר־זאַמד. אַלץ שוואַרץ, ווי אַט די בערג וואָלטן געווען פֿון שוואַרץ אייזן געגאָסן. נישטאָ קיין שום ספֿק, אַז די געגנט דאָ האָט אַ וווּלקאַנישן אורשפּרונג.

נישט אַנדערש, נאָר זי איז משׁשת ימי בראשית באַ־שאַפֿן געוואָרן, כּדי צו היטן ענגלאַנדס וועג קיין אינדיע.

אַדען איז אַן ענגלישע ים־פֿעסטונג פֿון וויכטיקער באַ־דייטונג. אַדען איז אויך די ייִנגסטע קרוין־קאָלאָניע פֿון דער

ענגלישער אימפעריע. יאָ, טאַקע די גאַר יינגסטע, ווייל סך הכל מיט געציילטע טעג, איידער מיר זענען געקומען אהער (דעם ערשטן אַפּריל!) איז אַדען אַרויסגענומען געוואָרן פון אונטערן אינדישן פּראָטעקטאָראַט און איז דערקלערט געוואָר פאַר אַ באַזונדערע קאָלאָניע פון דער ענגלישער קרוין. דער גאַנצער אַקט איז דורכגעפירט געוואָרן שטיל און אָן פּאַראַד כדי נישט אַרויסצורופן קיין רעש אויף דער וועלט; אָבער אָן אַ שום ספק שטייט עס אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם נייעם קורס אין דער ענגלישער פּאָליטיק צו באַטאָנען אַלץ שטאַרקער די איינהייטלעכקייט פון דער ענגלישער אימפּעריע און מ כ' זי גרייט צו קאָנען בייסטיין דעם נסיון אין אַ שווער מאָמענט, ווען די מלחמה-געפאַר וועט ווידער הענגען אין דער לופט.

ביים אַריינפאָר אין פּאָרט טרעפן מיר אָן אויף אַ ריי ענגלישע קריגס-שיפן און צווישן אַנדערע אויך אויף אַ גרויסער „מוטער-שיף" פאַר מיליטערישע אַעראָפּלאַנען. קוקט מען אַרויף צו די שוואַרצע בערג קעגנאיבער, דאַן באַמערקט מען דאָרט אַפילו מיט דעם פרייען אויג פיל עפענונגען און לעכער. די ענגלענדער מאַכן גאָר קיין סוד נישט דערפון, אַז אַדען איז אַ ים-פעסטונג און אַז ענגלישע האַרמאַטן זענען אינעווייניק איינגעמויערט, כדי אין נויטיקן פאַל אָפּצושניידן דאָ דעם וועג פאַר דעם עווענטועלן שונא. און דאָס איז ווירקלעך נישט שווער. אין אַ געוויסער שטעל איז דער אַרויסגאַנג פון ים-סוף אַזוי שמאָל, אַז ער גלייכט זיך מיט זיין ברייט צו דעם סועץ-קאַנאַל.

דער דייטש אויף דער שיף איז באַגייסטערט פון דער מוסטערהאַפטער אָרדנונג, וואָס מיר טרעפן ביים אַראָפּגיין אין אַדענער פּאָרט.

— נו, זאָגט אַליין, — ווענדט ער זיך צו מיר, — וואַרפט זיך אייך דאָ נישט אין די אויגן אַריין די הערלעכע אָרדנונג אין פאַרגלייך צו דעם, וואָס מיר האָבן געזען אין דזשיבוטי ביי די פראַנצויזן אָדער אין מאַסואַ ביי די איטאַליענער?

איך מוז געבן רעכט דעם דייטש. דאָ פון דער נאָנט קאָנען מיר זען דעם חילוק צווישן דער קאָלאָניאַל-פאַרוואַל-טונג פון די ענגלענדער און פון די פראַנצויזן אָדער איטאַליע-נער. מען דערקענט באַלד אויפן ערשטן בליק, אַז דער ענג-לענדער איז אַן אַלטער קאָלאָניאַלער באַלעבאָס און ער פירט אויך אַ ריכטיקע באַלעבאַטישקייט אין זיינע קאָלאָניעס. דאָ טרעפט איר שיינע וווין-הייזער, גרויסע געשעפטן, מאָדערנע האָטעלן. דאָ זענען פאַראַן גרויסע מלוכה-געביידעס און ווען איר קומט נענטער אין שטאָט אַריין, טרעפט איר אָן אויף אַ גרויסן פּאַרק, ווו איר שעפּט מיט פאַרגעניגן די גוטע לופט. דער פּאָרט איז שיין אויסגעבויט, גענוג פאַרטיפט, אַזוי אַז די שיף פאָרט צו ביז צום סאַמע ברעג. מען דערקענט דאָ אויף שריט און טריט די רחבותדיקייט, וואָס מען זעט זי נישט אין די שכנותדיקע קאָלאָניעס.

„סטימער פּאָינט" — איז דער טייל פון עדען, וואָס גע-פינט זיך ביים פּאָרט. די שטאָט גופא איז פיל ווייטער, אַן ערך 6 קילאָמעטער. דאָרט געפינען זיך אויך די קוואַרטאַלן פון יידן דאָרט אַהין ווער איך אויך געבראַכט פון אַן אַראַ-בישן שאָפער.

עס איז פרייטיק פאַרנאַכט און איך קוואַרטיר זיך איין אין אַ האָטעל, כדי אין עדען צו האַלטן שבת.

אויף צומאָרגנס, ווען איך גיי אַרויס אין שטאָט, מאַכט אויף מיר אַ באַזונדערן איינדרוק, וואָס אַלע געשעפטן זײַנען אויס-נאָם זענען געשלאָסן און עפּעס אַ מאָדנע רויִקייט הערשט אין דער דאָזיקער שטאָט. זאָל-זשע דאָס זיין עדען, פון וועל-כער איך האָב אַזויפיל געהערט אַלס גרויסע האַנדלס-שטאָט?

איך גיי מיט אַ באַזוך צו דעם פאָרשטייער פון דער יידישער אגענץ אין עדען. ה' בן-ציון אחרוני, וועלכער געפינט זיך אין קרייז פון זיין פאַמיליע אינדערהיים. אַזוי איז אויך דער מנהג פון אַלע עדענער יידן. שבת אינדערפרי גייט מען צום דאַוונען, יעדער אין זיין שול און דערנאָך פאַרברענגט מען שוין דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג מיט דער פאַמיליע אין

שטיב. די שבתדיקע רו ווערט דאָ אָפּגעהיט מער ווי אין יע־
דער אַנדער שטאָט אויף דער וועלט.

אין אַדען זענען פאַראַן העכער פיר טויזנט יידן. דאָס
רוב פון זיי האָט גרויסע געשעפטן און קיין איינציק יידיש
געשעפט אין אַדען איז שבת נישט אָפן. נאָכמער, שבת וועט
מען נישט טרעפן קיין אַדענער ייד אין אַ קאַפע. און אַ ייד,
וואָס וואָלט געהאַט די דרייסטקייט צו רויכערן שבת אַ פּאַ־
פּיראָס בפרהסיא, וואָלט נישט געקאָנט מער געפינען קיין צו־
טריט צו דער יידישער געזעלשאַפט. מען דאַרף דערפון נישט
אַרויסדרינגען, אַז אַלע אַדענער יידן זענען פרום, אָבער דער
פּרינציפּ פון אָפּהיטן שבת. איז ביי די אַדענער יידן דורכ־
געפירט אין גאַנצע הונדערט פּראָצענט. און אַפילו מענטשן,
וואָס זענען פריי אין זייערע אָנשויונגען, ווילן זיך נישט
אויסברעכן פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ.

און די אויסלענדישע שיפן, וואָס שטעלן זיך אָפּ אויף
זייער וועג אין אַדען, גיבן שוין צו וויסן זייערע פּאַסאַזשירן,
אַז שבת זאָלן זיי נישט זוכן קיין ביליקע סחורה, ווייל די
יידישע געשעפטן אין שטאָט זענען געשלאָסן.

די ענגלישע פאַרוואַלטונג איבער אַדען נעמט אַרום בלויז
אַ שמאָלן לאַנד־שטח ביים ברעג פון ים. די איינוואוינער פון
אַדען־שטאָט און פון די אַרומיקע דערפער באַטרעפן נישט
מער ווי אַן ערך 40 טויזנט, דערפון איז די מערהייט אַראַ־
בער. עס זענען אָבער אויך פאַראַן פיל אינדיער, גריכן און,
ווי געזאָגט, 4 טויזנט יידן. אַלס וויכטיקער קנופּ־פּונקט צווישן
אינדיע, מזרח־אַפריקע און אייראָפּע שפּילט אַדען גאָר אַ גרויסע
ראָל אין מסחר.

אַדען איז באַרימט מיט דעם גרויסן אויסוואַל פון אַלע
מינים זייד־סחורות און אין מסחר שפּילן די אַדענער יידן די
ראָל פון פּיאָנערן צווישן אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע.

די אַדענער יידן לעבן אין ווילשטאַנד און אַפילו די
קליינע צאָל אָרעמע יידן, וואָס זענען פאַראַן אין שטאָט,

האָבן אויך זייערע אייגענע הייזלעך, אין וועלכע זיי וווינען, און מיט ברויט זענען זיי יעדנפאַלס באַזאָרגט.

פון וואַנען שטאַמען די אַדענער יידן?

עס איז אַ טעות, וואָס פיל גלויבן, אַז די אַדענער יידן זענען געקומען פון תימן. עס איז שווער פעסטצושטעלן, ווען די יידן זענען געקומען קיין אַדען. זיכער איז אָבער יעדנפאַלס, אַז זיי לעבן דאָ שוין זינט פיל יאָרהונדערטער און פאַראַן אַ סברא אַפילו, אַז שוין אין שלמה המלכס צייטן האָבן זיך יידן געפונען אין אַדען און דער יידישער פלאָט האָט אויף דעם וועג קיין אופיר (אינדיע?) געצאָלט האָבן אַ שטיץ-פונקט אין אַדען, פונקט ווי היינט ענגלאַנד. אַזוי דערציילן אַדענער יידן, וועלכע ווייזן אָן אויף זייער טויזנט-יעריקן יחוס.

מיט שטאָלץ ווייזט מען אויך אָן אויף דער אַלטערטימלעכער וואַסער־לייטונג, וואָס איז אָנגערופן אויפן נאָמען פון שלמה המלך.

ווען איך בין אין אַ זונטיק אַרויס אויף די אַדענער גאַסן, האָט זיך דאָס גאַסן-בילד לחלוטין געענדערט. געהערשט האָט אַ געוואַלדיקע באַוועגונג אין די געשעפטן. פאַר די מאַגאַזינען זענען געשטאַנען שווערע אויטאָס, אויף וועלכע מען האָט געלאָדן סחורות, כדי זיי צו ברענגען אין פאָרט אַריין און דאָסמאָל האָט אַדען אַנטפּלעקט איר אמתדיק פנים אַלס גרויסער האַנדלס-צענטער.

רויִק און אָן דאגות פירט זיך די דאָזיקע שטאָט איר לעבן. מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף דער ברייטער וועלט, אינטערעסירט מען זיך אין אַדען גאַנץ ווינציק. קיין לופט-פאָסט-פאַרבינדונג איז פון דאַנען נישטאָ און מיט שיפן קומט אַהער אָן די פאָסט פון אייראָפּע נאָך צוויי און דריי וואָכן. אַזוי ווי אַדען האָט נישט קיין אייגענע צייטונג, דערוויסט מען זיך ממילא וועגן די געשעענישן אויף דער גרויסער וועלט עטלעכע וואָכן נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשפּילט. עס זעט אויס, אַז טאַקע צוליב דעם האָבן דאָ די מענטשן פיל רויִקערע און געזינטערע נערוון.

אין אַדען האָט מען זיך נישט דענערווירט אַפילו בשעת דעם אַביסינישן קריג. דאָס געפיל, אַז מען געפינט זיך אונטער דער שוץ פון דער מעכטיקער ענגלישער וועלט־אימפעריע, גיט אַריין אין די איינוווינער פון דעם פעסטונגס־קאַנט אַ באַזונדערע זיכערקייט.

אין אַלגעמיין האָבן די איינוווינער באַגריסט אויך דעם פאַקט, וואָס אַדען איז געוואָרן אַ קרוין־קאָלאָניע און איז דורכדעם נאָך שטאַרקער צוגעבונדן געוואָרן מיט ענגלאַנד.

אַדען האָט נישט קיין שום אייגענע פּראָדוקציע מיטן אויסנאַם פון... זאַלץ, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין די גרויסע סאַלינען. שפּייז־פּראָדוקטן ברענגט מען פון שכנות־יקן, אַראַביען, סחורות ווידער ווערן געבראַכט מיט די שיפן און אַזוי ווי דאָ זענען נישטאָ כמעט קיין שום צאָלן, האָבן ממילא די אַדענער איינוווינער די טייערסטע סחורות פאַר גאָר ביליק געלט.

אין אַדען געפינען זיך גרויסע נאַפט־רעזערוואַרן פון ענגלישן קריגס־פלאָט. דאָ שטעלן זיך אויך אָפּ פאַרשידענע האַנדלס שיפן, כדי צו נעמען נאַפט. מען ווייזט מיר אָן אויף די פיל נייע רעזערוואַרן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן גראָד אין דער צייט פון דער אַביסינישער מלחמה.

אין די אָוונט־שעהן פאַרזאַמלט זיך אין פּאָרט ביים ברעג געוויינלעך אַ גרעסערער עולם און דאָ קאָן מען פונדערווייטנס אָבסערווירן ביים עלעקטרישן ליכט די מאַנעווערס פון די קריגס־שיפן און צוקוקן זיך אויך, ווי פון דער גרויסער אַעראָפּלאַנען־שיף דערהויבן זיך אין דער לופט שווערע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען און לאַנדן דערנאָך אויך ביי דעם ליכט פון רעפלעקטאָרן.

נישטאָ ביי ענגלאַנד קיין סודות, אַלע קאָנען זען די אינטערעסאַנטע איבונגען, וואָס זעען דערווייל אויס ווי אַ שפּיל. אָבער זיי האָבן דעם קלאָרן צוועק אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם נאָענטן שכן, אַז ענגלאַנד האַלט וואַך און גרייט זיך... צוּ וואָס ?

נו, יאָ, דאָס ווייסט מען מסתמא אין לאָנדאָן און רוים פיל בעסער, ווי אין אַדען.

אין תימנער געפאַנגענשאַפט

אַדען, 14-טן אַפּריל

ווען איך בין שבת אין די נאָכמיטאָג-שעהן אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער די יידישע גאַסן פון אַדען, האָט זיך מיטאַמאָל דערטראָגן צו מיינע אויערן אַ מתיקותדיקער כאָר-געזאַנג, וואָס האָט געהאַט עפּעס אַן ענלעכקייט צו דעם גמרא-ניגון פון די ישיבה-חורים אין פוילן; אָבער עס איז דאָך עפּעס אַנדערש, מער אָריענטאַליש, מער באַפאַרבט מיט דעם רייך פון אַראַבישע ניגונים. איך האָב זיך געלאָזן גיין אין דער ריכטונג, פון וואַנעט דער געזאַנג איז דערגאַנגען צו מיינע אויערן.

אַ לאַנגע און שמאָלע גאַס.

אַ הייסער שבתדיקער נאָכמיטאָג, ווי ביי אונז אַ תמוזדיקער שבת.

יידן, נאָכן שבתדיקן עסן, האָבן זיך געלייגט אויסרוען אויף די הויכע הילצערנע בעטלעך, וואָס זענען אַרויסגעשטעלט פאַר די שטובן. דאָ אין דרויסן, ווו עס איז פאַראַן אויך אַביסל שאָטן, איז לייכטער צו פאַרטראָגן די היץ. איין ייד דריכלט, איינער קוקט אַריין אין אַ ספר און אַ דריטער כאַפּט גלאַט אַ שמועס מיט אַ שכן אויף אַ בעטל נעבן דער שכנותדיקער שטוב.

אויף אָט דער גאַס וווינען דאָס תימנער יידן, וואָס אַ גאַנצע וואָך אַרבעטן זיי שווער אין די מאַגאַזינען אָדער ביי פאַרשידענע מלאכות און דער שבת איז זייער אמתדיקער יום-מנוחה.

באַלד זע איך פון וואַנעט דער געזאַנג קומט.

אין ניט קיין גרויסע שטובן, איינע אין שכנות פון

דער אַנדערער, אויף ביידע זייטן פון דער גאַס זעצן יידן אין אָריענטאַלישער טראַכט אויסגעזופּצט אויף דר'ערד, האַלטן פאַר זיך חומשים און לערנען אַזוי הויך אויפן קול.

— צי זענען עס אַזעלכע חסידים־שטיבלעך? — פרעג איך מיין באַגלייטער.

— ניין, — ענטפערט ער מיר, — דאָס זענען די „קאַוויאַר־ניעס" (קאַפּע־הייזער!) פון די תימנער יידן. זיי צאָלן דאָ איין ערב שבת פאַר טיי און פאַר שלוש־סעודות. קומען זיי אַהער, אין די דאָזיקע רעסטאָראַנען שבת נאָכמיטאָג און פאַרברענגען דאָ שוין ביז נאָך שלוש־סעודות. איינער פון זיי, וואָס קאָן מער לערנען, פאַרטייטשט די סדרה פון דער וואָך און דער גאַנצער עולם לערנט מיט דעם מתיקותדיקן תימנער ניגון.

שבת נאָכמיטאָג לערנט מען אויך פיל אין דער גרויסער אַדענער שול און אויך אין אַ ריי בתי־מדרשים, וואָס זענען פאַראַן אין שטאָט.

די געבוירענע אַדענער יידן זענען מאָדערנע מענטשן, פירן גרויסע געשעפטן, פאָרן אָפט אַרויס אין דער ברייטער וועלט און האָבן די באַדערפעניש פון מענטשן אין די ציוויליזירטע לענדער. זייערע קינדער וואַקסן אויף אין די ענגלישע שולן, די דערציִונג ווערט דערגענצט אויך דורך דער תלמוד־תורה און פריוואַטע לערער פון יידיש וויסן. פאַראַן אַ סך אַדענער יידן, וואָס פירן פריצישע היימען מיט פיל דינער און אָנגעשטעלטע.

אַנדערש זענען די תימנער יידן.

דאָס לעבן אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער אין די אַראַבישע ישובים פון תימן האָט איבערגעלאָזן אַ הותם אויף זייער כאַראַקטער. די תימנער יידן, נאָכדעם ווי זיי קומען קיין אַדען, ענדערן נישט מיט פיל זייער לעבנס־שטייגער. זייערע באַדערפענישן זענען קליינע. ווי אַזוי צו פירן אַ מסחר אין אַ מאָדערנער שטאָט פאַרשטייען זיי נישט, — גייען זיי צו די פשוטסטע שוואַרצע אַרבעטן. אינם רוב פאַרמעגלעכע יידישע הייזער ווערן געהאַלטן תימנער יידן אַלס דינער. אין פאָרט

טוען זיי די שווערסטע אַרבעטן. אַ טייל פון זיי פאַרנעמען זיך אויך מיט אַ מלאכה.

און ווי לעבן די תימנער יידן אין זייער היים, טאַקע אין דעם שכנותדיקן לאַנד תימן?

צו די דאָזיקע יידן איז נישט לייכט צוצוקומען און טראָץ פיל באַמיִונגען איז מיר נישט געלונגען אַרויסצובאַקומען אַ וויזע פון די פאָרשטייער פון תימנער הערשער (אימאַם) אויף אַריינצוקומען אין לאַנד און באַקענען זיך פערזענלעך מיט דער לאַגע פון דרייסיק ביז פערציק טויזנט יידן, וואָס זענען דאָרט פאַראַן. דער אימאַם קוקט בכלל מיט חשד אויף יעדן, וואָס פרוווט אָנקניפּן באַציִונגען מיט די יידן פון תימן.

דער וועג קיין תימן פירט פון אַדען, אָבער ער איז זייער אַ שווערער. צו פאָרן מיט אַן אויטאָ איז געפערלעך, ווייל אין פאַל פון אַ דעפעקט אין דער מאַשין קאָן מען בלייבן שטעקן אין מדבר אָן אַ מעגלעכקייט צו גיין פאָרויס אָדער קומען צוריק. אַראַבישע סוחרים פאָרן קיין תימן מיט גאַנצע קאַראַוואַנעס קעמלפן און דאָס איז נאָך פאַרהעלטניש־מעסיק דער זיכערסטער אופן צו קומען קיין תימן.

מיט אַן אויטאָ בין איך אַרויסגעפאָרן פון אַדען־שטאָט ביז צו די גרענעצן — דאָרט, ווו עס הויבט זיך אָן דער תימנער מדבר. ווייטער אָבער קאָן מען נישט קומען אָן דער ספּעציעלער דערלויבעניש פון אימאַם.

האָב איך דעריבער אַלע מיינע ידיעות וועגן די תימנער יידן געמוזט צונויפקלויבן אין אַדען אויפן סמך פון געשפּרעכן מיט יידן, וואָס זענען גראָד אין דער לעצטער צייט אַנטלאָפן פון תימן און זענען אָנגעקומען קיין אַדען, ווו די קהלה פאַר־נעמט זיך אָדער מיט איינאָרדנען זיי אויפן אָרט אָדער העלפן זיי דורך אַ געוויסער צייט ביז זיי וועלן קאָנען אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל.

די יידן פון תימן, אויב זיי ווילן אַרויסקומען אויף דער ברייטער וועלט, מוזן זיי אַנטלויפן אין געהיים, ווייל דער אימאַם גיט זיי נישט קיין דערלויבעניש אויף אַרויסצופאָרן.

פאַרוואָס?

זאָל דעם ענטפער געבן אַ תימנער ייד אַליין. אָט וואָס ער האָט געענטפערט אויף מיינע פראַגן:

דער אימאַם פון תימן איז גראָד נישט קיין שלעכטער מענטש און ער אַליין וואָלט די יידן נישט וועלן קיין שלעכטס טון. יידן ווערן אָבער גערודפט דורך די באַאַמטע פון אימאַם און פון זיינע „מיניסטאָרן", וועלכע זוכן צו פרעסן געלט ביי יידן. יידן שטייען אויך אויס צרות פון די פשוטע אַראַבער, וועלכע ווייסן, אַז פאַר רודפן יידן אין תימן ווערט מען נישט באַשטראָפט. יידן פאַרנעמען זיך אין תימן פיל מיט ערד-אַר-בעט און באַוווינען אַ גאַנצע ריי אָפּגעזונדערטע דערפער. יידן וווינען אויך אין די שטעט, וווּ זיי פאַרנעמען זיך מיט מסחר. די תימנער יידן אַרבעטן שווער. דער אימאַם ווייסט דערפון. ער ווייסט אויך, אַז יידן פירן אָן מיט דעם מסחר און ער האָט מורא, אַז ווען די יידן וועלן אַוועק פון לאַנד, דאַן זאָל ער דערפון נישט ליידן. יידן אין תימן צאָלן נישט קיין שטייערן, זיי מוזן אָבער אַריינטראָגן אין די קאַסעס פון אימאַם ספעציעלע אָפּצאָלן, דערפאַר, וואָס ער האַלט זיי אונ-טער זיין שוץ. דער אימאַם ווייסט, אַז ווען די יידן וועלן אַוועק פון לאַנד, דאַן וועט אים דאָס דאָזיקע געלט פעלן. אָט דערפאַר האַלט ער די יידן אין לאַנד ווי געפאַנגענע און לאָזט זיי נישט אַרויס.

אויב אַ ייד וויל פאָרן פון תימן קיין אַדען, דאַן מוז ער אויסגעפינען צוויי אַראַבער, וואָס זאָלן אָפּגעבן די גאַ-ראַנטיע, אַז דער ייד וועט צוריקקומען און ערשט דאַן באַ-קומט דער ייד די מעגלעכקייט אויף אַרויסצופאָרן.

פאַראַן פיל יידן, וואָס קאָנען אָבער נישט לענגער אויסהאַלטן די צרות אין תימן און זיי „שוואַרצן" די גרענעץ.

דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן און נישט מיט קיין קליינע געפאַרן. די דאָזיקע יידן גייען נאָר אין די נעכט. בייטאָג האַלטן זיי זיך אויף אין די שטעט, וווּ זיי מישן זיך צונויף מיט דעם המון אַראַבער. לויט דעם אויסזען

איז, נעמלעך, נישט שטענדיק מעגלעך צו געפינען דעם חילוק צווישן אַ תּימנער ייד און אַן אַראַבער.

דער וועג דורך די נעכט דויערט אָפטמאָל לאַנגע וואָכן, אָבער די יידן שרעקן זיך נישט פאַר די גרעסטע געפאַרן, אַבי ענדלעך צו זיין פרייע מענטשן און אַרויס פון דער געפאַנגענשאַפט.

די פּליטים קומען קיין אַדען דאָס רוב אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, נאָר מיט איין העמד אויף זיך. דאָס ביסל געלט, וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך פון דער היים, גייט אויס אויפן וועג, ווייל זיי זענען געצוואונגען צו געבן כאַבאַר יעדן זעלנער, וואָס קומט אויף זייער שפּור.

יידן, וואָס ווילן אַנטלויפן פון תּימן, קאָנען נישט פאַרקויפן זייערע הייזער און פעלדער, ווייל נאָך זייער אנטלויפן ווערן זייערע הייזער און פעלדער קאָנפיסקירט לטובת דעם אימאַם און אויב עס איז דאָ אַ פאַרקויף־אָפּמאַך צו אַן אַראַבער, איז ער נישט גילטיק. ווילן אַזוי־אַרום אַראַבער נישט קויפן ביי יידן זייער האָב און גוטס.

תּימן איז אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה. ענגלאַנד שטייט נאָר אויף דער וואַך אין אַדען (וואָס איז מיט אַ 70 יאָר צוריק אָפּגענומען געוואָרן פון תּימן!), אַז קיין פרעמדע השפּעות זאָלן זיך נישט אַריינרייסן אין דער אַראַבישער מלוכה. אַ טעות וואָלט אָבער געווען אָנצונעמען, אַז דער אימאַם האָט די גאַנצע מאַכט אין תּימן. אייגנטלעך איז דער אימאַם נאָר אַזאַ מין אויבערהערשער איבער די אומצייליקע קליינע מלוכהלעך מיט אייגענע סולטאַנס, וואָס געפינען זיך טיף אין אַראַביען. פאַראַן מקומות, וווּ יעדער דאָרף געהער צו אַ באַזונדערן „סולטאַן".

גראָד אין די טעג, ווען איך בין געווען אין אַדען זענען אָנגעקומען אַהין פיל אַנטלאָפענע אַראַבער פון אַ רייַנאַנטע דערפער אין תּימן, ווו עס איז אויסגעבראָכן אַ „מלחמה" צווישן צוויי „סולטאַנס".

די סיבות פון אַזאַ „מלחמה" קאָנען זיין פאַרשידענע. אַמאָל ברעכט אויס אַ מלחמה צווישן די קליינע אַראַ־

בישע מלוכהלעך צוליב אַ צוגעגנבעטער סטאַדע פי, אַמאָל צו־ליב דעם, וואָס עמעצער דערלויבט זיך צו באַליידיקן דעם שכנותדיקן „סולטאַן" און יענער זוכט בלוט־סאַטיספאַקציע. די דאָזיקע „מלחמות" דויערן געוויינלעך נישט לאַנג. זיי ענדיקן זיך נאָכדעם, ווי עס פאַלן עטלעכע טויטע פוןביידע זייטן און דערנאָך שליסט מען דעם שלום. מען שעכט שעפסן און די נעכטיקע קעגנער פאַריייניקן זיך אין אַ בונד, כדי אַרויס־צוטרעטן קעגן אַ דריטן סולטאַן. און אַ סבה צו אַ מלחמה געפינט מען שטענדיק.

תימן גרענעצט זיך אין צפון מיט דער גרויסער אַראַ־בישער מלוכה פון איבן־סאַאוד, דעם הערשער פון העדזשאַס. ער איז אויך דער אָנגעזועצנסטער פון אַלע אַראַבישע הער־שער, ווייל אונטער זיין מאַכט געפינען זיך מעקקאַ און מע־דינע, די צוויי הייליקסטע מקומות פון יעדן מאַכמעדאַנער.

ווי מען גיט איבער, איז איבן־סאַאוד אַ געבילדעטער מענטש. ער אינטערעסירט זיך מיט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט און ער אַליין לייענט יעדן טאָג אַ ריי איי־ראָפּעישע צייטונגען.

גאָר זעלטן ווערט אָן „אומגלויביקער" אַריינגעלאָזן אין דער מלוכה פון איבן־סאַוד. און אַפילו ווען מען האָט שוין די וויזע און מען געפינט זיך אונטער דער שוץ פון די אַראַבישע פּאָליציאַנטן, איז מען נאָך אַלץ נישט זיכער פאַר אָנפאַלן מצד דעם המון.

אין מעקקאַ און מעדינע טאָר נישט טרעטן קיין פוס פון אָן אַנדעוויש־גלויביקן. געווען שוין פאַלן, ווען אַנדערש־גלויביקע זענען געקומען קיין מעקקאַ איבערגעטון אין אַראַבישער טראַכט. מען האָט זיי אָבער דעמאַסקירט און זיי זענען אויפן אָרט גע־לינטשט געוואָרן פון פאַנאַטישן המון, וועלכער האַלט פאַר אַ מצווה אומצוברענגען יעדן אַנדערש־גלויביקן, וועלכער „פאַר־שוועכט" מיט זיין קומען די ערד, ווו עס איז באַהאַלטן דער שעפער און נביא פון דער מוזולמענישער רעליגיע.

*

נאָך אַ צוויי־טאָגיקן אויפֿענטהאַלט אין אַדען מוזן מיר זיך לאָזן אין ווייטערדיקן וועג אַריין. דעם לעצטן נאָכמיטאָג פֿאַרברענג איך נאָך מיט אָרטיקע יידן אין אַ קאַפֿע אין „סטימער פּאָינט". דער אייגנטימער איז אַ ספֿרדישער ייד מיט אַ גריכישן נאָמען. אין קאַפֿע טרעפֿט מען ענגלישע אָפֿיצירן, באַאַמטע און אויך אָרטיקע יידן. אַראַבישע באַזוכער זעט מען דאָ ווינציק.

די באַציִונגען צווישן יידן און דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע זענען די בעסטע. דאָס גאַנצע שטאָטישע לעבן געפֿינט זיך אונטער דער שטאַרקער יידישער השפּעה. אַראַבער לעבן מחוץ דער שטאָט אויף דעם שמאָלן לאַנד־פּאַס, וואָס עס איז דער גאַנצער שטח פֿון דער קרוין־קאָלאָניע. די פּרנסה ציִען זיי פֿון צושטעלן גרינצייג פֿאַר די שטאָטישע איינוווינער. אַנדערע קומען אין שטאָט אַריין פֿאַרדינען אַלס לוין־אַרבעטער.

די אַנטי־יידישע העצע פֿון די אַראַבישע לענדער אין נאָענטן מזרח געפֿינט דאָ גאָר אַ שוואַכן אָפּקלאַנג. איינמאָל האָבן די אַדענער אַראַבער געפּרוווט דעמאָנסטרירן; באַלד האָט אָבער די ענגלישע אַדמיניסטראַציע געגעבן אַ שאַרפֿע אָנצוהערעניש די העצער און דאָס האָט געווירקט.

אַדען איז פֿאַר ענגלאַנד אַ צו וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט, אַז עס זאָל דאָ קאָנען דערלאָזט ווערן צו אומרוען.

וואָס פֿאַר באַציִונגען עס הערשן צווישן יידן און אַראַבער אין אַדען בכלל?

נו, יאָ, דאָס זענען די באַציִונגען צווישן אַרבעט־געבער און אַרבעט־נעמער.

יידן, גריכן און אינדיער האָבן באַהערשט דעם האַנדל פֿון אַדען און האַלטן אין זייער האַנט דעם ווירטשאַפֿטלעכן לעבנס־נערוו פֿון דער קרוין־קאָלאָניע. דער אַראַבער איז אין די מערסטע פֿאַלן נישט מער ווי דער פּשוטער לוין־אַרבעטער.

ווען איך קום פֿאַרנאַכט אַרויף אויף דער שיף, הערשט דאָ אַן אומגעוויינלעכע באַוועגונג.

אין טרעף דאָ פיל יידישע אַגענטן, וואָס רעגולירן די חשבונות פאַר די סחורות, וואָס זיי האָבן באַקומען. אַנ־ערע נוצן נאָך אויס די געלעגנהייט אויף צו קויפן קעסטלעך פרוכטן, וואָס „דוקעססאַ" פירט מיט זיך.

קיין אָדען מוז מען אַלץ ברענגען פון דער פרעמד, ווייל אַ חוץ די שוואַרצע וואולקאַנישע שטיין־בערג און די סאַלינען, וואָס פראָדוצירן זאַלץ, פאַרמאָגט אַדען מער גאָרנישט קיין אייגנס.

די איינוווינער זענען אָבער דערפון חלילה נישט אומ־גליקלעך.

אַזוי ווי קיין אַריינפיר־צאָלן זענען נישטאָ אין אָדען, שיקט די וועלט אַהער פון אַלעם גוטן און טאַקע פאַר גאָר ביליק געלט.

אויף דעם אינדישן אָקעאַ

דוקעססאַ ד׳אַאָסטאַ, 17־טן אַפּריל

שוין דעם דריטן טאָג שווימען מיר איבער די רויִקע וואַסערן פון אינדישן אָקעאַן. מיר זענען ווייט אַוועק פון דער יבשה און אַזוי ווייט ווי עס דערגרייכט דער בליק, זעט מען נאָר הימל און וואַסער. דער ים איז שוין דעם דריטן טאָג אַזוי שטיל, גוטמוטיק און אונזער „דוקעססאַ“, וואָס האָט מיט אירע 11 מייל אַ שעה אויך נישט קיין באַזונדערע איילעניש, לאָזט הינטער זיך אַ ווייס־שוימיקן פּאַס, וועלכער ציט זיך אָבער באַלד צונויף, כדי נישט צו דיסהאַרמאָנירן מיט דעם בילד פון ער אַרומיקער שטילקייט.

אויף דער שיף קענען מיר זיך שוין אַלע און מען לעבט אָ צוזאַמען, ווי אַ גוטע פאַמיליע.

איך קאָן זיך נישט באַקלאָגן אויף קיין לאַנגווייליקייט.

נאָכדעם, ווי מיר זענען אַרויס פון ים־סוף, האָט אונז ער קאַפּיטאַן מודיע געווען, אַז מען מוז זיך מער נישט אַזוי טאַרק היטן פאַר דער זון. פאַמעלעך הויבן מיר זיך אָן צו־וגעוווינען אינדערפרי צו די זון־בעדער. אויפן דעק האָט מען ין באַסיין אַריינגעלאָזן ים־וואַסער און מען קאָן זיך שוין ריי באָדן.

צו פרישטיק קומען מיר אַראָפּ גוט אויסגעהונגערט, ווייל ט דער רויִקער ים האָט שוין אַזאַ טבע, אַז ער וועקט דעם פּעטיט.

אַ צוויי שעה אַרבעט איך אין סאַלאָן אויף מיינע צוויי אַשינדלעך (מיט יידישע און לאַטיינישע אותיות), וואָס מאַכן וזאַמען מיט מיר דורך דעם וועג. אונזער מיט־פּאַסאַזשיר, דער

דייטש, ווייסט שוין געגוי, ווען עס איז מיין צייט צו ענדיקן און דעמאָלט לאָז איך שטיין די מאַשינען אין סאַלאָן און איך גיי מיר אויף דעם טעגלעכן שפּאַציר מיטן דייטש.

די געשפּרעכן מיטן דייטש זענען פאַר מיר שטענדיק אינטערעסאַנט.

ער קען שוין אַלע פאַרבאָרגענע קעמערלעך און מאַשי־נען פון אונזער שיף. און מאַכט ער איינמאָל אַ נייע „אַנט־פּלעקונג", מוז ער, פאַרשטייט זיך, מיך באַלד קומען רופן, כדי עס צו ווייזן. מיר געווינען איינער צום אַנדערן אַלץ מער צו־טרוי. איך דערצייל אים וועגן מיינע איינדריקן פון דייטשלאַנד, ווו איך האָב געוויילט קוים מיט אַ דריי מאָנאַטן צוריק; ער ווידער מאַכט אייניקע ריכטיקע, קריטישע באַמערקונגען וועגן זיינע אָבסערוואַציעס אין ארץ־ישראל, ווו ער האָט מערערע מאָל געוויילט אין די לעצטע צוויי יאָר, בשעת ער האָט אין שליחות פון זיין אינדוסטריע־פירמע געפּרוּווט געווינען אַן אָפּ־זאַץ־מאַרק אין נאָענטן מזרח.

יאָ, איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן וועגן די נייע געסט, וואָס מיר האָבן באַקומען אין אַדען.

דאָ זענען אַרויף אויף אונזער שיף אַן ערך צוויי צענדליק דעק־פּאַסאַזשירן — מאַלאַיער, וואָס האָבן עולה־רגל געווען קיין מעקקאַ און מעדינע און איצט קערן זיי זיך אום אין זייער היים, וואָס געפינט זיך אין קאַפּ־לאַנד פון דרום־אַפריקע. אַחוץ דעם איז צוגעקומען אַן אינדיער מיט זיין פרוי אין דער ער־שטער קלאַס.

אויף מיר האָט געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק, הלמאי מען האָט דעם דאָזיקן אינדיער און זיין פרוי סערווירט אין סאַלאָן ביי אַ באַזונדערן טיש. אונזער ענגלענדערין האָט אָבער גאָר שטאַרק תּרעומות, וואָס אַן אינדיער זיצט בכלל אין דעם זעלבן סאַלאָן און האָט שוין נישט איינמאָל פאַרקרימט די נאָז ביים אָנבליק פון די ניי־צוגעקומענע פּאַסאַזשירן.

אָט דער אינדיער, וועלכער פאָרט קיין מאָמבאַסאַ, האָט ביי מיר דערוועקט אַ באַזונדער אינטערעס. עס ווייזט זיך אַרויס,

אַז דער פּאַרשוין, אויף וועלכן די ענגלענדערין קוקט מיט אַזאַ ביטול, רעדט אַ שיינעם פראַנצויזיש און ענגליש און איז אויסגעצייכנט באַהאַוונט אין די ראַסן-פּראָבלעמען פון אַפריקאַנישן קאָנטינענט. ער מאַכט פאַר מיר די הקדמה, וואָס וועט מן-הסתם שפּעטער מיר נאָך גוט צונוץ קומען.

גיך לויפן פאַרביי די אָוונט-שעהן אין שמועס מיט אָט דעם מאַן, וועלכער האָט שוין פיל, זייער פיל געזען אין זיין לעבן און איז אָנגעזאַפּט מיט פּראַקטישן וויסן.

היינט אין די נאָכמיטאָג-שעהן האָט דער דייטש פלוצלונג מיט זיין פאַרגרעסערונגס-גלאָז געמאַכט די „אַנטדעקונג". אַז מיר געפינען זיך נישט ווייט פון דער יבשה. אַ שיפס-אָפיציר האָט די ווערטער פון דייטש באַשטעטיקט. מיר דערנענטערן זיך נעמלעך צו דעם מזרח-קאַפּ פון אַפריקע. עס צייכענען זיך שוין עטוואָס געגנויער די קאָנטורן פון די בערג.

באַלד דערזעט מען אויך מיט דעם פרייען אויג ווייסלעכע פלעקן. דאָס זענען די אויסגעבויטע הייזער ביים ברעג.

דאָ, אויף דעם ווייטסטן פונקט פון אַפריקע, אין מזרח-זייט, געפינט זיך אַן איטאַליענישער לייכט-טורעם. הונדערטער מיילן אַרום איז נאָר זאַמדיקער מדבר. צו דעם נאָענטסטן ישוב פון איינגעבוירענע איז צוויי הונדערט מייל. מוז מען טאַקע באַוואונדערן דעם פּיאָנערן-גייסט פון יענע עטלעכע צענדליק איטאַליענער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער דאָזיקער וויסטעניש, כדי צו געבן פון דאַנען ליכט-צייכנס פאַר די שיפן און באַדינען אויך די ראַדיאָ-סטאַציע, וואָס איז דאָ מסתמא נויטיק פאַר איטאַליע אויס סטראַטעגיש-פּאָליטישע טעמים.

די מענטשן לעבן דאָ אָפּגעשניטן פון דער גרויסער וועלט. אַ שיף קומט צו זיי איינמאָל אין 8—6 חדשים און איינמאָל אין עטלעכע וואָכן קומט אַ קאַראַוואַן פון שוואַרצע, וועלכער ברענגט אויף קעמלען טרינק-וואַסער פון טיפעניש פון לאַנד. אָט דער מזרח-קאַפּ פון אַפריקע איז אַמאָל געווען זייער אַ גע-

פּע־לעכער פּונקט פּאַר שיפן, וועלכע זענען אָנגעקומען פון אינדיע.

ווען עס איז נישט געווען קיין לייכט-טורעם, האָט זיך נישט איינמאָל געטראָפן, אַז שיפן האָבן זיך דאָ אָנגעשטויסן אָן די ריזיקע פעלזן, וואָס שניידן זיך אַריין אין ים, און זע- נען אונטערגעגאַנגען. געקומען זענען דאַן די שוואַרצע און האָבן געוואַרט ביים ברעג, ביז דער ים האָט אויסגעשפּ־גן די רעשטלעך פון די אונטערגעגאַנגענע שיפן, און דערפון האָבן זי געמאַכט אַ לעבן.

האָבן דעריבער די שוואַרצע געהאַלטן, אַז אָט דער לייכט טורעם נעמט אַוועק ביי זיי די „פּרנסה" און זיי האָבן אי דער ערשטער צייט געפּרוווט צו פאַרניכטן דעם וועג־ווייזער ענדלעך האָבן זיי אָבער געמוזט מאַכן שלום מיטן געדאַנק, אַ די ווייסע זענען שטאַרקער פון זיי און איצט ברענגען זיי נאָ לאַנגע וואַנדערונגען דורך די מדבריות טרינק-וואַסער פאַר ח ווייסע, וואָס געפינען זיך ביי דער ראַדיאָ-סטאַציע.

אַ בליק אויף דער מאַפּע באַווייזט, אַז מיר געפינען זי שוין גאָר נאָענט פון עקוואַטאָר — נישט מער ווי אַן ערך הונדערט מייל. און דאָ זענען מיר אַריין אין דער געגנט, ו עס הערשט דורך דעם גאַנצן יאָר אייגנטלעך זומער, ווו ז נאַכט איז שטענדיק כמעט גלייך מיטן טאָג און נאָר די זע טענע רעגנס ברענגען אַריין געציילטע טעג אין יאָר ענדערו גען אין קלימאַט.

מיר דערווייטערן זיך שוין מער נישט פון ברעג.

אונזער ים-נסיעה גייט לענג-אויס דעם איטאַליענישן ס מאַלי-לאַנד. דאָס דאָזיקע לאַנד זעט שוין נישט מער אויס אַז ווילד, ווי דער פריערדיקער ברעג· דאָ זעט מען שוין עפּ מער גרינס, כאָטש קיין גרויס נחת קאָן מען אויך פון ד דאָזיקן לאַנד נישט האָבן. תבואות געראָטן דאָ נישט דאָס ר שפּייז-פּראָדוקטן מוז מען פאַר די ווייסע ברענגען פון ד פרעמד (אָדער פון איטאַליע). די שוואַרצע ווידער קומען או

דערמיט, וואָס ס'איז דאָ. ווילדע חיות זענען פֿאַראַן גענוג, — אַזוי־אַרום פֿעלט זיי נישט קיין פֿלייש. פֿיש האָט מען פֿון ים. און אויב אַ שוואַרצער פֿאַרדינט אַמאָל בײַ עפּנטלעכע אַרבעטן אויך עטלעכע איטאַליענישע ליר, דאַן איז בײַ דער גאַנצער פֿאַמיליע אַ גרויסער יום־טוב, ווײַל מען קאָן זיך פֿאַר דעם געלט קויפֿן אויך אַביסל רײַז.

מאגאדישו

מאגאדישו, 19־טן אפריל

אין דער פרי זענען מיר אהער אנגעקומען.

אָ, ווי שטורמיש איז דאָ דער ים און דאָס גראָד ביים ברעג.

דער גאַנצער היינטיקער טאָג איז אייגנטלעך אַ „פּאַרלוי־רענער”. מען האָט געמאַכט באַלד פון אין דער פרי די גרעס־טע באַמיִונגען אויף אויסצולאָדן די סחורות, וואָס אונזער שיף האָט אַהער געבראַכט; אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט.

די שיף בלייבט דאָ שטיין אַן ערך צוויי מייל פון ברעג און די משא־שיפלעך מיט די פּאָרט־אַרבעטער האָבן זיך אַבסאָלוט נישט געקאָנט דערנענטערן. קוים מיט צרות איז געלונגען דעם שיפס־אַגענט אין מאַגאַדישו צו דערשלאָגן זיך צו אונז מיט אַ מאָ־טאָר־שיפל און ער איז געווען ביי אונז טאָקע אַ ליבער און אָנגעלייגטער גאַסט. געבראַנגט האָט ער אונז די פּאָסט, וואָס איז אַהער אָנגעקומען אויף אונזער אַדרעס.

מיר באַקומען דאָ גרוסן פון אייראָפּע.

די וועלט איז באמת נישט אַזוי גרויס.

אַ בריוו פון וואַרשע באַקום איך דאָ דורך דער לופט־פּאָסט אויף דעם זעקסטן טאָג. און וואַרפנדיק אַ בליק אויף דער מאַפּע זע איך דאָך, אַז איך געפין זיך ביי דער סאַמע גרענעץ פון דרום־אַביסיניע.

ערשט ביינאַכט האָט זיך דער ים באַרויִקט און אויף צו־מאָרגנס האָט מען געקאָנט צוטרעטן צו דער אויסלאָדונגס־אַרבעט.

אין פּאָרט פון מאָמבאַסאַ

שוואַרצע פּאָליציאַנטן

דער בוים „באבו״ אין מאָמבאַסאַ, איינער פון די עלטסטע ביימער אויף דעם אַפריקאַנישן קאָנטינענט. זיין עלטער ווערט געשאַצט אויף 4.000 יאר

מיר קאָנען אויך אַ טראַכט טון וועגן אַראָפּגיין אין שטאָט אַריין.

אַראָפּגיין.

נו, יאָ, דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי. אויף די אומרויִקע וואַסערן ביי מאָגאַדישו קאָן די שיף נישט אַראָפּלאָזן אַפילו די טרעפּלעך, וועלכע וואָלטן פון די שטורמישע כוואַליעס אַוועקגעריסן געוואָרן. דאָ לאָזט מען אַראָפּ די פּאַסאַזשירן אין אַ קויש צו דער באַרקע, וואָס איז אונטן צוגעפּעסטיקט צו דער שיף.

עס דויערט העכער צוואַנציק מינוט ביז מיר געפינען זיך אויפן ברעג.

אין פּאָרט גייט אָן אַ שטאַרקע בוי-באַוועגונג. אין דער צייט פון דער אַביסינישער מלחמה זענען די איטאַליענער גע-וועזן געצוווּנגען דאָ אויסצובויען דעם פּאָרט און מאָדערני-זירן אים.

די אַרבעטן טרעפן דאָ אָבער אָן אויף אומגעהויערע שוועריקייטן, ווייל דער ים איז זייער אומרויִק און ברענגט שטענדיק צוריק שליים אויף די שטעלעס, וואָס זענען מיט שווערער מי פאַרטיפט געוואָרן.

מאָגאַדישו – דאָס איז דער נאָמען פון דער הויפּט-שטאָט פון איטאַליעניש סאָמאַלי. פון דאַנען האָט די איטאַליע-נישע דרום-אַרמיי מיט גענעראַל גראַציאַני בראש אָנגעהויבן איר מאַרש פון דער דרום-זייט קעגן אַביסיניע ביז דאָס לאַנד פון די שוואַרצע, גענומען אין צוויי פייערן, פון צפון און פון דרום, האָט געמוזט זיך אונטערגעבן.

מאָגאַדישו איז שוין טיילווייז אַ מאָדערנע שטאָט. דאָ געפינען זיך די רעגירונגס-בנינים און דער פּאַלאַץ פון גובער-נאַטאָר פון סאָמאַלי-לאַנד.

דאָ האָט אויך ביזן היינטיקן טאָג זיין ווילע דער איצ-טיקער וויצע-קעניג פון אַביסיניע, גענ. גראַציאַני, וועלכער איז געווען גובערנאַטאָר פון סאָמאַלי, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש קעגן אַביסיניע. נאָך איצט קומט גראַ-

ציאַני פון צייט צו צייט פון אַדיס-אַבעבאַ אין זיין פריערדי-קער רעזידענץ און רוט זיך דאָ אויס פון דער נאָך אַלץ אָנ-געשטרענגטער אַטמאָספערע אין דער הויפּט-שטאָט פון עטיאָפּיע.

אין מאָגאַדישו הערשן נאָך שאַרפע מלחמה-געזעצן. יעדער פרעמדער ווערט דאָ געהאַלטן אונטער אַ שאַרפער קאָנטראָל און נאָך די אַרעסטן פון די ענגלישע בירגער אין אַדיס-אַבעבאַ האָט מען אויך דאָ גענומען קוקן מיט חשד אויף אַלע ווייסע, וועלכע זענען נישט קיין איטאַליענער.

פאַראַן אין מאָגאַדישו אַ ריי גרעסערע געשעפטן און איין מאָדערן האַנדלס-הויז, וווּ מען געפינט אַלערליי סחורות. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אינהאַבער פון דעם גרויסן וואַרן-הויז אין דרום-אַביסיניע איז גאָר אַ... קראָקעווער ייד און הייסט הענ-דעל. דער אָנפירער פון דער פירמע איז אַ ייד פון שווייצאַריע, דער איבריקער פערסאָנאַל זענען איטאַליענער.

אין פאַרגלייך צו מאַסואַ הערשט אין מאָגאַדישו אַ פיל בעסערער קלימאַט. אָבער אַלע איטאַליענער, וועלכע אַרבעטן דאָ אָפּ 2--3 יאָר, באַקלאָגן זיך, אַז זיי פילן זיך אומגעהויער מיד און מוזן קומען אויף אַ לענגערן אויסרו קיין אייראָפּע.

ווען איך האָב אין רעגירונגס-בנין פון מאָסאַלי זיך גע-פרעגט צום פרעסע-שעף, כדי אַרויסצובאַקומען די דערלויבעניש צו באַזוכן אַ טייל געגנטן פון דרום-אַביסיניע, האָט מען מיך אַריינגעפירט צום ערשטן סעקרעטאַר פון גובערנאַטאָר, וועלכער האָט מיך געטרוי אויסגעפרעגט וועגן צוועק פון מיין קומען און מיר צוגעזאָגט צו מאַכן אַלע מעגלעכע הנחות. איך האָב באַלד באַקומען צוגעטיילט אַ יונגן באַאַמטן, וועלכער האָט מיך באַגלייט אין שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז פיל צו ווייזן האָט ער אין מאָגאַדישו נישט געהאַט. אינטערעסירט האָט מיך אָבער וואָס דער יונגערמאַן האָט דערציילט וועגן זיך.

געקומען איז ער אַהער מיט דריי יאָר צוריק. ער האָט באַלד באַקומען אַ רעגירונגס-פּאָסטן. אין דער צייט פון דער אַביסינישער מלחמה האָט ער אַנטייל גענומען אין די קאַמפן ביים טייך וועבי-שעבעלי און אָנגעפירט מיט אַן אָפּטיילונג

פון צוויי הונדערט שווארצע. ער גלויבט, אַז איטאַליע וואָלט קיינמאָל נישט געווען געווונען די מלחמה קעגן אַביסיניע, ווען עס זאָלן נישט געווען זיין צוגעגרייט פון פריער די שווארצע אסקאַריער. אין מאָמענטן, ווען עס איז געקומען צום קאַמף פון מאַן צו מאַן, איז דער איטאַליענער געווען צו שוואַך, כדי בייצוקומען די אַביסיניער, און דאָ האָבן די שווארצע, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר איטאַליע, באַוויזן זייערע גבורות.

אין מאָגאַדישו שטייט אונזער שיף עטלעכע טעג. דאָס אויסלאָדן די סחורות פאַרנעמט דאָ פיל צייט און אַזוי-אַרום האָב איך די מעגלעכקייט נישט נאָר צו זען די שטאָט, נאָר אויך, נאָכדעם ווי איך האָב אין טאַש די דערלויבניש פון דער מאַכט, אַרויסצופאָרן אין דער אומגעגנט און אַריינפאָרן מיט דער אויטאָ-סטראַדע אין אַ גוט שטיק פון דרום-אַביסיניע.

ביי היינטיקס טאָג זענען אָפּגעווישט די גרעניצן און אויך סאָמאַליע איז נישט מער ווי אַ טייל פון עטיאָפּיע, כאָטש זי האָט אַ באַזונדערן גובערנאַטאָר. עס ווערט שוין איצט צו-געגרייט דורך די איטאַליענער אַן איינהייטלעכע אַדמיניסטראַציע פאַרן גאַנצן טייל פון אַפריקאַנישן קאָנטינענט, וואָס ווערט היינט-צו-טאָג אַרומגענומען פון דעם נאָמען „איטאַליעניש-מזרח-אַפריקע".

מיט אַן אויטאָ פאָר איך אַרויס אין דער געגנט פון די ביינוול-פלאַנצונגען אין סאָמאַליע. דאָס איז איבעריגנס די איינ-ציקע געגנט אין סאָמאַליע, וווּ די איטאַליענישע קאָלאָניסטן האָבן געקאָנט מיט זייער מיפּולער, גאַנצע צענטליקער יאָרן דויערנדער פּיאָניר-אַרבעט אויפטון עפּעס ממשותדיקעס.

נאָך אַ קורצן אָפּרו פאָרן מיר ווייטער. מיר קומען צו דעם ברעג פון טייך וועבי-שעבעלי, ווו עס האָבן זיך אָפּגע-שפּילט בלוטיקע שלאַכטן אין דער לעצטער מלחמה.

היינט איז דאָ רויק און שטיל.

ווו נישט ווו באַגעגנט מען נאָר גרופּעס אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט ביים פאַריכטן און אויסברייטערן דעם שאָסיי,

כדי ער זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער לעבעדיקער אויטאָ־באַוועגונג, וואָס הערשט אויף דעם וועג טיפער קיין עטיאָפּיע.

אויף דעם צוריק־וועג ווערט אונזער אויטאָ אַ סך מאָל אָפּגעשטעלט און קאָנטראָלירט. עס הערשן אין גאַנצן לאַנד שאַרפע קריגס־געזעצן, וועלכע ווערן מאָטיווירט דערמיט, וואָס מען איז חושד, צי עס כאַפּן זיך נישט אַריין אין לאַנד קיין פרעמדע שפּיאָנען.

אין דעם אָקופּירטן געביט טרעפן זיך נאָך אויף פון צייט צו צייט אַרויסטריטן פון פּאַרטיזאַנער־באַנדעס, וועלכע זענען אויסבאַהאַלטן אין די בערג און פאַלן אָן אין רוקן פון קלענערע איטאַליענישע מיליטער־אָפּטיילונגען.

און ווען אַזעלכע פּאַרטיזאַנען־קעמפער פאַלן אַריין אין די הענט פון דער איטאַליענישער מאַכט, דאַן איז פאַראַן פאַר זיי נאָר איין שטראָף:

— טויט!

אין מאָגאַדישו אַרבעט טאַקע די גאַנצע צייט דער קריגס־טריבונאַל, וועלכער האָט דאָ זיין אייגענעם געמויערטן בנין.

גראָד אַנטקעגן דעם קריגס־טריבונאַל איז פאַראַן אַ גרע־סערע קאַפע, וווּ איך האָב זיך אין אַ הייסן טאָג אַוועקגעזעצט טרינקען געקילטן טיי.

זיץ איך מיר אַזוי רויִק און זופּ דעם אייז־טיי. אויף קיין רגע איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז אין דעם בנין קעגנאיבער, ווו טיר און טויער זענען פאַרשלאָסן, זאָל זיך איצט, אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהן, פירן אַ געריכט־פאַרהאַנדלונג.

ווען איך האָב זיך שוין געגרייט אַוועקצוגיין, האָב איך צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג באַמערקט, ווי דער טויער פון ווייסן הויז האָט זיך געעפנט און אונטער אַ שטאַרקער שמירה פון זעלנער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון דאָרט אַן ערך צוויי צענדליק שוואַרצע, וועלכע מען האָט „אויפגעלאָדן" אויף

אַ לאַסט-אויטאָ, וואָס איז פֿאַרפֿאָרן אין דעם זעלבן מאָמענט. די שוואַרצע זענען געווען געבונדן אין קייטן צו צוויי פּאַרשוין צוזאַמען.

דער אויטאָ רירט פֿון אָרט און די דורכגייער חידושן זיך נישט אויף דער גאַנצער סצענע.

עס איז דאָ קיין נייעס נישט.

אַלע ווייסן, אַז דאָס זענען פֿאַרמשפּטע, וועלכע ווערן געפֿירט צום עקזעקוציע-פּלאַץ הינטער דער שטאָט.

אין וואָס זענען געווען באַשולדיקט די פֿאַרמשפּטע נעגער?

אויף דער פֿראַגע איז שווער צו געפֿינען אַן ענטפֿער.

אומזיסט וועט איר אַזאַ ענטפֿער זוכן אויך אין דער אָרטיקער טעגלעכער צייטונג, דער אָרגאַן פֿון די פֿאַשיסטן אין סאָמאַלי. וואָס אַן אמת, אַ קליין בלעטל, סך-הכּל נישט מער ווי 4 זייטן, אָבער פֿאַראַן דאָ אַזש גאַנצע צוויי קאָרעספּאָנדענציעס פֿון אויסלאַנד, אַ טעאַטער-בריוו פֿון ווין און אַ בריוו פֿון... מאָסקווע, ווו עס ווערט דערציילט, אַז די טעג פֿון סטאַלינס ממשלה זענען געציילטע. אין דער זעלבער לאָקאַלער צייטונג איז נישטאָ קיין שום נאָטיץ וועגן פּראָצעס, וואָס איז פֿאָרגע-קומען מיט 24 שעה פֿריער און אויך וועגן דער עקזעקוציע איבער די פּאַרשוינען, וועלכע געפֿינען זיך שוין, אָן שום ספֿק, אויפֿן עולם האמת.

איידער מיר פֿאַרלאָזן מאָגאַדישו נוץ איך אויס אויך די געלעגנהייט צו זיין מיט אַ וויזיט אין אָרטיקן מוזיי, ווו עס ווערט געגעבן אַ בילד פֿון די איטאַליענישע אויפֿטוען אין סאָמאַלי. דער סך-הכּל איז אַן אָרעמער, ווייל וואָס מ׳שטיינס געזאָגט קאָן מען אויפֿטון אין אַ לאַנד, ווו 90 פּראָצענט פֿון שטח זענען מדבר און הייסער זאַמד?

די איטאַליענישע אַדמיניסטראַציע פֿון סאָמאַלי האָט אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע צענדליקער יאָרן אָפּגעקאָסט דעם איטאַליענישן שטייער-צאָלער אַן אוצר מיט גאָלד, ווייל די עקספּלואָטאַציע פֿון דאָזיקן לאַנד האָט אויף קיין שום פֿאַל

נישט געקאָנט דעקן די ריזיקע הוצאות פון אַ קאָלאָניאַלער פאַרוואַלטונג.

איצט טרייסט מען זיך, אַז עטיאָפּיע וועט מיט אירע נאַטירלעכע רייכטימער אָפּצאָלן שוין אַלע פריערדיקע דעפיציטן. אויף וויפל די דאָזיקע האָפנונגען זענען באַרעכטיקט, וועט באַווייזן ערשט די ווייטערע צוקונפט.

איבער דעם עקוואַטאָר

דוקעססאַ ד'אַאָסטאַ, 20־טן אפּריל

צומאָרגנס נאָך אונזער אַרויספאָר פון מאָגאַדישו זענען מיר אַריבער דעם עקוואַטאָר.

דאָס לעבן אויפן ים האָט זיך זיינע מנהגים און פאַר די ים־מענטשן איז דאָס אַריבערפאָרן דעם עקוואַטאָר שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ באַזונדער פייערלעכקייט.

מיר, די פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן צום ערשטן מאָל איבערן עקוואַטאָר, האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם מאָמענט, נאָכדעם ווי מען האָט אונז מצד דער שיפס־מאַנשאַפט נייגעריק געמאַכט מיט פאַרשידענע רמזים. אויסגעלאָזן האָט זיך עס אָבער דערמיט, וואָס דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט ביים מיטאָג־טיש פּלוצלונג זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און נאָך איידער מיר, די ערשטלינג־פאָרער איבערן עקוואַטאָר, האָבן זיך נאָך געהאַט רעכט אָריענטירט, איז יעדער פון אונז געווען באַשפּריצט מיט שאַמפּאַניער.

דערנאָך האָט מען אונז דערלאַנגט די דיפּלאָמען אין נאָמען פון „ים־גאָט" נעפּטון.

אַן אַלטער מנהג, וואָס ווערט איינגעהאַלטן אויף אַלע שיפן, וואָס גייען דורך דעם עקוואַטאָר, אויף וועלכן אָקעאַן עס זאָל נישט זיין.

מיין נסיעה מיט דער „דוקעססאַ ד'אַאָסטאַ" דערנענטערט זיך צום סוף.

אין דעם נאָנטסטן פּאָרט, אין מאָמבאַסאַ, פאַרלאָז איך די שיף, כדי זיך אַוועקצולאָזן טיפער אין דער יבשה פון מזרח־

צענטראַל-אַפריקע. פון דאַנען פירט אויך דער באַקוועמסטער וועג צו דער אַפריקאַנישער דזשונגל.

ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן צוויי טעג פון מאָגאַדישו, האָט זיך אויפן ים באַוויזן דער ערשטער רעגן. איינער פון די מאַטראָזן האָט אין האַלב שפּאַס, האַלב ערנסט באַמערקט:

„אָט דאָ, ווו עס הויבט זיך אָן דער רעגן, ענדיקט זיך דער איטאַליענישער באַזיץ".

מיר געפינען זיך קעגנאיבער דער גרעניץ צווישן סאָמאַ-לי און... ענגליש קעניאַ (אוגאַנדע).

צומאָרגנס קאָנען מיר זען פון דערווייטנס, ווי דער ברעג האָט אינגאַנצן געענדערט זיין אויסזען. אַ רייכע בליענדע גרינקייט, געדיכטע וועלדער און פּלאַנצונגען, וואָס מאַכן דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט מיטאַמאָל אַריין אין אַ פון גאָט-געבענטשטן גאָרטן. יאָ, דאָס איז די געבענטשטע ערד פון קעניאַ, וואָס איז אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן געוואָרן איינע פון ענגלאַנדס בליענדיקסטע קאָלאָניעס. קעניאַ איז פאַר מיר נאָך אַ באַזונדער אַטראַקציע. אַ טייל פון דאָזיקן לאַנד האָט ענגלאַנד אַמאָל געוואָלט אָפּגעבן פאַר יידישער קאָלאָנ-ניזאַציע. יאָ, דאָס איז דאָך געווען דער באַרימטער אוגאַנדע-פּראָיעקט.

דאָ וועל איך זיך אָפּשטעלן טאַקע אויף אַ לענגערער צייט.

דער אַריינפאָר אין פּאָרט פון מאָמבאַסאַ, אַ טאָג שפּע-טער אין די פאַרנאַכט-שעהן, שטעלט מיט זיך פאָר אַ מאָלעריש בילד, וואָס מען קאָן אַזוי גיך נישט פאַרגעסן.

מען האָט דעם איינדרוק, ווי נאָך אַ לענגערן וואַנדערן אין אַ מדבר, האָט מען מיטאַמאָל אין אַ חלום דערזען אַ... בליענדיקן גן-עדן.

דאָס איז אָבער נישט קיין חלום. אָט איז אויף אונזער שיף אַרויפגעקומען דער פּילאָט, וועלכער פירט אונז העכער אַ שעה צייט דורך דעם קאַנאַל, ביז מיר קומען צום ברעג.

דער קאַנאַל טיילט אָפּ די שטאָט מאָמבאַסאַ פון דער יבשה.

מאָמבאַסאַ, איינע פון די עלטסטע שטעט אין מזרח־אַפריקע מיט אַ רייכער פאַרגאַנגענהייט, געפינט זיך אויף אַן אינזל.

דאָ געזעגן איך זיך מיט די פּאַסאַזשירן און מיט דער מאַנשאַפט פון „דוקעססאַ".

אין דער צייט פון די 4 וואָכן, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, האָבן מיר זיך צוגעוווינט איינע צו די אַנדערע, ווי איין משפחה. מיר, מענטשן פון פאַרשידענע ראַסן און פעלקער, זענען אויפן ווייטן ים געוואָרן נאָענטע פריינד.

אין מאָמבאַסאַ שטייט די שיף אַ טאָג צייט. מיינע מיט־פּאַסאַזשירן, וועלכע פאָרן ווייטער, האָבן אַזוי־אַרום גענוג צייט אויף צו באַגלייטן מיך אין שטאָט אַריין און גראָד דער דייטש, וואָס מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַזאַ מאָדנעם אופן, האָט מיך געבעטן, אַז ביי מיין שפּעטערדיקער רייזע אין דרום־אַפריקע, זאָל איך נישט פאַרגעסן צו זיין מיט אַ וויזיט ביי אים אין יאָהאַנעסבורג.

מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען ווי אויפריכטיקע פריינד.

קעניא און אוגאנדע

אין שאָטן פון „באַבאָ"

מאָמבאַסאַ, 21־טן אַפּריל

צי וואָלטן מיר זיך נישט באַדאַרפט שעמען מיט די קנאַפּע ידיעות, וואָס מיר האָבן וועגן אַפריקע? דערמאָן איך זיך דאָך נאָך גאַנץ גוט, ווי מיין לערער פון געאָגראַפיע אין גימנאַזיע, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מקפיד, אַז די תלמידים זאָלן וויסן אָנצורופן דעם נאָמען פון עפּעס אַ טייכל אין אַלבאַניע, אָדער גענוי אָנגעבן, ווי הויך עס איז דער און יענער באַרג אין די אַלפּן, — אָט דער זעלבער לערער האָט ביי אַפריקאַנער געאָגראַפיע באַגנוגנט זיך דערמיט, אַז דער תלמיד האָט געוווסט וואָס די אָדער יענע קאָלאָניע עקספּאָר־טירט. פון דאַנען באַקומט מען קאַווע און פון דאַנען באַוול, דאָ זענען פאַראַן גאָלד־גרובנס און ערגעץ־ווו אַנדערש באַקומט מען אַרויס אַנדערע מינעראַלן. אַפריקע איז מיט אירע דריי־סיק מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער דריי מאָל אַזוי גרויס ווי אייראָפּע, האָט אַן ערך 140 מיליאָן מענטשן, טונקעלע, ברוינע און שוואַרצע. צי האָט דאָס אַלץ בלויז דעם איינציקן צוועק און זין, צוצושטעלן קאַווע און באַוול פאַר אייראָפּע?

וואָס ווייסן מיר, אָפּגעזען פון עגיפּטן, וועגן אַפריקעס געשיכטע?

מאָמבאַסאַ איז אַ גרויסע, מאָדערנע שטאָט, דער הויפּט־פּאָרט פון דעם לאַנד, וואָס ווערט אָנגערופן קעניאַ. דער אַריינ־פאָר אין מאָמבאַסער פּאָרט איז וווּנדערבאַר שיין. אַ שפע פון גרינס, בוימער, בלומען, וועלכע פאַרשיכורן ממש.

דער פּאָרט איז איינער פון די מאָדערנסטע, וואָס איך האָב געזען אויף מיינע נסיעות. די ליכט־סיגנאַליזאַציע איבערן

און אונטערן וואַסער האָט דאָ דערגרייכט דעם העכסטן פונקט פון פולקאָמענקייט.

ברייטע שיינע גאַסן, הויכע, מאָדערנע הייזער, קאַפעען און האָטעלן, ווי אין אַן אייראָפּעיִשן קוראָרט פון ערשטן ראַנג.

שוין די ערשטע שעהן פון מיין פאַרברענגען אין מאָמבאַסאַ זענען פאַר מיר געווען זייער באַלערנדיק. דאָס נייע מאָמבאַסאַ איז יונג, איז אַלט נישט פיל מער, ווי אַן ערך 50 יאָר. אָבער דאָס אַלטע מאָמבאַסאַ האָט אַ געשיכטע, וואָס גרייכט ביז פיל הונדערטער יאָרן צוריק.

אין אָנהויב פון 16-טן יאָרהונדערט איז מאָמבאַסאַ געווען די הויפּט-שטאָט פון גרויסן פּאָרטוגעזישן קאָלאָניאַל-רייך, וואָס האָט אַרומגענומען נישט בלויז דעם גאַנצן מזרח-ברעג פון אַפריקע, נאָר האָט דערגרייכט ביז קיין אינדיע. מיט הונדערט יאָר שפּעטער איז אָבער אויפגעשווומען אַ נייע מאַכט. געווען איז עס די כוואַליע אַראַבער, וואָס האָט זיך אָנגערוקט פון צפון, האָט פאַרנומען די אינזל זאַנזיבאַר אין שכנות, און פון דאַנען האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן צוויי גרויס-מאַכטן פון יענער צייט, אַראַביע און פּאָרטוגאַל. די אַראַבער האָבן, נאָך אַ לענגערער באַלאַגערונג, פאַרנומען מאָמבאַסאַ און זייערע מלחמות מיט די פּאָרטוגעזער האָבן זיך געצויגן לאַנגע יאָרן.

פאָרמעל געהערט נאָך היינט מאָמבאַסאַ צום סולטאַן פון זאַנזיבאַר, וועלכער רעגירט אונטער דער השגחה פון ענגלאַנד. כדי אָבער צו האָבן אין מאָמבאַסאַ די פולע באַוועגונגס-פריי-הייט אין דער צייט, ווען עס איז אַזוי נאָנט צום איטאַליענישן סאָמאַלי-לאַנד, האָט ענגלאַנד גענומען מאָמבאַסאַ אין אַרענדע ביים סולטאַן פון זאַנזיבאַר.

דער סולטאַן איז צופרידן, ווייל גרויס-בריטאַניע איז אַ סאָלידער „אַרענדאַר“, וועלכער צאָלט פּינקטלעך דעם פּרייז. ענגלאַנד, ווידער, איז אויך צופרידן, ווייל אויף דעם ים-ברעג פון מאָמבאַסאַ האָט זי שוין באַוויזן אַוועקצושטעלן די ערשטע צוויי האַרמאַטן.

דער סולטאַן פון זאַנזיבאַר לעבט בכלל אין גוט־פריינט־שאַפט מיט ענגלאַנד, פון וועלכער ער ציט דאָך זיין הויפּט־חיונה.

אויף די חורבות פון דער אַמאָליקער אַראַבישער מאַכט און פון דעם שפּעטערן פּאָרטוגעזישן קאָלאָניאַל־געביט אין מזרח־אַפריקע האָט ענגלאַנד אויסגעשפּרייט איר אייגענע הערשאַפט.

איך לאָז זיך אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט.

מאָמבאַסאַ איז אָן אַ שום ספק די מאָדערנסטע פון די אַלע שטעט, וואָס איך האָב ביז איצט געזען אין מזרח־אַפריקע. ברייטע שיינע בולוואַרן, מאָדערנע האַנדלס־הייזער און ביי דעם אַלעמען דער אָנגענעמער שאָטן פון אַלטע בוימער, וואָס עס מאַכט לייכטער דאָ צו פאַרטראָגן די גענוג שווערע היצן.

אויף אַן אויטאָ־אַרויספאָר הינטער דער שטאָט ווייזט מען מיר דעם אַלטן בוים „באַבו", וועלכער איז, לויט דער לעגענ־דע צווישן די איינגעבוירענע, דער עלטסטער בוים אויף דער וועלט. די איינגעבוירענע דערציילן, אַז דער בוים איז אַלט 5.000 יאָר. די וויסנשאַפטס־לייט קאָנען נישט פעסטשטעלן זיין גענויען עלטער, אָבער אויך זיי האַלטן, אַז דער דאָזיקער בוים איז איינער פון די עלטסטע אויף דעם אַפריקאַנישן קאָנטינענט.

מיט דער באַן צו דער דזשונגל

אין צוג מאָמבאַסאַ-נייראָבי, 22-טן אַפּריל

נישט מער ווי נאָך מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק פלעגט מען זיך קאָנען אַוועקלאָזן אין דער אַפריקאַנישער דזשונגל נאָר מיט גאַנצע עקספּעדיציעס, — היינט איז עס געוואָרן אַן ענין פאַר טוריסטן. פאַראַן צו אייער דיספּאָזיציע אַלע מאָדערנע קאָמוניקאַציע-מיטלען, כּדי אַריינצוקומען אין דער געדיכטעניש פון די אַפריקאַנישע וועלדער. אַ נעץ פון אַעראָפּלאַן-ליניעס קרייצט דורך דעם גאַנצן אַפריקאַנער קאָנטינענט. אומעטום ווערן פיבערהאַפט געבויט גוטע, מאָדערנע שאָסייען און אויך דאָס באַן-נעץ האַלט זיך אין אויסברייטערן.

אין אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט געפין איך זיך אויף דעם וואָקזאַל פון מאָמבאַסאַ, כּדי אָפּצופאָרן פון דאָרט קיין נייראָבי, די הויפּט-שטאָט פון קעניאַ.

אין אַפריקע גייען נישט די באַנען יעדן טאָג. אויף דעם קאָנטינענט, ווו עס הערשט אָרימקייט אין מענטשן, פעלן פּאַסאַזשירן, כּדי טעגלעך אויסצופילן די פערזאָנען-צוגן. פאָרן טאַקע די באַנען אויף די הויפּט-ליניעס נישט מער, ווי צוויי דריי מאָל אין דער וואָך.

דער שנעלצוג קיין נייראָבי גייט יעדן דינסטיק, דאָנערשטיק און שבת 4 נאָכמיטאָג. כּדי נישט צו פאַרלירן צופיל צייט, פאָר איך טאַקע מיט דעם נאָנטסטן דאָנערשטיק-עקספּרעס.

די ענגלישע קאָלאָניאַלע באַנען זענען זייער באַקוועם.

אין דער צווייטער קלאַס געפינט מען נישט בלויז אַ בעטל צום שלאָפן, נאָר אויך אַ וואַש-טיש, אַ גרויסן שפּיגל און אַ שרייב-טיש. דאָ שטייט טאַקע מיין מאַשינדל און זי שרייבט

מיט דער באַהן פֿון ים־ברעג צו דער וויקטאָריאַ־אָזערע

פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון קאָלאָניאַל־אַמט, לאָנדאָן

בילד פֿון א לאַנדשאַפֿט אין קעניאַ

א גאַס אין נייראָבי

א מאָדערנער האָטעל

אַזוי לייכט, ווי זעלטן ווען אין אַ צוג. ביי די פענסטער זע־נען פאַראַן מאָסקיטאָ־נעצן, כּדי צו פאַרהיטן דעם פּאַסאַזשיר פאַר אַלע מינים בייזע פליגן, וואָס פעלן נישט אויף דעם אַפּ־ריקאַנער קאָנטינענט.

פאַר שוואַרצע זענען דאָ באַזונדערע וואַגאָנעס פון דריט־טער קלאַס.

אַ האַלבע שעה נאָכן אַרויספאָר פון מאָמבאַסאַ קומען מיר אין אַ געדיכטן פּאַלמען־וואַלד. עס דויערט נישט לאַנג און דער צוג שטעלט זיך אָפּ אויף דער ערשטער סטאַציע אין אַ נעגער־דאָרף.

צום ערשטן מאָל האָב איך די געלעגנהייט צו באַגעגע־נען זיך מיט שוואַרצע ביי זיי אין דערהיים. באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש מאַכן אָט די שוואַרצע פון שבט קיקויו דעם איינדרוק פון פרימיטיווע, אָבער זייער ליבע מענטשן.

אויף דער סטאַציע רינגלען זיי אַרום אונזער צוג. שטייען איבערגעדעקט מיט די קאָצן און קוקן אַזוי גוטמוטיק צו די ווייסע, וואָס בויגן זיך אַרויס פון די וואַגאָן־פענסטער. נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע געפינען זיך עטלעכע פרימיטיווע דאָרפס־הייזלעך, וועלכע זענען דאָ אייגנטלעך אַ „לוקסוס־אַר־טיקל". דער היגער נעגער קאָן אויך גאַנץ גוט אויסקומען אָן אַ דירה. וואָס פעלט אים דען אין דעם געדיכטן וואַלד, וועל־כער באַשיצט אים פון די בייזע ווינטן? און דערצו געפינט ער אויך דאָ פעטע ניס מכּל המינים, וואָס פאַרזאָרגן אים מיט שפּייז.

לעבן זיי טאַקע אין די וועלדער, ווי אדם און חוה איידער זיי זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון גן־עדן.

קוים פאָרן מיר אָפּ עטלעכע מינוט פון דער סטאַציע, געפינען מיר זיך ווידער אין אַ וואַלד. זעלטן ווו אַ מענטש, זעלטן ווו בכלל אַ לעבעדיק באַשעפעניש. פאָרן מיר דאָך דורך אַ לאַנד, ווו לויט די צאָל איינוווינער קומט אויס נישט מער ווי איין מענטש אויף אַ קוואַדראַט־קילאָמעטער.

ערגעץ־ווו לויפט פאַרביי אַ נעגער־פּאָרל אַזוי ווי די

נאַטור האָט זיי באַשאַפן, בלייבן שטיין, נישט ווייסנדיק, אַז מען דאַרף זיך שעמען און קוקן נאָך דעם ציג, וואָס האָט ביי זיי שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ נייאיקייט.

דער ווייסער דורכפאָרער האָט דאָ אַ געלעגנהייט אומגעשטערט צו אָבסערווירן די שיינע קערפער־פאָרמען פון די שוואַרצע מענטשן, וועלכע וואָלטן זיכער נישט געבראַכט קיין אומכּבוד פאַר קיין שום אַנדער ראַסע אויף דער וועלט. וואָלט מען אַהער אַרויסגעשיקט דעם שעפער פון דער „ראַסן־טעאָריע", דאַן וואָלט ער געהאַט דאָ אַ מעגלעכקייט אַליין זיך צו איבערצייגן וועגן דער משוגעת, וואָס שטעקט אין דער „תּורה", אין וועלכער עס רעדט זיך וועגן „בעסערע" און „מינדערע" ראַסן. וואָלט מען אויסגעשריבן אַ קאָנקורס פון דעם צום שענסטן געבויטן מאַן אָדער פרוי אויף דער וועלט, דאַן איז לייכט מעגלעך, אַז דער פרימיטיווער נעגער פון שבט קיקויו וואָלט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אַפילו איבער דעם בעסט־אויסגעהאָדעוועטן פאָרשטייער פון דער „נאָרדישער" ראַסע.

עס פאַלט צו די נאַכט.

שווער אָבער אַנטשלאָפן צו ווערן, ווען דער הימל איז אַזוי אויסגעלייטערט און דער איינציקער ווונטש פון פאַסאַזשיר איז — צו קוקן אין דער ווייטקייט פון דער קלאָרער אַפריקאַנישער נאַכט און נישט צו פאַרלירן פון אויג קיין איין גרעזל, קיין איין געצעלט, נעבן וועלכן עס האַלט וואַך אַ... זשיראַף.

פאַרטאָגס געפינען מיר זיך שוין גענוג הויך. אויף איינער פון די באַן־סטאַציעס איז נאָטירט די הויך פון 1700 מעטער. מיר פאָרן אָבער נאָך העכער. דאָ אין די ווייטע מרחקים זעט מען זעלטן אַ לעבעדיק נפש.

פּלוצלונג באַווייזט זיך פון דער ווייטנס אַ נעגער, וועלכער טובלט זיך אין טייכל און אָט קומט גאַנץ נאָענט צו די רעלסן אַ סטאַדע הירשן.

אַרום צען אַ זייגער אין דערפרי פאַרפאָרן מיר אויף דעם וואָקזאַל פון נייראָבי, ווו עס הערשט אַ גרויסע באַוועג־

THE CHICAGO PUBLIC LIBRARY
Yid 916.1 /Grt cop. 1

גונג און די אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן ווערן אַרומגערינגלט פון אַ המון האָטעל־פּאָרטיערן.

ניירעבּי איז די שטאָט אויף דער גרענעץ פון דער דזשונגל און דאָ זענען אין די לעצטע יאָרן אויסגעבויט געוואָרן לוקסוספולע האָטעלן, כּדי אויפצונעמען טוריסטן פון גאָר דער וועלט.

פון די פאַרשידענע האָטעל־רעקלאַמעס, וואָס איך האָב געטראָפן ביי מיר אין וואַגאָן, איז מיר צום בעסטן געפעלן געוואָרן „דער פּענסיאָנאַט, וואָס געפינט זיך הינטער דער שטאָט אין אַ געגנט פון זון, וואַסער און וואַלד". אַזוי האָב איך געלייענט אין רעקלאַמע־צעטל און באַלד האָט מיך טאַקע דער באַלעבאָס אַליין, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין נעגער געוואַרט ביי דער סטאַציע אויף געסט, אָפּגעפירט אין דאָזיקן פּענסיאָנאַט.

דער באַלעבאָס, אַן עלטערער ענגלענדער, נוצט אויס די ערשטע אומזיסטע קענטשאַפט, כּדי פאַר מיר אויסצולויבן די מעלות פון ניירעבּי און צו פאַרזיכערן, אַז ווער עס האָט זיך איינמאָל צוגעוווינט צו לעבן אין אַ קאָלאָניע, דער וואָלט שוין פאַר קיין שום פּרייז נישט צוריקגעפאָרן קיין איראָפּע.

נ ײ ר אָ ב י

ניירּאָבי, 23-טן אפּריל

פון מיין האָטעל צו דעם שטאָט-צענטער פון ניירּאָבי איז אַן ערך 15 מינוט. איך מאַך דעם שפּאַציר צופוס, כאָטש אַלע פּאָר מינוט גייען אָפּ אין שטאָט גרויסע, זייער באַקוועמע און כמעט ליידיקע אויטאָבוסן.

דער גאַנצער וועג פירט צווישן בוימער און אַזוי-אַרום פיל איך דאָ נישט אַזוי שטאַרק די היץ פון דער ברענענדיקער באַרג-זון אויף דער הויך פון איבער צוויי טויזנט מעטער. וואָס נענטער צו דעם שטאָט-צענטער, אַלץ מער אינדישע געשעפטן. אין געוויסע מאָמענטן קאָן מען האָבן דעם איינדרוק, ווי די אינדיער וואָלטן דאָ פאַרכאַפּט דעם גאַנצן מסחר.

לסוף קום איך אַריין אין דעם מאָדערנעם אייראָפּעיִשן האַנדלס-קוואַרטאַל מיט די פּרעכטיקע לוקסוס-געשעפטן, וואָס קאָנען פּאַסן פאַר אַ פּאַריז אָדער לאָנדאָן.

אַן אומגעהויערע צאָל אויטאָמאָבילן איז אויסגעשטעלט פוןביידע זייטן וועג.

שפּעטער בין איך געוווירּ געוואָרן, אַז אין ניירּאָבי זענען פאַראַן אַן ערך 3000 ווייסע און העכער 4000 אויטאָמאָבילן. עס קומט אַזוי-אַרום אויס איינע און אַ פערטל מאַשין אויף אַ קאָפּ... קיין איבערמעלייט מוזן דאָ די ווייסע נישט זיין, — טראַכט איך ביי זיך, — אינטערעסאַנט וואָלט מיר אָבער געווען פעסטצושטעלן, צי זענען אין אָט דער שטאָט אויף דער גרענעץ פון דזשונגל פאַראַן אויך יידן?

ביי קוקס רייזע-ביוראָ זענען אויסגעשטעלט אויטאָבוסן. אַ גרויסער פאַרביקער פּלאַקאַט איז מודיע, אַז היינט בייטאָג

פירט קוק אַ טוריסטן־געזעלשאַפט אין דער דזשונגל אַריין,—אין יענע ווילדע וועלדער, ווו לייבן, זעברעס, זשיראַפן, ווילדע אָקסן און אַנדערע חיות־רעות האָבן זייער היים.

עס איז אַ מאָדנע געפיל צו שפּאַצירן אַזוי אין אַ פרעמדער שטאָט, אין סאַמע האַרץ פון שוואַרצן קאָנטינענט, און נישט צו האָבן דערוויייל קיין שום אַדרעס, מיט וועמען דאָ אָנצוקניפּן אַ שמועס. לאַנג האָט דאָס אָבער נישט געדויערט.

איך גיי אַריין אויף אַ נאָכמיטאָג־טיי אין טאָרס האָטעל, דער עלעגאַנטסטער קאַפע אין שטאָט, איינגעאָרדנט מיט פולן לוקסוס. עס טאַנצן דאָ עטלעכע דאַרע הויכע ענגלענדערינס מיט יונגעלייט, וואָס זענען אַן ערך אַ דור יונגער פאַר זיי. איך האָב אַ גאַנץ קנאַפּן אינטערעס פאַר דעם דאָזיקן דאַנסינג און פרעג דעם עלטסטן שוואַרצן „באָי״:

— צי זענען ביי אייך אין שטאָט דאָ עפּעס „דזשו׳ס״ (יידן)?

ער קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט און ווייזט מיר אָן צו דעם ווייסן טעלעפאָן־מיידל.

יאָ, זי ווייסט שוין יאָ עפּעס, אַז עס זענען דאָ „היברוס״ אין שטאָט. פאַראַן אַפילו אַ שול פון די „היברוס״; אָבער ווער עס איז אַ „היברו״ איז איר שווער צו זאָגן, ווייל דאָ רעדן אַלע ווייסע ענגליש... עס פאַלט קיינעם נישט איין צו פרעגן עמעצן אויף זיין רעליגיע...

מער מזל האָב איך שוין געהאַט מיטן נעמען אינפאָרמאַציעס ביי דעם פריזירער, צו וועלכן איך בין אַריינגעגאַנגען. דער פריזירער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן דעם שמועס, געוואָלט וויסן, צי בין איך זיך געקומען באַזעצן אין נייראָבי און צי איך וויל ווערן זיין סטאַבילער „גאַסט״. דער געהילף פון דעם פריזירער איז מיר אויפפאַלנדיק צוליב זיין יידישלעך אויסזען. ער ווייזט מיר אויך אָן דעם ערשטן אַדרעס צו אַ... פוילישן ייד.

אַ טאַקסי ברענגט מיך באַלד צופירן אויפן אָנגעוויזענעם

אַדרעס. מיר בלייבן שטיין פאַר אַ ווילע, וואָס איז אַרומגע־נומען פון אַ שיינעם בלומען־גאָרטן.

— צי וווינט דאָ ה׳ מ.? — פרעג איך אַ יונגע פרוי, וואָס שטייט אין דער טיר.

— יאָ, דאָס איז מיין מאַן! — ענטפערט די פרוי — קומט אַריין.

איך קום אַריין אין סאַלאָן, ווו אויפן טיש איז אַוועק־געשטעלט אַ לייכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט. ערשט איצט דערמאָן איך זיך, אַז עס איז פרייטיק־צו־נאַכט.

נאָך עטלעכע מינוט קומט אַריין אויך ה׳ מ., אַ יידישער יונגערמאַן, און מיר צושמועסן זיך אויף היימישן יידיש.

עס געדויערט נישט לאַנג און איך ווער געוויר, אַז אין נייראָבי זענען פאַראַן ביז דריי הונדערט יידן, דערפון גאָר אַן אָנגעזעענע צאָל פוילישע יידן.

די שול איז נישט ווייט.

צוזאַמען מיט ה׳ מ. גיי איך צום דאַווענען און דאָ באַ־קען איך זיך מיט גאָר אַ גרויסן עולם היימישע יידן.

די שול איז נישט גרויס, איז געבויט געוואָרן מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק אין סטיל פון דער פראָגער מהר״ל־שול און איז דער אייגנטלעכער צענטער, ווו יידן פון נייראָבי קומען זיך צוזאַמען.

צו דער סעודה פון פרייטיק־צו־נאַכטס מוז איך שוין בלייבן אין הויז פון דער פאַמיליע מ. מיר האָבן דאָ פלייש, פיש און אַלע מאכלים פון דעם טראַדיציאָנעלן שבתדיקן טיש ביי יידן. עס פעלט דאָ אויך נישט קיין ארץ־ישראלדיקער כרמל־ווין.

די ידיעה, אַז עס איז געקומען אַ ייד פון פוילן, האָט זיך גיך פאַרשפרייט צווישן די פוילישע יידן, אַלע נאָך יונגע לייט, און דעם פרייטיק־צו־נאַכטס האָבן מיר פאַרברענגט אין אַ זייער אינטערעסאַנטן שמועס. יעדער פון די מענטשן, מיט וועלכע איך באַגעגן זיך דאָ, איז אינטערעסאַנט פאַר זיך. יע־דער האָט אין זיך עפּעס פון יענעם פּיאָנערן־גייסט, וואָס בויט נייע וועלטן.

— ווי קומט איר אַהער? — פרעג איך. — ווי פאַלט איר אויס זיך צו באַזעצן אין אַ לאַנד, פון וועלכן מען ווייסט אין פוילן אַזוי גוט ווי גאָרנישט? ווער האָט אייך אַהער גע־ברענגט?

ה׳ מ., אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, דער־ציילט מיר:

— מיר שטאַמען פון וואַרשע. איך בין פונדערהיים גע־ווען אַ שניידער־געהילף. שוין אַלס יונגער בחור האָב איך איינ־געזען, אַז עס איז פאַר מיר נישט קיין תכלית צו זיצן מיט פאַר־לייגטע הענט אַ ריי חדשים אין יאָר און וואַרטן, ביז עס וועלן קומען די עטלעכע וואָכן פון סעזאָן אויף צו פאַרדינען עפּעס... איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן אין דער ווייטער וועלט אַריין און זוכן דאָרט פרנסה. איך בין אַוועק קיין אַרגענטינע. דאָרט איז מיר נישט גוט געווען. אָנגעקומען בין איך גראָד אין דער קריזיס־צייט.

איינמאָל בין איך אַרויסגעפאָרן קיין מאָנטעווידעא. דאָרט בין איך אַריין אין אַ קינאָ, וווּ מען האָט צופעליק געוויזן בילדער פון אַפריקע, און פון קעניאַ מיט נייראָבי. די שטאָט

איז מיר געפעלן געוואָרן און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ יונג לאַנד, ווו מענטשן הויבן זיך ערשט אָן צו באַזעצן, דאַרף נישט זיין שווער צו האָבן פרנסה. עטלעכע חדשים שפּעטער בין איך שוין געווען אין נייראָבי. אַרבעט אין מיין פאַך האָב איך באַלד באַקומען. שפּעטער האָב איך חתונה געהאַט. מיין פרוי איז אַ ספּעציאַליסטין פון דאַמען-מאָדע-אַרטיקלען און מאָרגן וועט איר זען אונזער געשעפט. מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען פאַר די ענגלענדער. אין דאָזיקן לאַנד זענען מיר סך-הכל 11 יאָר, אָבער מיר האָבן זיך גאַנץ שיין אַרויפ-געאַרבעט.

פאַרשטייט זיך, אַז ה׳ מ. האָט זיין אייגענעם אויטאָ, וואָס עס ווערט דאָ נישט פאַררעכנט פאַר אַ לוקסוס-אַרטיקל, ווייל ביי די ווייטע שטרעקעס פון אַן אַפריקאַנישער שטאָט איז עס אַ נויטווענדיקייט פאַר יעדן מענטש.

דער עולם רינגלט מיך אַרום און פרעגט מיך אויס אַלץ מער איינצלהייטן וועגן לעבן אין וואַרשע.

די שוועסטער פון פרוי מ. איז געקומען מיטן מאַן ערשט מיט צוויי יאָר צוריק. זיי האָבן געוווינט אויף אָגראָדאָווע גאַס. פרוי מ. האָט געוווינט אויף לעשנאָ 27. זי רופט מיר אָן די נעמען פון פאַרשידענע שכנים און פרעגט, צי איך קען זיי נישט צופעליק.

און אָט דער יונגערמאַן ק., וואָס האָט געאַרבעט מיט זיינע עלטערן אין „דרוקער-רעסטאָראַן" אויף נאָוואָליפּיע 42... יאָ, ער בעט מיך אָפּגעבן אַ וואַרעמען גרוס זיינעם אַ גוטן פריינד.

דער ראַדיאָ שפּילט, מען נעמט איצט אָפּ בודאַפּעשט...

האָבן אָט די פּוילישע יידן אויך תרעומות צו דעם פּוי-לישן ראַדיאָ, הלמאי ער בויט נישט אויס אַ שטאַרקערע קורץ-כוואַליעדיקע סטאַציע, וועלכע מען זאָל קאָנען אָפּנעמען אין די אַפריקאַנער מרחקים. עס בענקט זיך זיי דאָך אַזוי אָפּט צו דער אַלטער היים, כאָטש דאָ גייט זיי גוט, כאָטש זיי האָבן אַלע פרנסה בהרחבה. זיי וואָלטן וועלן הערן נייעס פון פּוילן,

כאָטש זיי ווייסן, אַז די נייעס, וואָס קומען פון דער אַלטער היים, זענען נישט קיין פריילעכע. עס בענקט זיך פאָרט צו דעם לאַנד, ווו מען האָט פאַרבראַכט די ערשטע יוגנט און ווו עס זענען באַהאַלטן די ביינער פון די זיידעס און עלטער-זיידעס. מען פרעגט מיך געגוי אויס, ווי עס קאָן איצט זיין דאָס וועטער אין פוילן, צי ליגט נאָך דער שניי אין די גאַסן און צי פאָרט מען נאָך, פונקט ווי אַמאָל, איינגעהילט אין די גראָבע שאָף-פעלצן מיט די לייכטע שליטעלעך פון דאָרף אין שטאָט אַריין?

נישט איין טרער באַווייזט זיך אין די אויגן פון די אַרוי-מיקע, בשעת עס רעדט זיך וועגן יענער אַלטער היים, פון וועלכער מיר זענען איצט ווייט אַן ערך 6.000 מייל.

מיך אינטערעסירט אָבער צו הערן קודם-כל, וואָס מיינע נייע באַקאַנטע וועלן מיר דערציילן.

— און ווי זענט איר געקומען אַהער? — פרעג איך אַן אַנדער יונגענמאַן.

ק. איז אַהער געבראַכט געוואָרן פון זיינעם אַ קרוב. אין פוילן האָט ער אַ צייט לאַנג געאַרבעט אַלס פוטער-מאַכער. קיין פרנסה איז נישט געווען. האָט ער געשריבן צום קרוב, וועל-כער האָט אים אַראָפּגעבראַכט. פאַרשטייט זיך, אַז מיט קיין געלט איז ער נישט געקומען. ער אַרבעט דאָ אין אַן אַנדער פאַך סך-הכל צוויי יאָר. אין דער צייט האָט ער באַוויזן נישט בלויז זיך איינצואָרדנען און צו שיקן אונטערשטיצונגען צו די קרובים אין פוילן, נאָר אויך אָפּצושפּאָרן אַן ערך 60 פונט. איצט האַלט ער שוין ביי עפענען זיך אַן אייגן קליידער-געשעפט.

— פאַרוואָס קומען נישט אַהער נאָך פוילישע יידן? — פרעגט ער מיך. — דאָ קאָן מען זיך דאָך לייכט איינאָרדנען. קיין גרויסע שוועריקייטן ביים אַריינקומען זענען אויך נישט פאַראַן...

דער אינטערעסאַנטסטער מענטש, מיט וועלכן איך האָב זיך דעם אָוונט באַקענט, איז אָן שום ספק דער עטלעכע-און-צוואַנציק-יעריקער יונגערמאַנטשיק פון גער, וואָס איז אַהער גע-

קומען מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק. דאָ רופט מען אים „דזשעק". אויך איך וועל אים דעריבער רופן מיט דעם זעלבן נאָמען.

דזשעק וווינט נישט אין נייראָבי. ער האָט פיינט די שטאָט. דזשעק איז אַ „מענעדזשער" (אַדמיניסטראַטאָר) ביי אַן אירלענדישן פאַרמער. דזשעק וווינט 5 טעג אין דער וואָך אין דער פאַרם, 20 מייל פון נייראָבי. דאָרט האָט ער אונטער זיין האַנט פיר הונדערט שוואַרצע אַרבעטער, מענער און פרויען, מיט וועלכע ער לעבט אין דער בעסטער גוט-פריינט-שאַפט. ער האָט זיך אַפילו באַוויזן שוין אויסצולערנען אויס-געצייכנט זייער סוואַהילי-לשון.

דזשעק לעבט מיט די שוואַרצע ווי מיט ברידער, באַ-האַנדלט זיי מענטשלעך און דערפאַר זענען זיי צו דעם ווייסן האַר זייערן זייער צוגעבונדן. זיי טוען יעדע אַרבעט, וואָס ער פאַרלאַנגט. דער באַלעבאָס האָט אויך דעם פולסטן צוטרוי צו דזשעקן, לאָזט אים אַליין אין דער פאַרם, ווייל ער ווייסט, אַז אויף דזשעקן קאָן מען זיך פאַרלאָזן... דזשעק פאַרדינט גאַנץ שיין. אין דער פאַרם האָט ער זיין פולע אויסהאַלטונג מיט אַ גוטער וווינונג. אַ חוץ דעם באַקומט ער פון זיין באַלעבאָס 25 ענגלישע פונט אַ חודש. יעדן פרייטיק קומט דזשעק אַריין קיין נייראָבי, פאַרברענגט דאָ מיט באַקאַנטע, מאַכט עקסקורסיעס „צו די לייבן" אין די וועלדער מיט דעם אויטאָ, וואָס ער האָט צו זיין דיספּאָזיציע, אָבער אויף אַלץ צוזאַמען גיט ער אין חודש אויס נישט מער ווי 5 פונט. אַזוי אַרום בלייבן אים יעדן חודש אָפּגעשפּאָרט 20 פונט, וועלכע ער טראָגט אַריין אין באַנק... דזשעקס אידעאַל איז אָפּצושפּאָרן אַ גרעסערע סומע געלט און צו קויפן זיך אַן אייגענע פאַרם... דזשעק איז אויך זיכער, אַז עס וועט שוין נישט דויערן לאַנג און ער וועט אַליין זיין אַ פאַרמער אין קעניאַ... אָ, דעמאָלט וואָלט ער געוואָלט איבערגליקלעך...

— צי שטאַמט איר פון אַ לאַנדווירטן-פאַמיליע? — פרעג איך דזשעקן.

ער צולאכט זיך.

– מיין טאטע – ענטזפערט ער – פארנעמט זיך מיט אלץ-מסחר אין גער. וואלט איך געגאנגען אין וועג פון דאס וב בחורים אין מיין שטאט, וואלט איך, מסתמא, היינט גע- עסן אין דער ישיבה, אדער ביים רבין אין הויף... ביי מיין אטן אין דער היים האב איך געהאט צו עסן און מען האט יר געגעבן אויך אויף אנצוטון זיך. איך האב אבער געזוכט תכלית. איך בין אוועק פון דער היים און האב אזוי לאנג עוואנדערט, ביז איך האב געטראפן אהער... בין איך זייער ופרידן. עס בענקט זיך נאר טיילמאל אהיים, נו. מילא, וועל יך שוין מוזן זוכן א געלעגנהייט, כדי צו קאנען מאכן אן קסקורסיע קיין גער...

אזוי פארברענגען מיר דעם פרייטיק-צו-נאכטס אין הויז ון דער פאמיליע מ. ביז שפעט אין דער נאכט.

דערנאך גייען מיר ארויס אויף א שפאציר דורך דעם ארק אין דער שטילער אפריקאנישער נאכט.

מען רעדט פון אלץ. דזשעק אבער קומט אלץ צוריק ו דעם זעלבן.

– געבענטשט איז די ערד אין דעם דאזיקן לאנד. ווו ען זאל זיך נישט רירן, וואקסט עפעס. אט דא נעבן דעם ויז האבן „פוילישע" פארזייט היימישע גרינסן און עס גערא‏ט ו עטלעכע מאל אין יאר. ערד איז דא פאראן פיל. מיר, ייסע, מוזן אבער נישט ארבעטן. אלץ טוען פאר אונז די וואַרצע. זיי ארבעטן פאר זייער ביליק. מיר מוזן נאר זיין י וועג-ווייזער פאר זיי און אנפירן מיט דער ארבעט...

– און ווו האט איר, פאניע דזשעק, דאס אלץ גע- ערנט? – פרעג איך דעם יונגנמאן.

– דא אויפן ארט. עס איז דאך גאר נישט אזא שווערע ורה, גלויבט מיר. א הארב שטיקל תוספות איז פיל שווערער!

יידן אויף די גרויסע וועלט־שליאַכן

נייראָבי, 24־טן אַפּריל

היינט אינדערפרי בין איך אָוועק אין קאַפע פון „קווינס־האָטעל" אין שטאָט־צענטער, כדי נאָך אַ לענגערער צייט ווידער דורכצוקוקן אייראָפעיִשע צייטונגען. קוים האָט מיר אָבער דער שוואַרצער באַרוועסער קעלנער (שיך זענען נישט קיין אַרטיקל פאַר די שוואַרצע) דערלאַנגט מיין שעלכל זייער געשמאַקע אָריגינעלע אוגאַנדער קאַווע און איך האָב אָנגעהויבן דורכ־בליקן דעם באַרג צייטונגען, וואָס מען האָט פאַר מיר אָנידער־געלייגט אויפן טיש, האָב איך פלוצלונג דערהערט די פוילישע ווערטער:

— פּשעפּראַשאַם פּאַנאַ...

איך הויב אויף איבערראַשט דעם בליק, נישט האָבנדיק קיין אַנונג, ווער עס קאָן דאָ רעדן צו מיר פויליש. פאַר מיר שטייט אַ בלאָנדער יונגערמאַן, פון סלאַווישן אויסזען, וועלכער פרעגט מיך:

— צי קומט איר פון פוילן?

— יאָ.

— פון וואַרשע?

— יאָ.

איך בין נאָך מער פאַראינטריגירט. יענער רופט אָבער אויס אַ צופרידענער:

— טאָ קען איך אייך...

איך קאָן זיך אַבסאָלוט נישט דערמאָנען, ווו איך האָב דעם מענטש שוין געזען. ער פרעגט מיך אָבער ווייטער:

— איר פלעגט קומען מיט אייער פרוי אין „אַדריאַ"?

– גאַנץ אָפּט...

– און איך האָב אַ לאַנגע צייט געשפּילט ביי מאָשקאָ-וויטשן אין אָרקעסטער. אונטן אין דאַנסינג! – רופט ער אויס מיט טריומף. – איך בין דאָ נאָך נישט קיין גאַנץ יאָר...

מיר ביידע לאַכן זיך פונאַנדער: ווי קליין די וועלט איז און ווי מענטש מיט מענטש באַגעגענען זיך עס!

דער יונגערמאַן שטעלט זיך פאָר:

– גורסקי הייס איך, שטאַם פון פויזנער קאַנט...

איך בעט אים, ער זאָל זיך זעצן צו מיין טישל, און עס פירט זיך ווייטער צווישן אונז דער שמועס.

– ווי זענט איר אַהערגעקומען? — פרעג איך דעם פּאָליאַק.

– זאַלץ האָט מיך אַהערגעבראַכט.

– זאַלץ, ווער איז דאָס?

– נו, אונזער קאַפּעלמייסטער דאָ. איך שפּיל ביי אים אין אָרקעסטער. זאַלץ, מוזט איר וויסן, איז אַ פירמע אין גאַנץ קעניאַ, אוגאַנדע און טאַנגאַניקאַ. מען קען אונז שוין גוט אין מזרח-אַפריקע...

– און פון וואַנען נעמט זיך אייער באַקאַנטשאַפט מיט זאַלצן?

– מיר האָבן אַמאָל צוזאַמען געהונגערט אין אונזער אַלטער היים. זאַלץ איז אַ ייד. ער האָט זיך דער ערשטער אַרויסגעכאַפּט אין דער וועלט און איז אויפגעריכט געוואָרן. האָט ער אָן מיר נישט פאַרגעסן, ווען ער איז אַהערגעקומען און האָט אויך מיך אַרויסגענומען אַהער.

עס דויערט נישט לאַנג, און ה' זאַלץ קומט צו מיר צו, שוין מיט אַ ברייטן יידישלעכן „שלום־עליכם". ער קאָן זיך גאַרנישט אָנהידושן: אַ יידישער שרייבער פון פוילן? ווי קומט ער אַהער?...

– וואָס זאָל איך אייך זאָגן – רופט זיך אָן דער לאָ-רוער ייד זאַלץ באַלד אין אָנהויב פון שמועס, אין וועלכן עס נעמען אויך אָנטייל די פרוי און די שוועסטער זיינע (ביידע

אַרבעטן מיט אין אָרקעסטער). — עס גייט אונז דאָ גוט. או
הלוואי נישט ערגער געזאָגט אויף אַלע יידישע מוזיקער אי
פוילן! מען האַלט אונז דאָ בכבודיק. ווי איר זעט, האָט מע
זיך מיט דעם לאָקאַל נישט וואָס צו שעמען. ווינען און עס
האָט מען אין האָטעל, מען אַרבעט זיך נישט איבער, סך-הכל
דריי שעה אין אָוונט, און דער גרעסטער טייל פון דעם, וואָ
מען פאַרדינט, ווערט אָפּגעשפּאָרט. פאַרשטייט זיך, אַז אָן די
נאָנטע אין פוילן פאַרגעסט מען אויך נישט, און יעדן ערשט
באַקומען זיי אַרויסגעשיקט זייער חלק פון אונזער פאַרדינסט.

מיינע נייע באַקאַנטע פאַרשיטן מיך מיט פראַגן. מע
פרעגט מיך אויס, וואָס עס מאַכט שיץ אין לעמבערג, צי
שפּילט ער נאָך אין קאַפע „זשאָרזש" און ווער עס שפּילט
איצט אין „בריסטאָל" אין וואַרשע, ווער אין „קאַפע-קלוב"
וואָס עס מאַכן גאָלד און פעטערסבורסקי און צי בין איך נישט
אַמאָל געווען לעצטנס אין „עספּלאַנאַד" אין קראָקע?... פאַר
שטייט זיך, אַז ווען איך זאָל געווען פאַר מיין אָפּפאָר זיך
ריכטן אויף דער דאָזיקער באַגעגעניש מיט מוזיקער פון פוילן
וואָלט איך געוויס געווען בעסער צוגעגרייט צו געבן זיי אויס
פירלעכע אינפאָרמאַציעס.

עס אינטערעסירט מיך זייער צו וויסן, ווי דער לאָדזער
יידישער מוזיקער קומט אַהער און ווען ער איז אַרויסגעפאָר
אין דער וועלט.

— איך בין אַ געבוירענער לאָדזער. דאָרט וווינט אויך
מיין גאַנצע פאַמיליע. ווי עס גייט היינט צו טאָג דעם רוב
יידישע מוזיקער אין פוילן, ווייסט איר דאָך, איך ברויך עס
אייך נישט צו דערציילן. איך האָב געאַרבעט אין קאַטאָוויץ
און דאָרט נישט אַרויסגעצויגן אַפילו קיין געוויינלעכע חיונה.
איך האָב אָנגעהויבן זיך אַליין צו באַטראַכטן ווי אַן איבריקן
מענטשן און האָב געזוכט אַ וועג אין דער וועלט אַריין... איך
האָב מיך משער געווען, אַז ערגעץ-ווו אויף דער וועלט מוז
דאָך זיין אַ ווינקעלע, ווו מיין אַרבעט קאָן זיין נויטיק. אין
יאָר 1931 בין איך אַוועק.

נאָך לאַנגע וואַנדערונגען בין איך אָנגעקומען קיין פּאַריז. דאַן געפאָרן קיין באַצעלאָנאַ, ווו איך האָב אַ צייט געאַרבעט אין אַ דאָרטיקן לאָקאַל און געהאַט שוין מיט מיר אַן אָרקע-סטער. אַלס אויסלענדער האָב איך אָבער נישט געקאָנט בלייבן אַ לאַנגע צייט.

איך האָב געמוזט צוריקפאָרן קיין פּאַריז און דאָרט האָב איך אַרויסגענומען אַ וויזע קיין סיריע, און אין ביירוט האָבן מיר געשפּילט אַ לענגערע צייט אין אַ דאָרטיקן לאָקאַל.

פון ביירוט איז דער וועג קיין באַגדאַד נישט געווען ווייט. דאָרט זענען מיר געווען גאַנצע צוויי יאָר.

מאַטעריעל האָבן מיר געאַרבעט ביי זייער גוטע באַדינ-גונגען. עטלעכע מאָל האָבן מיר אַפילו געגעבן קאָנצערטן אין קעניגלעכן הויף. אָבער עס איז אונז שווער געווען צו פאַר-טראָגן די היצן, און מיר זענען אַוועק...

פון אַ פראַנצויז בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז אַ גוטער אָרקעסטער קאָן האָבן פּרנסה אין אַדיס-אַבעבאַ. נישט קיין סך געטראַכט, זענען מיר אַוועק קיין אַביסיניע. אַ היפּש ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט האָבן מיר אויך שוין געהאַט אויף צו קאָ-נען צווענטועל איבערהאַלטן אַ שווערע צייט. אין אַדיס-אַבעבאַ זענען מיר אויפגענומען געוואָרן אין דאָרטיקן פראַנצויזישן קאַפע און מיר האָבן זייער שיין פאַרדינט.

אין געבורטס-טאָג פון נעגוס זענען מיר געווען פאַרבעטן אין קעניגלעכן הויף, ווו מיר האָבן קאָנצערטירט אויף אַ גרויסן באַל מיטן אָנטייל פון פיל דיפּלאָמאַטן. באַלד האָט זיך אָבער אָנגעהויבן דער מלחמה-גערודער. מיר זענען אַוועק פון אַדיס-אַבעבאַ, און עס איז טאַקע אויסגעבראָכן דער קריג מיט איטאַליע.

פון אַדיס-אַבעבאַ זענען מיר איבער דזשיבוטי געקומען קיין אַדען, ווו מיר האָבן געשפּילט אין קאַפע-מאַרינאַ אין „סטימער-פּאָינט".

אין אַדען זענען מיר געווען 8 חדשים און ווען דאָרט האָט זיך געענדיקט אונזער קאָנטראַקט, זענען מיר אַרויסגע-

פאַרן קיין קעניאַ. דאָ אין נייראָבי ווילן מיר שוין העכער אַ יאָר צייט. ווי געזאָגט, פילן מיר זיך דאָ גוט און אַזוי ווי דער קלימאַט איז דאָ אויך נישט שווער צו פאַרטראָגן, רעכענען מיר ממילא דאָ זיך איינצואָרדנען אויף אַ לענגערע צייט.

אָט אַזוי שילדערט זיינע וואַנדערונגען דער יידישער מוזיקער פון לאָדזש, און איך האָב דעם איינדרוק, אַז יעדער נייער מענטש, מיט וועמען איך באַקען זיך דאָ, האָט פיל צו דערציילן פון זיין רייכער פאַרגאַנגענהייט.

געפין איך זיך דאָך אויף איינעם פון די גרויסע שליאַכן פון דער וייטער וועלט, ווו נאָר יחידים מיט אמתן פיאָנערן־גייסט האָבן די דרייסטקייט צו לאָזן זיך וואַנדערן און — און זייער גרויסער מערהייט זענען זיי מצליח. איך גלויב, אַז ווייסע מענטשן פון דעם מין, ווי איך באַגעגן זיי דאָ, זענען געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן געבויט אַמעריקע און האָבן דאָרט געמאַכט די ריזיקע פאַרמעגנס.

קעניאַ איז אַ יונג לאַנד, וואָס געפינט זיך איצט גראָד אין שוווּנג פון אויפבלי...

נאָכמיטאָג בין איך געווען פאַרבעטן צום טיי צו איינעם פון די אָרטיקע יידן, ה׳ ד., וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע יידן אין נייראָבי. דאָ האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן אויך מיט פיל אַנדערע אינטערעסאַנטע טיפן פון עלטערן דור, וואָס זענען געווען צווישן די ערשטע בויער פון נייראָבי מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק. די מערהייט פון זיי שטאַמט פון רוסלאַנד.

אין דער צייט פון די שווערע צאַרישע רדיפות זענען זיי אַנטלאָפן קיין ארץ־ישראל, ווו עס האָט אָבער דעמאָלט געהערשט דער טערק און עס איז געווען שווער זיך צו דערשלאָגן צו אַ פרנסה. נאָך אַ קורצן אָפּזיין אין לאַנד האָ ן זיי ווייטער געגומען דעם וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט אַריין. איינער איז אַוועק קיין קעניאַ. דאַן זענען נאָכגעקומען אַנדערע. צו יענער צייט האָט נאָך געטראָפן נישט איינמאָל, אַז די לייבן פון דזשונגל האָבן אין אַן אָוונט אַריינגע־

פאָטאָגראַפירט י. דיאַמאָנד, ניירּאָבּי

שוואַרץ און ווייס:

דאָס האַרציקע בּילדל שטעלט מיט זיך פאָר נחמיה אַבּראַמאָוויטשעס 4-יעריק טעכטערל (אין מאָמבּאַסאַ), וואָס חברט זיך מיט אַ שוואַרץ-הנעוודיקן נעגער-ייִנגעלע. זיי, די קינדער, פאַרשטייען נאָך נישט דעם חילוק צווישן שוואַרצער און ווייסער ראַסע. צו זיי געהער די צוקונפט פון אַפריקע

די שול אין ניירָאבי

אַ גרופּע וואַרשעווער יונגעלייט מיט זייערע פרויען און קינדער — אין ניירָאבי

שפּאַצירט אין שטאָט אַריין, — אַ זאַך, וואָס טרעפט היינט נישט מער.

די רעגירונג האָט דעמאָלט פאַר יעדן נייעם עמיגראַנט פאַרטיילט ערד מיט אַ ברייטער האַנט. אַ טייל זענען אויף דער ערד געבליבן אַלס פאַרמער, אַ טייל האָבן געי נומען בויען, אַנדערע ווידער האָבן די ערד אין די שפּעטערע יאָרן גלאַט פאַרקויפט. אַלנפאַלס זענען יענע ע״שטע יידישע עמיגראַנטן פון פאַר עטלעכע און דרייסיק יאָר היינט גרויסע גבירים. ווער מיט זיינע 40 טויזנט פונט און ווער מיט זיינע הונדערט טויזנט פונט אָדער נאָך מער.

„מיר האָבן נישט פאַרגעסן די אַלטע היים!"

נייראָבי, 25־טן אַפּריל

אין שטאָט פיל איך זיך שוין גאָר היימיש. פּאַמעלעך פאַרגעסט מען, אַז מען געפינט זיך אין דער ווייטער אַפריקע און ווען מיר זיצן אַזוי אין די אָוונטן צוזאַמען, פילט מען זיך ווידער אין דער אַטמאָספער פון דער אַלטער היים.

היינט נאָכמיטאָג האָב איך געהאַט צוגאַסט ביי מיר אין האָטעל דעם ראַבינער פון נייראָבי ה' פיליפ ראָזענבערג און עטלעכע יידישע יונגעלייט פון פוילן, וועלכע האָבן געוואָלט אויסנוצן מיין קורצן באַזוך אין קעניאַ, כדי צוזאַמען צו באַראַטן זיך, וואָס עס וואָלט געלאָזן זיך עפעס אויפטון דאָ פאַר די פוילישע יידן.

— מיר זענען טאַקע 6.000 מייל ווייט פון וואַרשע! — רופט זיך אָן איינער פון די יונגעלייט, — אָבער אונזער אַלטע היים האָבן מיר נישט פאַרגעסן.

זיי האָבן מיר דערציילט, אַז פאַר דייטשע יידן איז אין נייראָבי יאָ עפעס געטון געוואָרן. מיט אַ צוויי יאָר צוריק איז געווען דאָרט אַ שליח פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד, האָט ער אויפן אָרט געגרינדעט אַ קאָמיטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן אַריבערברענגען יידישע אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד. דערווייל איז נישטאָ קיין פלאַץ פאַר אַ מאַסן־אימיגראַציע, אָבער עטלעכע צענדליק פערזאָנען האָבן אַדאַנק דעם קאָמיטעט באַקומען אַ מעגלעכקייט איינצואָרדענען זיך אין נייראָבי און אויך אין אַנדערע מקומות פון קעניאַ. אין קעניאַ איז נישטאָ קיין אַרבעטלאָזיקייט און אַלע ניי־אָנגעקומענע האָבן געפונען אַרבעט.

אויף דער איניציאַטיוו פון ראַבינער ראָזענבערג, וועלכער שטאַמט אַליין פון פוילן, האָב איך זיך אין דער אָרטיקער שול צוזאַמענגעטראָפן מיט דעם פרעזעס פון דער קהלה, ה׳ רובין, מיט דעם וויצע-פרעזעס ה׳ דאַרעווסקי און נאָך אַנדערע יידן, וואָס שטאַמען פון דעם עלטערן דור יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד.

— פאַרוואָס אינטערעסירט איר זיך אַזוי ווינציק מיטן גורל פון די פוילישע יידן? — האָב איך געפרעגט די אָנפי-רער פון דער אָרטיקער קהלה, — אויב איר האָט אַ הילפס-קאָמיטעט לטובת די דייטשע יידן, וואָלט דאָך געווען אַ יושר, אַז איר זאָלט געדענקען אויך אָן די יידן אין פוילן, וווּ די נוי איז זיכער נישט קלענער, ווי ביי די יידן אין דייטשלאַנד?

— גוט, — דערהער איך דעם ענטפער, — ווער פו פוילן האָט זיך דען געווענדט צו אונז, אַז מיר זאָלן עפּע טון? אויב איר וועט זיין ביי מיר אין שטוב, — רופט זיך אָן ה׳ רובין, — וועל איך אייך ווייזן גאַנצע בערג מיט בריוו, וואָס מיר האָבן באַקומען פון יידישע אינסטיטוציעס אין דייטש-לאַנד, ווו מען האָט פאַרלאַנגט פון אונז, אַז מיר זאָלן זיך באַמיען אַריינצוברענגען אין לאַנד אַריין אַ געוויסע צאָל יידי-שע אימיגראַנטן. געווען ביי אונז אַ שליח פון די דייטשע יידן, מיט וועלכע מיר האָבן אַרומגערעדט דעם אופן פון דער צוזאַמענאַרבעט. מיר האָבן אויך געטון, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן. ווער אָבער האָט זיך געווענדט צו אונז פון פוילן? צי האָבן מיר ביז היינט באַקומען כאָטש איין בריוו פון אַ יידי-שער אינסטיטוציע, וואָס זאָל אונז פאָרלייגן עפּעס צו טון?

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ לענגערע דיסקוסיע.

יאָ, די אָנפירער פון דער קהלה אין נייראָבי וואָלטן גע-ווען גרייט צו טון, לויט מעגלעכקייט, אויך עפּעס פאַר יידישע אימיגראַנטן פון פוילן, אָבער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע יידישע אינ-סטיטוציע אין פוילן וואָלט געדאַרפט קודם-כל פאָרלייגן אַ קאָנ-קרעטן פּלאַן.

מען פרעגט מיך דאַן, וואָס עס הערט זיך מכוח דעם

„פּלאַן" צו באַזעצן אַ מיליאָן פּוילישע יידן אין עקוואַדאָר, וועגן וואָס עס איז געווען אָפּגעדרוקט אַפילו אַ לענגערע טע־לעגראַמע פון וואַרשע אין דער אָרטיקער ענגלישער צייטונג?

נו, יאָ, פאַר די יידן אין דער ווייטער אַפריקע איז שווער צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס קאָן האָבן צו באַזעצן עטלעכע צענדליק יידישע פאַמיליעס פון פוילן אין קעניאַ, אויב די צייטונגען שרייבן וועגן אַ פּלאַן צו קאָלאָני־זירן אַ גאַנצן מיליאָן פּוילישע יידן אין אַן אַנדער לאַנד.

אַוודאי האָב איך געמוזט ענטפערן, אַז ביי יידן פעלן נישט קיין מנחם מענדלס, וואָס זענען גרייט צו אונטערהאַנד־לען מיט אַ רעגירונג פון אַן עקוואַדאָר אָדער פון אַן אַנדער מלוכה וועגן „אַריבערפּעקלען" אַהין „מיליאָנען פּוילישע יידן"; נישטאָ אָבער ביי אונז קיין געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס זאָלן האָבן דעם פּראַקטישן חוש אויף אויסצונוצן די קליינע אימי־גראַציע־מעגלעכקייטן דאָרט, ווו זיי זענען נאָך פאַראַן. דאָ וואָלט דער פּוילישער „יעאַס" געמעגט זיך אָפּלערנען ביי די דייטשע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס עס איז נויטיק צו טון, כדי אַרויסצוהעלפן דעם יידישן עמיגראַנט און צו טון פאַר אים עפּעס אין יענע לענדער, ווו די טויערן פאַר אי־מיגראַנטן זענען נאָך נישט גאַנץ אָפּגעשלאָסן.

צווישן שווארצע

ניירָאבי, 29־טן אפריל

היינט בין איך צוריקגעקומען פון א נסיעה קיין קאמפאלא, די הויפט־שטאט פון אוגאנדע.

די שווארצע אין אוגאנדע האבן פולע אויטאנאמיע. זיי האבן אפילו אן אייגענעם פארלאמענט און די צאל ענגליש מיליטער איז דארט נישט גרויס. פונקט ווי אין קעניא זענען אויך דארט די שווארצע זייער א רויִק פאלק און עס קומט זיי נישט אפילו אויפן געדאנק צו בונטעווען זיך קעגן דער פרעמדער מאכט, וואס האלט דאס לאנד אונטער איר אפטרופסות.

אין קאמפאלא, נישט קיין גרויסע שטאט, איז די צאל ווייסע א מינימאלע. עס ווילט זיך די ווייסע מענטשן נישט וווינען דא ווייט פון א גרעסערן ציוויליזירטן ישוב. די געזונדהייט־פארהעלטנישן זענען דא נאך אויך נישט קיין צופרידנשטעלנדיקע, כאטש מצד דער ענגלישער מאכט ווערט דא זייער פיל געטון, כדי אויסצוראטן די טראפישע קראנקהייטן. פיל איז שוין דערגרייכט געווארן אויף דעם געביט, אבער מען מוז זיך דא נאך זייער היטן, כדי נישט געביסן צו ווערן פון א בייזער פליג. אין די האטעל־צימערן זענען פאראן געדיכטע נעצן. א חוץ דעם דערלאנגט מען דא אין אן אייראפעישן רעסטאראן צו יעדן עסן צויך א פלעשעלע מיט כינין־פאסטילקעס, וועלכע דאקטוירים הייסן איינגעמען צו עטלעכע מאל אין טאג, כדי זיך אויסצוהיטן פאר מאלאריע. מילא, די פאסטילקע שלינגט מען אראפ מיט א ביסל איבערגעקאכט וואסער, אבער דערנאך האט מען דורך לאנגע שעהן א זשום אין

די אויערן, וואָס מאַכט אוממעגלעך צוזאַמענצונעמען די געדאַנקען.

אָלנפאַלס זענען די שוואַרצע ווידערשטאַנדספעיקער און צו זיי טשעפען זיך די טראָפּישע קראַנקהייטן פיל ווינציקער ווי צו די ווייסע.

די לאַגע פון די שוואַרצע אין קעניאַ זעט אויס גאָר אַנדערש ווי אין אוגאַנדע.

אין קעניאַ זענען די ווייסע די הערשער און פאַר די אַנדערש-קאָלירטע זענען פאַראַן באַזונדערע געזעצן מיט שטאַרקע באַגרענצונגען פון זייער פרייהייט.

דער שוואַרצער טאָר נישט וווינען אין די אייראָפּעיִשע קוואַרטאַלן פון אַזעלכע שטעט ווי נייראָבי, מאָמבאַסאַ און אַנדערע. ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק איז אין קעניאַ נאָך חל געווען אַן אַלט געזעץ, אַז דער שוואַרצער, ווען ער איז בייּנאַכט געקומען אין אַן אייראָפּעיִשן קוואַרטאַל, האָט ער געמוזט טראָגן אין דער האַנט אַ ברענענדיק ליכט (דער צוועק פון פאַרעלטערטן געזעץ איז געווען כלומרשט צו פאַרהיטן פון אַנפאַלן אויף ווייסע!). אַזוי ווי אין דער „ווילדער אַפריקע" קאָן מען דורך גאַנצע נעכט פריי שפּאַצירן אויף די גאַסן פון אַ שטאָט און נישט שרעקן זיך, טאָמער וועט מען פון עמעצן פאַרטשעפּעט ווערן, איז ממילא יענץ געזעץ געוואָרן אַן אַנאַכראָניזם און מען האָט עס אָפּגעשאַפט.

פאַר די שוואַרצע זענען אין די באַנען פאַראַן באַזונדערע וואַגאָנעס.

אין דער געזעצגעבונג פון לאַנד זענען פאַראַן ספּעציעלע באַשטימונגען אויף צו סעפּאַרירן די שוואַרצע און נישט דערלאָזן, אַז אפילו אין דער צוקונפט זאָל קומען צו אַ דערנענטערונג פון דער ווייסער מיט דער שוואַרצער ראַסע. עס ווערן, וואָס אַן אמת, געשאַפן פאַר די שוואַרצע אין די שטעט ספּעציעלע שולן, ווו זייערע קינדער לערנען לייענען און שרייבן, אָבער צו דער זעלבער צייט טוט מען אַלץ, כדי איינצוקריצן אין מוח פון שוואַרצן, אַז זיין הויפּט-אויפגאַבע איז צו דינען

די אינטערעסן פון ווייסן מענטשן און אויספירן אלע זיינע באפעלן.

די שווארצע אין מזרח-אפריקע זענען נאך גאר א פרימיטיוו פאלק.

זייער שפראך „סוואהילי" געפינט זיך שטארק אונטער דער השפעה פון דער אראבישער שפראך; נישטא אבער ביי זיי קיין שום ליטעראטור. זיי האבן איבריקנס נישט געהאט קיין אייגענעם אלף-בית און מיסיאנערן האבן לאנגע יארן געארבעט, כדי צוזאמענצושטעלן די אותיות פון דער סוואהילישפראך. אט דער דאזיקער אלף-בית דינט אלס יסוד פאר די לימודים אין די נעגער-שולן.

וועגן דער געשיכטע פון די נעגער אין מזרח-אפריקע ווייסט מען נישט פיל. ביי זיי אליין זענען פארשפרייט נאר לעגענדעס, וואס גייען איבער פון פאטער אויף זון; אבער אויף דעם יסוד איז שווער צו שאפן זיך א קלאר בילד וועגן דער פארגאנגענהייט פון די שווארצע.

ווען איך האב לעצטנס פארבראכט א טאג אין א פערמע, נישט ווייט פון נייראבי, איז מיר אויפפאלנדיק געווען, וואס איך האב געזען קומען צו דער ארבעט גאנץ יונגע קינדער, פון 5 אדער 6 יאר.

— ווי קומט עס, — האב איך געפרעגט דעם פערמער, וועלכער איז אן ענגלענדער מיט אספיראציעס צו קולטור און ציוויליזאציע, — איר זאלט דערלויבן, אז ביי אייך זאלן ארבעטן אזעלכע יונגע קינדער? צי איז דא נישט חל דער פרינציפ פון צער-בעלי-חיים?

דער פערמער גיט מיר צו פארשטיין, אז קודם-כל טוען די קינדער די לייכטסטע ארבעט. זיי אריענטירן זיך פונקט ווי דערוואקסענע ביים איבערקלויבן די קאווע, און דעם לוין טראגן זיי אוועק צו די עלטערן. לויט דער טראדיציע, וואס איז אנגענומען ביי די נעגער אין צענטראל-אפריקע, איז א קינד פארפליכטעט פון דעם 5-טן לעבנסיאר אן צו ארבעטן אויף אויסצוהאלטן די עלטערן. אויב עלטערן האבן גענוג קינדער,

דאַן טוען זיי אַליין גאָרנישט און די קינדער פאַרזאָרגן זיי שוין מיט פרנסה. דער פאָטער וויקלט זיך דאַן אַרום מיט דעם קאָץ און גייט שפּאַצירן אָדער אויף געיעגן נאָך ווילדע חיות, די מוטער ווידער טוט יעדע אַרבעט, וואָס איז נויטיק פאַר דער נאָנטסטער פאַמיליע.

— עס איז איבער אונזער כּוח, — גיט מיר צו פאַר־שטיין דער פערמער, — צו ענדערן די מנהגים, וואָס זענען טיף איינגעוואָרצלט אין דאָזיקן פּרימיטיוון פאָלק.

דער גרעסטער טייל באָדן אין קעניאַ, אויף וויפל ער איז נישט צעטיילט געוואָרן צווישן די אָנגעקומענע פער־מער, געפינט זיך אין דער האַנט פון דער רעגירונג. די שוואַר־צע זענען צוריקגעדרענגט געוואָרן אויף באַגרענעצטע שטחים, ווו זיי קאָנען זיך לעבן גאַנץ פריי. אַלנפאַלס האָבן זיי דאָרט געננוג ערד, עס זאָל קלעקן אויף חיונה. די דאָזיקע ערד איז דאָס בשותּפותדיקע אייגנטום פון גאַנצן קיבוץ, וואָס באַוווינט די באַטרעפנדיקע געגנט. דאָס לעבן דאָ פירט זיך ווי אין גרויסע קאָמונעס.

אין דער פאַמיליע הערשן פאַטריאַרכאַלישע באַציִונגען.

דער פאָטער איז דער האַר פון דער פאַמיליע און נאָך זיין טויט פאַרנעמט דער זון זיין אָרט. צו דער מוטער באַ־ציט מען זיך מיט דרך־ארץ, און אָט ביי די שוואַרצע ווערט פאַ־רעכנט פאַר אַ גרויסע זינד, אויב אַ מאַן הויבט אויף אַ האַנט אויף זיין ווייב.

טראָץ דעם שטאַרקן אייראָפּעיִשן איינפלוס, איז אָבער דעם היגן נעגער נאָך שווער תּופס צו זיין, וואָס עס איז אייגנט־לעך דער צוועק פון אָפּשפּאָרן געלט. צו וואָס טויג אים געלט, אויב די נאַטור אַליין זאָרגט פאַר אים אויף צו דערפילן אַלע זיינע באַדערפעניש?

אין די געגנטן, ווו די שוואַרצע האָבן נישט קיין איי־גענע ערד, נאָר זיי אַרבעטן ביי די ווייסע, באַגנוגענען זיי זיך דערמיט, וואָס זיי פאַרדינען אַזויפיל, וויפל עס איז זיי נויטיק אויף חיונה.

דאָס הויפּט-דערנערונגס-מיטל פון שוואַרצן איז „מאַיִז" (קוקורודזע) און אויב ער האָט גענוג קוקורודזע אויף איבער-צוקומען די וואָך, קאָן דער באַלעבאָס זיכער זיין, אַז אויף צומאָרגנס וועט דער שוואַרצער נישט קומען צו דער אַרבעט. די שוואַרצע דאַרפן נישט פיל אויף דער חיונה און דעריבער איז נישטאָ ביי זיי קיין דראַנג צו דער אַרבעט.

די, וואָס אַרבעטן אַלס הויז-דינער, באַגנוגענען זיך מיט די מינימאַלסטע לוינען.

אַ שוואַרצער דינער באַקומט אין בעסטן פאַל אַ פונט אַ חודש און דערפון מוז ער זיך שוין אויסהאַלטן, ווייל קיין עסן באַקומט ער נישט. מיט קיין דירה האָט ער נישט קיין ־אגה, ווייל ער שלאָפט געוויינלעך אין גאָרטן נעבן דער ווי-־ע, אָדער מען דערלויבט אים צוזושפּאַרן זיך אויף דער וועַ-אַנדע.

אַזאַ „לוקסוס" ווי בעטן פאַר די שוואַרצע דינער קען נישט אַפריקע.

דער שוואַרצער דינער פאַרדינגט זיך געוויינלעך צו אַ אַשטימטער אַרבעט.

ביי יעדער ווייסער פאַמיליע זענען דאָ צוויי, דריי און יילמאָל אַפילו פיר דינער. דער שוואַרצער, וואָס קאָכט, וועט נישט דערלאַנגען צום טיש און דער, וואָס האָט אַלס אויפגאַבע צו פוצן די שיך און וואַשן די פּאָדלאָגעס, וועט נישט פירן די קינדער אין שול אַריין.

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, באַציט זיך דער שוואַרצער מיט גרויס דרך-ארץ צו דעם אייראָפּעער. עס טרעפן זיך נישט קיין פאַלן, אַז אַ שוואַרצער זאָל רעדן אַנטקעגן דעם באַלעבאָס אָדער ווען ס'איז פון די שטוב-מענטשן. טאָ-מער אָבער וועט מען דעם שוואַרצן באַפעלן צו טון אַן אַר-בעט, צו וועלכער ער האָט זיך נישט פאַרדונגען, וועט ער בלייבן שטיין אויפן אָרט, וועט נישט ענטפערן קיין וואָרט און— די אַרבעט וועט ער טאָקע נישט טון.

שוואַרצע פּרויען אַלס דינסטן נעמט מען אין די אייראָ־פּעיִשע היימען נישט אויף.

די ווייסע באַלעבאָסטעס האַלטן, אַז די נעגער־פּרויען איז זייער שווער צוצופּאַסן צו דעם אייראָפּעיִשן שטייגער פון פירן אַ הויז־ווירטשאַפט.

די שוואַרצע האָבן שוואַכע קעפּ.

אויב מען שיקט אַ שוואַרצן מיט אַ שליחות, מוז מען אים מיטגעבן אַ בריוול און גענוי אויפשרייבן, וואָס מען פאַר־לאַנגט. אויב מען זאָגט אים נאָר אָן, פאַרגעסט ער געוויינלעך אַ העלפט און פון דער שליחות האָט מען דאַן נישט קיין גרויס נחת.

די שוואַרצע זענען אויך זייער שוואַך אין טרינקען.

איין קליין כּוסעלע איז גענוג, אַז דער שוואַרצער זאָל ווערן שיכּור. איז דעריבער טאַקע אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַר־באָט צו פאַרקויפן אַלקאָהאָל צו שוואַרצע.

מיט איין וואָרט, די אַרטיקע נעגער זענען דאָס רוב אַ רוּיִק פאָלק, וואָס געפינט זיך נאָך אויף אַ פּרימיטיוון שטאַפּל פון אַנטוויקלונג.

ביי מיין קומען קיין אַפריקע האָב איך דאָס ערשטע געוואָלט זיך פאַראינטערעסירן מיט דעם „נעגער־פּראָבלעם". זענען דאָך די נעגער די איינגעזעסענע באַלעבאַטים, די אור־באַוווינער פון דעם „שוואַרצן קאָנטינענט". עס איז אָבער גע־נוג געווען מיין ביז־איצטיקער קורצער אויפענטהאַלט אין אַפ־ריקע, כּדי צו איבערצייגן זיך, אַז גערעכט זענען יענע, וואָס האָבן מיך אינפאָרמירט, אַז דערוויילע איז (לכל־הפּחות אין מזרח־אַפריקע!) נישטאָ קיין נעגער־פּראָבלעם. די שוואַרצע שטעלן נישט אַרויס קיין ספּעציעלע פאָדערונגען און זיי באַ־גנוגענען זיך מיט די „טובות", וואָס זיי באַקומען לויט דעם „חסד" פון דער אַדמיניסטראַציע אָדער פון די מיסיאָנערן, וועלכע באַגרענעצן זיך געוויינלעך מזכּה צו זיין די שוואַרצע מיט אַ נייער רעליגיע און איינפלאַנצן אין זייערע טעמפּע

זוחות איין געדאַנק: „טון אַלץ, וואָס עס הייסט דער ווייסער מענטש!"

די רעליגיע פון די שוואַרצע?

זי איז אַ חלק פון דער נאַטור, מיט וועלכער זיי אָטעמען.

פאַלט אַמאָל לאַנג נישט קיין רעגן און די ערד ווערט אויסגעטריקנט, ציִען די שוואַרצע צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער אין די פעלדער, פאַלן צו דער ערד און בעטן זי, אַז זי זאָל געבן איר פּרוכט. זיי פאַרערן אויך די הויז-חיות, וועלכע העלפן צו אין דער חיונה.

די שוואַרצע שבטים אין ענגליש מזרח-אַפריקע טיילן זיך אין דריי הויפּט-גרופּן:

1) די באַנטו-נעגער, וועלכע זענען די גרויסע מערהייט פון די דריי מיליאָן שוואַרצע איינוווינער אין קעניאַ. זיי קאָנצענטרירן זיך אין די שטעט און אַרום די אייראָפּעישע ישובים.

2) די קיקויו-נעגער, וועלכע וווינען אין די בערג.

3) מאַסאַי-נעגער. אָט די דאָזיקע גרופּע פון די שוואַרצע אונטערשיידט זיך פון די באַנטו-נעגער מיט אַן אומגעווײנלעכער קריגערישקייט און עס האָט געדויערט לאַנגע יאָרן ביז זיי האָבן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז די ווייסע זענען די האַרן פון לאַנד.

די מאַסאַי-נעגער זענען אַ ווילד פאָלק. זיי וווינען אין די וועלדער פון די באַרג-געגנטן. דער מאַסאַי-נעגער וואָלט געהאַלטן פאַר אַ פּחיתות-הכּבוד צו גיין אַרבעטן צו אַ ווייסן. איבעריקנס איז דאָס אים גאָרנישט נויטיק.

פון דער ערשטער יוגנט אָן ווערט דער מאַסאַי-נעגער אָפּגעהאַרטעוועט און צוגעוווינט צום לעבן צווישן ווילדע חיות, קעגן וועלכע ער מוז זיך אָפּט פאַרטיידיקן. דער וואַלד איז זיין היים, די בוימער גיבן אים פון זייער פּרוכט און די קו, וואָס יעדער מאַסאַי באַמיט זיך צו באַזיצן אויף אייגנס, גיט אים מילך און זיין ליבלינגס-געטראַנק... בלוט.

יאָ, פון צייט צו צייט שלאָגט דער מאַסאַי-נעגער ביי

דער קו אָן אָדער און טרינקט מיט אַ ווילדער תאווה דאָס בלוט פון דער לעבעדיקער בהמה.

אייראָפּעער, וואָס וווינען שוין לאַנגע יאָרן אין די מקומות און קענען גוט די מנהגים פון די אור-באַוווינער, דערציילן פאַרשידענע אינטערעסאַנטע אייגנצלהייטן וועגן דעם לעבנס-שטייגער פון די מאַסאַי-נעגער.

ווען דער מאַן ווערט אַלט און שוואַך, פאַרלירט מען צו אים דעם דרך-ארץ. מען האַלט אים פאַר אַן איבעריקן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, און מען דאַרף טראַכטן, אַזוי גיך ווי מעגלעך פטור צו ווערן פון אים. טאָמער ווערט דער אַלטער מאַן קראַנק, ווערט ער ביי דער באַגלייטונג פון גאַנצן שבט מיט פאַראַד אַרויסגעטראָגן ווייט הינטער דעם ישוב. דאָרט לייגט מען אַוועק דעם קראַנקן זקן אויף אַ שטיין, מען לאָזט אים איבער עטלעכע קאָקאָס-ניס און אַביסל וואַסער און דער-נאָך דערווייטערט זיך פון אים דער גאַנצער עולם מיט געזאַנג.

אויף צומאָרגנס טרעפט מען אויף דעם אָרט געוויינלעך נישט מער ווי ביינער, וואָס די היענעס האָבן איבערגעלאָזן פון דעם צופרעסענעם מענטשלעכן גוף.

אין קאַבינעט פון „אַפריקאַנער קאַווע-קעניג"

מאָמבאַסאַ, 2-טן מאַי

ווידער אין מאָמבאַסאַ.

דאָסמאָל פיל איך זיך אין דער דאָזיקער שטאָט פיל היי-
ישלעכער, ווי מיט צוויי וואָכן פריִער, בעת מיין אָנקומען
העֶר. פון נייראָבי האָט מען מיר מיטגעגעבן די אַדרעסן פון
טלעכע היגע יידן און איך דאָ גיבן זיך די מענטשן די גרעס-
ע מי, כדי מיך מהנה צו זיין מיט וואָס מער אינטערעסאַנטע
אָגעגענישן און איינדריקן.

אָט אַזוי-אַרום געפין איך זיך אין דעם עלעגאַנטן קאַבי-
נט פון דעם ערשטן דירעקטאָר פון דער „בריטיש-איסט-אַפרי-
ען קאָרפּאָריישאָן", דעם נישט-געקרוינטן „קאַווע-קעניג" פון
גאַנדע.

— מיסטער לאַי—דערקלערט דער סעקרעטאַר, — ענדיקט
אָס דורכקוקן די פּאָסט, באַלד וועט ער זיין צו אייער דיס-
אָזיציע...

דעם אמת געזאָגט, האָב איך גאָרנישט דאַקעגן, אַז ביים
יסטער לאַי זאָל זיך היינט עטוואָס פאַרציִען דאָס דורכקוקן
פּאָסט און איך זאָל דערווייל קאָנען מיך אַביסל אויסרוען
ן דעם ווייכן פאָטעל.

נאָך דער אָנשטרענגענדער עקסקורסיע פון די לעצטע טעג
יין אוגאַנדע און צו דער וויקטאָריאַ-אָזערע פיל איך זיך נאָך
ץ מיד, כאָטש די לעצטע נאַכט בין איך אין צוג קיין מאָמ-
סאַ גוט געשלאָפן. דאָס אָפטע ענדערן פון קלימאַט רופט
ויס אַ געפיל פון מידקייט.

אָבער מיסטער לאַי קומט באַלד אַריין.

ווער איז מיסטער לאַי?

גענויער דאַרף איך זיך עס דערוויסן פון אים אַליין. דער־
ווייל האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז ער איז דער דירעקטאָר און
הויפּט־שותּף פון דער גרעסטער בריטישער האַנדלס־געזעלשאַפט
אין מזרח־אַפריקע. אָט דער מיסטער לאַי באַהערשט דעם גאַנצן
קאַווע־עקספּאָרט פון אוגאַנדע און שוין דערפון אַליין איז לייכט
משער צו זיין, אַז קיין אָרימאַן איז ער נישט.

אין קעניאַ דערציילט מען נאָך היינט זייער פיל וועגן
דער אומגעוויינלעכער קאַריערע פון מיסטער לאַי, כאָטש עס
איז שוין אין לאַנד עטלעכע און דרייסיק יאָר. אַזוי ווי איך
האָב חוץ דעם אַלעמען געהערט אויך, אַז מיסטער לאַי איז א
ייד, האָב איך באַשלאָסן זיך מיט אים אויסצושמועסן און הערן
וואָס ער אַליין וועט וועגן זיך דערציילן.

— יאָ, עס איז אמת — דערקלערט מיסטער לאַי, — איך
בין אַ ייד און איך מאַך דערפון קיין סוד נישט. מיין טאַטע
איז געווען אַ רייכער יידישער גוט־באַזיצער אין בעהמען (היינט
טיקע טשעכאָסלאָוואַקיי) און איך בין ביי מיינע עלטערן געווען
דער איינציקער זון. ווען איך האָב געענדיקט די עקספּאָרט
אַקאַדעמיע אין ווין, האָב איך דערקלערט מיינע עלטערן, אַז
איך מוז אַרויס אין דער וועלט און איך מוז אַליין, מיט מיין
אייגענער אַרבעט, שאַפן פאַר זיך אַן עקזיסטענץ. מיין טאַטע
און זיידע זענען געווען פרומע יידן און זיי האָבן מורא געהאַט
האָט, אַז ווען איך וועל אַוועק אין דער גרויסער וועלט, וועל
איך פאַרגעסן אָן יידישקייט. איך האָב זיי אָבער באַרויִקט.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין מאָמבאַסאַ, זענען דאָ געווען
ווען נישט מער ווי הונדערט ווייסע און קיין איינציקער ייד.

צו יענער צייט האָט מען נישט געקאָנט גיין אָן געווער
אין דער געגנט, וווּ עס געפינט זיך היינט דער נייער פּאָרט
קילינדיני. מען האָט דאָרט, נעמלעך, נאָך אָפט אָנגעטראָפן אויף
ווילדע חיות.

באַלד איז אָראָפּגעקומען אַהער מיין שוואָגער און מיר
האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענציקויפן פעלן פון רינדער, שאָף און
ציגן און אַרויסשיקן עס קיין אויסלאַנד. דער דאָזיקער האַנדל

וואָס מיר האָבן געפירט תחילת אין גאָר אַ קליינעם מאַסשטאַב, האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ בעסער אַנטוויקלען און מיר האָבן גענומען גרינדן אויפקויף-פונקטן פאַר די דאָזיקע אַרטיקלען ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

כדי אונזער געשעפט צו אַנטוויקלען, האָבן מיר געמוזט אַריינדרינגען קיין קאָנגאָ און צוקומען ביז צום מערב-ברעג פון אַפריקע. דעמאָלט האָב איך געמאַכט מיין צופוס-מאַרש צו דעם מערב-ברעג פון אַפריקע. געדויערט האָט דער וועג אַהין און צוריק 23 חדשים און דורכגעמאַכט האָב איך מיט מיין נעגער-קאַראַוואַן 8000 מייל (אַהין און צוריק). וועגן דעם דאָזיקן מאַרש רעדט מען דאָ נאָך ביז היינט...

— יאָ, אויך איך האָב דערפון געהערט, אָבער אייגנט-לעך פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס איר זענט נישט געפאָרן מיט קיין קעמלען, נאָר געגאַנגען צופוס?

— דאָס איז אוממעגלעך געווען, — צעשמייכלט זיך מיס-טער לאַי, — קעמלען אָדער אַנדערע שלעפּ-חיות האָבן דעם וועג נישט געקאָנט אויסהאַלטן. דעמאָלט איז נאָך געווען פאַר-שפרייט אויף דעם דאָזיקן גאַנצן וועג די טסע-טסע-פליג, וואָס איז אומשעדלעך פאַרן מענטשן, אָבער חיות הרגעט זי אַוועק. נאָך אַ שטאָך פון דער דאָזיקער פליג פאַלט די חיה טויט אויפן אָרט. פאַר מענטשן איז געפערלעך געווען אַן אַנדער פליג, וואָס אירס אַ שטאָך רופט אַרויס ביים מענטשן די שלאָף-קראַנקהייט. קעגן דעם גיפט פון דער פליג האָבן אַלע מיטגלי-דער פון אונזער פוסגייער-קאַראַוואַן געמוזט זיך לאָזן איינאימפן. דער קאַראַוואַן איז באַשטאַנען פון מיר, איין ווייסן און 230 שוואַרצע. אַלץ, וואָס איז נויטיק געווען פאַרן וועג, האָבן די שוואַרצע געטראָגן אויף די קעפּ. איר מוזט דאָך וויסן, אַז צו יענער צייט איז אין צענטראַל-אַפריקע געלט נאָך נישט געווען אין אומלויף, און אויב מען האָט געוואָלט עפּעס באַקומען, האָט דאָס געקאָנט זיין נאָר אויף דעם וועג פון טויש-האַנדל. איך האָב דעריבער מיטגענומען סחורה צום טוישן: ניי-נאָדלען, גלאָז-פּערל, טרומייטערס, קאָלדרעס, אַלטע אוניפאָרמען א. ד. גל.

פּאַר אַ זאַק מיט גאָלד וואָלטן מיר דעמאָלט נישט געקאָנט באַקומען קיין באַנאַן, אָבער פּאַר איין נאָדל האָט מען מיר געגעבן צען הינער. די פּיליעס, וואָס איך האָב צו יענער צייט געגרינדעט אין צענטראַל- און מזרח-אַפריקע, זענען דערנאָך געוואָרן דער יסוד פון אונזער גרויסן דערפאָלג. וואָס אונזער פירמע באַדייט היינט אין מזרח-אַפריקע — דאַרף איך אייך דאָך נישט דערציילן.

אַ שווערן קריזיס האָבן מיר איבערגעלעבט אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה. מיין שוואָגער איז געווען עסטרייכישער ערן-קאָנסול, האָבן אים די ענגלענדער אַרויסגעשיקט קיין ווין מיט אַ דיפּלאָמאַטישן פּאַספּאָרט. מיך ווידער, אַזוי ווי איך בין אויך נאָך געווען אַן עסטרייכישער בירגער, האָט מען פאַרשיקט אין אַ געפאַנגען-לאַגער אין אינדיע, 180 מייל אין צפון-זייט פון באָמביי. נאָך דער מלחמה האָבן מיר געמוזט אָנהויבן אַלץ פון דאָס ניי, אָבער גאָר גיך האָבן מיר זיך ווידער אַרויפגעאַרבעט. היינט גייט אונזער עקספּאָרט פון פּראָדוקטן אין אַלע וועלט-טיילן, אויך קיין אַמעריקע, און יעדעס קערנדל קאַווע, וואָס גייט אַרויס פון אוגאַנדע, מוז דורכגיין אונזערע רייניקונגס-אַנשטאַלטן.

איך בין היינט 56 יאָר אַלט. 34 יאָר בין איך אין אַפריקע. מאַלאַריע האָב איך געהאַט ביז הונדערט מאָל, אויך פאַרשידענע אַנדערע גאָר אומאָנגענעמע קראַנקהייטן; אָבער אין אַלגעמיין פיל איך זיך גוט און אַרבעט נישט ווינציקער, ווי מיין פאָטער אין מיינע יאָרן. איינמאָל אין 2—3 יאָר פאָרן מיר אַרויס קיין איירָאָפּע און אַמעריקע; אָבער דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין אורלויב, נאָר גיכער געשעפטס-נסיעות. דער קלימאַט אין מאָמבאַסאַ איז גענוג שווער. אַ ריי חדשים אין יאָר איז דאָ זייער הייס, אָבער מען קאָן זיך צוגעוווינען.

מר. לאַי דערציילט נאָך וועגן זיינע געשעפטן, אין וועלכע עס אַרבעטן נאָר געציילטע יידן, ווייל בכלל זענען דאָך אין די אַפריקאַנער קאָלאָניעס פאַראַן גאָר ווינציק יידן. די

דער פּאַלאַץ פון א רייכן ענגלישן פּאַרמער אין קעניא

דאָ וווינט סתּם א קאָלאָניסט



פאָטאָגראַפיע פון קאָלאָניאַל-אמט, לאָנדאָן

ביים שניט אויף אַ ווייץ-פעלד אין קעניא

פשוטע שוואַרצע אַרבעטן ווערן געטון פון נעגער. אויף די אָנפירנדיקע שטעלעס געפינען זיך דאָס רוב אינדיער.

עס באַווייזט זיך דער סעקרעטאַר.

מיין געשפרעך מיט מר. לאַי דויערט שוין סיי־ווי לענ־ גער, ווי עס איז געווען געפּלאַנט. מיר געזעגענען זיך און מר. לאַי באַטאָנט נאָכאַמאָל:

— גלויבט מיר, אַפריקע איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מען האַלט אין אַלגעמיין אין אייראָפּע!

צו זאַנזיבאַר

וועסט-קאַוואַ, 7-טן מאַי

„וועסט-קאַוואַן" — דאָס איז דער נאָמען פון דער אַמעריקאַנער שיף, מיט וועלכער איך בין נעכטן מיטאָג-צייט אָפּגעפאָרן פון מאָמבאַסאַ.

ביז אין דער קאַבינע האָט מיך באַגלייט אַ יידישער יונגערמאַן פון ארץ-ישראל, וועלכער לעבט איצט אין מאָמבאַסאַ. ער און זיין פריינד, אַ יידישער בחור פון טשעכאָסלאָוואַקיי, וואָס ווילט אין לאַנד זינט עטלעכע חדשים, האָבן מיר נעכטן אין אָוונט איינגעאָרדנט דעם „געזעגענונגס-באַנקעט". אייגנטלעך גאַנץ אָריגינעל.

זאַלבעדריט זענען מיר אין אויטאָ פון נחמיה אבראַמאָוויטש — דאָס איז דער נאָמען פון פּאַלעסטינער יונגנמאַן — אַרויסגעפאָרן ווייט הינטער דער שטאָט. מיינע פריינד האָבן מיך געבראַכט אין אַ ביר-האַלע, וואָס געפינט זיך ביים ברעג פון ים. אייגנטלעך זענען עס נישט מער ווי צוויי גרויסע שאָפּעס, קוים באַלויכטן, ווו עס זענען אָוועקגעשטעלט עטלעכע צענדליק גאַנץ פּרימיטיווע טישלעך. באַזעצט זענען אָבער נישט מער ווי צוויי, שוין אונזער טישל אַריינגערעכנט.

ביים צווייטן טישל זיצן דריי ענגלענדער און אַ הויכע בלאָנדע דאַמע, אָנגעטון אין קורצע הויזעלעך. אַ שטילקייט הערשט אַרום און זי ווערט איבערגעריסן סיידן דורך דער בלאָנדינע ביי דעם שכנותדיקן טישל. זי שפּרינגט אַרום די בענק, כדי אַזוי-אַרום אָוועקצוטרייבן פון זיך די פליגן, וואָס טשעפּען זיך צו אירע שלאַנקע אָנטבלויזטע פיס.

אויך דער ים איז דאָ אַזוי מאָדנע רויִק. זיצן מיר אַזוי

צווישן בוימער און גרינס און עס ווילט זיך ממש קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן.

— אָט דאָס איז אַפריקע, — רופט זיך אָן נאָך אַ לענגער שטילשווייגן אַבראַמאָוויטש — שטיל, רויִק אַליין אַרום, אָבער ווי וואָלט דיר געווען, ווען דו רירסט זיך צו צו עפעס. אָט דאָס וואַסער, וואָס שטייט דאָ אַזוי רויִק און האָט אַזאַ אומשולדיק אויסזען, איז נישט צום באָדן זיך. דו טאָרסט דאָ נישט אַריינגיין, ווייל דאַן באַקומען זיך אַריין אין דיין קערפּער אַזעלכע ווערימלעך, פון וועלכע מען ווערט שווער קראַנק און עס דויערט פיל יאָרן ביז מען היילט זיך פון זיי אויס. אויף דעם גראָז, וואָס איז אַזוי געדיכט און וואַקסט אַזוי שיין און הויך, קאָנסטו זיך נישט אַנידערלייגן, ווייל דו ווערסט באַפאַלן פון פאַרשידענע מינים פליגן, וואָס בייסן דיך און טיילמאָל קאָנסטו אַריינכאַפּן אַ ביס פון אַ גיפטיקער שלאַנג, וואָס עס איז שוין גאָר ביטער. שיין איז אַפריקע, אָבער דו טאָרסט אויף קיין איין רגע נישט פאַרגעסן, אַז דו ביסט אין אַ לאַנד, וווּ אויף יעדן שריט מוזטו זיין געוואָרנט.

ווידער אַ הפסקה. אַבראַמאָוויטש רופט זיך פלוצלונג אָן:

— אַפריקע איז רייך, האָט אַ גרויסע צוקונפט. מענטשן מאַכן דאָ פיל געלט. אָבער ווער עס איז איינמאָל געבוירן געוואָרן אין ארץ־ישראל, דער קאָן מער נישט לעבן אין דער פרעמד. מיך ציט צוריק קיין ראשון לציון... נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, עפעס אָפּשפּאָרן — און צוריק!... איך מוז צוריק צו דער פרייַלעכקייט פון ארץ־ישראלדיקן לעבן, וואָס אונזער איינער געפינט נישט אין קיין שום אַנדער לאַנד.

וויסן זאָלט איר, אַז נחמיה אַבראַמאָוויטש ווײלט אין דאָזיקן לאַנד שוין העכער צוויי יאָר. פון זיין פאַלעסטינער בירגערשאַפט האָט ער זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט. אין ראשון־לציון האָט אַבראַמאָוויטש אַ נחלה, דאָ ווידער איז ער דער אָנפירער פון אַ גרויסער האַנדלס־פירמע.

— איך בין געקומען אַהער — זאָגט אַבראַמאָוויטש — כדי אָפּצושפּאָרן אַ ביסל געלט. נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר און

סוף כּל סוף וועל איך זיך צוזאַמען מיט פרוי און קינד אומקערן קיין ארץ־ישראל. עס ציט אַהין צוריק...

אין יענער ביר־האַלע האָבן מיר געטרונקען אונזער לעצטן „לחיים" און 9 אַזייגער אין אָוונט (אין אַן אַפריקאַנער קאָלאָניע הייסט דאָס שוין גאָר שפּעט!) האָב איך זיך ווידער געפונען אין מיין האָטעל.

אַזוי איז אַוועק מיין לעצטער אָוונט אין מאָמבאַסאַ.

אויף „וועסט־קאַווטאָן" דאַרף איך פאַרברענגען נישט מער ווי די היינטיקע נאַכט. מאָרגן אין די מיטאָג־שעהן קומען מיר אָן קיין זאַנזיבאַר, איינע פון די הערלעכסטע אינזלען אין שכנות פון אַפריקאַנער קאָנטינענט.

אַ גרויסע און באַקוועמע שיף איז „וועסט־קאַווטאָן", אָבער פּאַסאַזשירן זענען מיר דאָ סך־הכּל נישט מער ווי זעקס. דאָס דערוועקט עפּעס אַ מאָדנע געפיל.

מיינע מיטפּאַסאַזשירן אויף די 24 שעה זענען: אַ פּאַר־מער, וואָס פאָרט צוזאַמען מיט זיין פרוי אויף אַן אָפּרו־רייזע קיין צפון־אַמעריקע, אַן ענגלישער באַאַמטער פון דאַר־עס־סאַ־לאַם (טאַנגאַניקאַ), וועלכער פאָרט מיט זיין פרוי אויף דאַטשע קיין... קאַליפאָרניע, און אַ יונגער ענגלענדער פון האָנג־קאָנג, וועלכער איז פון זיין פירמע געשיקט געוואָרן, כּדי צו אַר־בעטן אַ יאָר צייט אין דרום־אַפריקע.

ווי זיי וועלן זיך פילן אויף דער ווייטער נסיעה פון מזרח־אַפריקע ביז ניו־יאָרק, וואָס דויערט מיט דער שיף העכער זעקס וואָכן, ווייס איך נישט; אָבער איך גלויב, אַז איך וואָלט דאָ לאַנג נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

אָט בין איך אין אָוונט אַריין אין סאַלאָן.

איינער אַליין זיץ איך ביים טיש. כ'נעם אַריינקוקן אין אַ צייטונג. אָבער די אותיות טאַנצן דאָ פאַר די אויגן.

דער ראַדיאָ נעמט אָפּ עפּעס אַ טרוקענע שטימע פון אַ געזאַנג אין דער מאַלאַיִשער שפּראַך. אַלץ שטאַרקער רוישן אין דרויסן די כוואַליעס פון אינדישן אָקעאַן, וועלכער איז היינט באַזונדערס אומרויִק. איך גיי אַרויס אין קאָרידאָר, אָבער דאָ

זע איך נישט מער ווי דעם אייגענעם לאַנגן שאָטן. די טריט שלאָגן זיך דאָ אָפּ מיט אַ הילכיק ווידערקול און אַלץ צוזאַמען מאַכט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט זיך געפונען אויף אַ „בלאָנ־דזשענדיקער שיף" אין מיטן ים.

צו מיין צופרידנקייט דויערט מיין איצטיקע ים־רייזע גאָר קורץ.

ווען איך קום אין דער פרי אַרויס אויפן דעק, דערזע איך שוין פון דערווייטנס אַ גרינלעכן יבשה־פּאַס.

מיר דערנעענטערן זיך צו זאַנזיבאַר.

קאלאניעס און עמיגראציע

נאָכוואָרט: „אוגאַנדע"

מיין איצטיקער באַזוך אין מזרח-אַפריקע און טאָקע קודם-כל אין קעניאַ האָט אין מיר געשטאַרקט די ספקות, וואָס האָבן זיך געהאַט ביי מיר שוין פון לאַנג דערוועקט:

„צי האָט דער זיבעטער ציוניסטישער קאָנגרעס ריכטיק געהאַנדלט דערמיט, וואָס ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם ענגלישן אוגאַנדע-פאָרשלאַג?"

ווי וואָלט היינט אויסגעזען די לאַגע פון יידן אויף דער וועלט, ווען אָנשטאָט דער צושפּליטערונג פון דער יידישער עמיגראַציע אין די לעצטע דרייסיק יאָר, וואָלט געווען געשאַפן געוואָרן אַ פעסט-איינגעוואָרצלטער יידישער ישוב מיט אַ זעלבסט-פאַרוואַלטונג אויף אָט דעם געביט, וואָס פאַררעכנט זיך היינט פאַר איינער פון די בליענדסטע ענגלישע קאָלאָניעס?

צי וואָלט אַ יידישער ישוב מיט אַן אייגענער פאַרוואַל-טונג אין אוגאַנדע געשטערט צו דער אַנטשטייונג פון דער יידישער מלוכה אין ארץ-ישראל?

מיר גלויבן, אַז נישט.

וואַרפט מען אַ בליק אויף דער מאַפּע און פרוווט מען ציען אַ ליניע פון ארץ ישראל, וואָס דאַרף ווערן אַ מויער ביים סועץ-קאַנאַל און — אוגאַנדע, וואָס ליגט ביים ברעג פון מזרח-אַפריקע, דאַן מוז מען נישט זיין קיין ספּעציעלער פאַכ-מאַן, כדי צו קאָנען אָפּשאַצן, וואָס פאַר אַ באַדייטונג אוגאַנדע מיט אַ יידישן ישוב און אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער קאָ-לאָניאַלער פאַרוואַלטונג וואָלט היינט צו-טאָג געווען געהאַט פאַר דער יידישער מלוכה, וואָס דאַרף געשאַפן ווערן אין ארץ-ישראל.

בלעטערנדיק לעצטנס אין הערצלס „טאָג-ביכער", האָב איך אין דריטן באַנד אויף זייט 412 געפונען די פאָלגנדיקע נאָטיץ פון הערצלען וועגן אַ געשפּרעך מיט דעם אַלטן טשעמבערליין, בשעת די ענגלישע רעגירונג האָט פאָרגעלייגט דעם פּלאַן אָפּצוגעבן אוגאַנדע פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע:

„איך האָב אויף מיין רייזע געזען אַ לאַנד, וואָס קאָן טויגן פאַר יידן", האָט געזאָגט דער גרויסער טשעמבערליין, „נעמלעך אוגאַנדע. ביי דעם ברעג איז הייס, אָבער טיפער אין לאַנד אַריין ווערט דער קלימאַט אויסגעצייכנט אויך פאַר אייראָפּעער. איר קאָנט דאָרט פלאַנצן צוקער און בוימוואָל. דאָ האָב איך ביי זיך געטראַכט: „דאָס וואָלט געווען אַ לאַנד פאַר ד"ר הערצל, אָבער ער וויל דאָך נאָר ארץ ישראל אָדער אין שכנות פון ארץ ישראל אַ טעריטאָריע..."

„יאָ, איך מוז", האָב איך געענטפערט, „אונזער באַזע מוזן מיר האָבן אין ארץ ישראל אָדער אין שכנות פון א"י. שפּעטער קאָנען מיר אויך אוגאַנדע קאָלאָניזירן, וויל מיר האָבן מאַסן מענטשן, וואָס זענען גרייט צו עמיגרירן. מיר מוזן אָבער בויען אויף אַ נאַציאָנאַלער באַזע..."

אָט דאָס האָט הערצל דעמאָלט פאַרשריבן אין זיין טאָג-בוך. מען דאַרף באַמערקן, אַז דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען הערצל האָט זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט דעם פּלאַן אָנצוהייבן אַ קאָלאָניזאַציע אויף דער האַלב-אינזל סיני. הערצלס פּלאַן איז געווען אַ גראַנדיעזער און האָט זיך געשטיצט דערויף, אַז די עגיפּטישע רעגירונג זאָל דערלויבן צוצופירן אַ טייל וואַסערן פון נילוס אין מדבר סיני און אַזוי-אַרום צו באַפרוכפּערן דאָס לאַנד. ענגלאַנד איז געווען גרייט צו געבן אַ קאָנצעסיע אויף אָנצוהייבן אַ קאָלאָניזאַציע, אָבער די אונטערהאַנדלונגען מיט דער עגיפּטישער רעגירונג האָבן נישט דערפירט צו קיין שום רעזולטאַט, און אַזוי ווי עס איז נישט

געוועזן קיין מעגלעכקייט צו באַפּרוכפּערן דעם מדבר, איז ממילא דער „על־אריש־פּלאַן" (אונטער דעם נאָמען איז ער געווען באַקאַנט) דורכגעפאַלן.

שפּעטער, ווייסן מיר, איז הערצל אַרויסגעטרעטן אַלס הייסער אָנהענגער פון אוגאַנדע. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ענגלאַנד זאָל געבן אַ ספּעציעלן „טשאַרטער", וואָס זאָל דערמעגלעכן די יידישע קאָלאָניסטן שוין נאָך אַ צייט פון עטלעכע געציילטע יאָר צו שאַפן אין דעם לאַנד אַן אויטאָנאָמע יידישע פאַרוואַלטונג מיט אַן אייגענעם יידישן הויך־קאָמיסאַר אָדער וויצע־קעניג בראש.

אויף דעם זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1903 האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן אוגאַנדע־פּלאַן, וואָס הערצל האָט פאָרגעלייגט דעם קאָנגרעס. מיר וועלן דאָ נישט איבערחזרן קיין פּרטים. ווער עס אינטערעסירט זיך מיט דער היסטאָריע פון ציוניזם, ווייסט, וואָס פאַראַ שרעקלעכע טראַגעדיע הערצל האָט איבערגעלעבט אין יענער צייט, ווען עס האָט געדראָט, אַז זיין לעבנס־ווערק, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל געשפּאָלטן ווערן. מיט שווערער מי איז הערצלען קוים געלונגען אויסצופירן, אַז דער קאָנגרעס זאָל אַרויסשיקן אַ ספּעציעלע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע קיין אוגאַנדע. דעם זיבעטן קאָנגרעס, וועלכער האָט דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט ענדגילטיק אָפּגעוואָרפן, האָט הערצל שוין נישט דערלעבט.

אויסגעמאַטערט פון די שווערע ראַנגלענישן מיט דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע קעגנער, איז הערצל, דער מאַן מיט דעם נביאישן קוק אין דער צוקונפט, אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט.

ווען איך בין אין דער שיינער ליכטיקער לבנה־נאַכט, ווען קיין שלאָף האָט זיך גאָרנישט גענומען צו די אויגן, געפאָרן מיטן צוג דורך געדיכטע פּאַלמען־וועלדער און דערנאָך צווישן ווייטע, מיט זייער שיינקייט ממש פאַרכאַפּנדיקע, לאַנדשאַפטן פון מאָמבאַסאַ קיין נייראָבי (אויף דער שטח האָט

לכתחילה לויט דעם ענגלישן פלאַן געזאָלט אָפּגעגעבן ווערן פאַר יידן) — האָב איך געטראַכט ביי זיך:

„ווי וואָלטן מיר היינט אויסגעזען אויף דער וועלט, ווען די דעמאָלטדיקע „ניין"-זאָגער וואָלטן נישט אָפּגעהאַלטן זייער „נצחון" און ווען הערצלס פּלאַן וואָלט געווען אָנגענומען געוואָרן?"

די צייט שטייט נישט אויף קיין אָרט און אויך די גע-שיכטע קערט זיך נישט אום צוריק.

צי וואָלט זיך היינט נאָך געלאָזט גוט-מאַכן דעם פעלער פון 33 יאָר צוריק?

נישט אַריינגייענדיק דערווייל אין תוך פון דער פראַגע, צי וואָלט ענגלאַנד געווען היינט גרייט אָפּצוגעבן אירע אַ טעריטאָריע אין מזרח-אַפריקע אַלס ספּעציעלע קאָלאָניע פאַר דער יידישער מלוכה — איז אָבער אַלנפאַלס קלאָר, אַז ביי געוויסע באַמיִונגען וואָלט מען יאָ געקאָנט דערגרייכן דאָס דערמעגלעכן אַ פּלאַנמעסיקע יידישע אימיגראַציע און קאָלאָני-זאַציע אין קעניאַ.

ווען די דאָזיקע פאָדערונג וואָלט אַרויסגערוקט געוואָרן גראָד אין איצטיקן מאָמענט, ווען עס ווערן געפירט די אונ-טערהאַנדלונגען וועגן שאַפן די יידישע מלוכה אין ארץ-ישראל, דאַן וואָלט זי געקאָנט האָבן געוויסע שאַנסן פאַר פאַרווירק-לעכונג.

קיינער וועט דאָך ביי אונזער היינטיקער לאַגע, ווען ביי יידן אין אַ ריי לענדער הערשט אַזאַ געוואַלטיקער דורשט נאָך אמתע און רעאַלע עמיגראַציע-מעגלעכקייטן, נישט מורא האָבן, טאָמער וועלן אויספעלן עולים פאַר ארץ-ישראל. די פאַרברענטסטע „ניין"-זאָגער פון די יאָרן 1903—1905 וואָלטן היינט מער נישט געזען קיין שום „סכנה" אין דעם אַנטשטיין פון אַ גרעסערן יידישן ישוב אויסער ארץ-ישראל. היינט האַנדלט זיך וועגן ברענגען הילף פאַר דער יידישער עמיגראַ-ציע-נויט נישט דורך אַ נייער צושפּרייטונג איבער דער וועלט,

נאָר דורך אַ צונויפזאַמלונג און קאָנסאָלידירונג פון דער יידי-שער עמיגראַציע אויף אַ באַשטימטן שטח.

היינט איז נישט באַגרינדעט מער די מורא פאַר קאָנקו-רענץ.

אַדרבה, דאָס אַנטשטיין פון אַ קאָנסאָלידירטן יידישן ישוב אין מזרח-אַפריקע וואָלט געשטאַרקט די פּאָזיציע פון דער יידישער מלוכה אין ארץ-ישראל.

אוגאַנדע דאַרף היינט נישט מער זיין פאַר אונז אַ „נאַכט-אַזיל", איידער עס הויבט זיך אָן די אַרבעט אין ארץ-ישראל (ווי הערצל האָט געפּלאַנט); היינט האַלט מען שוין דערביי, דאָס אין ארץ-ישראל ווערט געשאַפן די נאַציאָנאַלע באַזע, און דער יידישער ישוב אין מזרח-אַפריקע, וועלכער וואָלט באַשטאַנען פון די עמיגראַציע-באַדערפטיקע מאַסן, וואָס נאָר אַ טייל פון זיי וועט קאָנען געפינען פּלאַץ אין דער יידישער מלוכה – אָט דער ישוב וואָלט געשטאַרקט די נאַציאָ-נאַלע באַזע אין ארץ-ישראל.

עס וועט עמעצער אפשר פּרוּוון אָנווייזן, אַז נאָך איז די יידישע מלוכה נישט געשאַפן געוואָרן; נאָך האָט זיך נישט אָנגעהויבן די יידישע מאַסן-אימיגראַציע אין דעם זין, ווי מיר פאַרשטייען דאָס, און אָט רעדט מען שוין וועגן אַ לאַנד, וואָס וועט בנוגע דער קומענדיקער קליינער יידישער מלוכה דאַרפן שפּילן די ראָל פון אַ קאָלאָניע. מיר ווייסן דאָס אַלץ און טאַקע נאָר ביי דער גאַנצער אומנאָרמאַלקייט פון דער יידישער לאַגע אויף דער וועלט קאָן אויסקומען אַזאַ מין סיטואַציע. אָבער דאָס ענדערט נישט דעם פאַקט, אַז אין דער זעלבער צייט, ווען מען גרייט זיך צו דעם בוי פון דער יידישער מדינה מיט דעם פולן פאַרנעם, מוז מען טראַכטן אויך וועגן אַן אַנדער לאַנד, וווהין מען זאָל קאָנען ווענדן אַ טייל פון דעם ריזיקן יידישן עמיגראַציע-שטראָם.

אויב מען זאָל אָננעמען אַפילו די בעסטע באַדינגונגען פון דער אימיגראַציע קיין ארץ-ישראל, אויב די עליה וועט זיין גאָר גרויס אַפילו, וועט די קליינע יידישע מדינה אַלץ

נישט קאָנען אַריינגעמען אין אירע גרענעצן אַלע יענע מאַסן, וואָס די עמיגראַציע איז פאַר זיי אַ לעבנס־נויטווענדיקייט און וואָס אַ טייל פון זיי וועט אומזיסט קלאַפּן אין די טויערן פון דער יידישער מלוכה, נישט קאָנענדיק דאָרט געפינען, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, קיין מעגלעכקייט זיך איינצואָרדענען.

אַ טייל פון דעם שטראָם וועט מען מוזן ווענדן אין אַן אַנדער ריכטונג.

צי זאָל מען די יידישע עמיגראַציע ווייטער צושפּרייטן איבער דער ברייטער וועלט און שאַפן נייע גלותן?

ניין, דאָס טאָר מען אַבסאָלוט נישט טון.

און אָט דערפאַר גלויבן מיר, אַז גראָד איצט איז געקו־מען די צייט צו באַרירן דעם ענין „אוגאַנדע”.

עס מוז פון דער יידישער זייט אונטערגענומען ווערן אַן ערנסטע איניציאַטיוו אויסצובעסערן דעם טעות, וואָס איז גע־מאַכט געוואָרן מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק. די דאָ־זיקע איניציאַטיוו וואָלט איצט געווען אין דער ריכטיקער צייט, ווייל סיי־ווי האָלט עס דערביי, אַז די פראַגע פון רוי־שטאָפן, קאָלאָניעס און עמיגראַציע־שטחים קומט אַרויף, ווי מיר וועלן ווייטער זען, אויף דעם דיסקוסיע־טיש פון אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום.

די פראַגע פון קאָלאָניעס

די פראַגע פון קאָלאָניעס שטייט אָפן. די פאַשיסטישע מלוכות האָבן אַרויפגעבראַכט די פראַגע אויף דער טאָג אָרדנונג. איטאַליע האָט פאַר אירע קאָלאָניאַלע תביעות געפונען אַ „לעזונג" אין דער פאָרם פון געוואַלט־אַקט בנוגע אַביסיניע. די דייטשן באַגנוגענען זיך דערווייל מיט דעם טומל, וואָס זיי דערהויבן אַרום דער פאָדערונג פון קאָלאָניעס און... מיט דער צוגרייטונגס־אַרבעט אויף דעם אַפריקאַנישן קאָנטינענט גופא.

ווען מען פאָרט דורך אַפריקע קאָן מען זיך איבערצייגן, אַז די „שאַרפע רעדעס" אין בערלין זענען נישט סתם קיין אָפּגעריסענע ווערטער, נאָר עס שטייען הינטער זיי מעשים. מצד דייטשלאַנד ווערט געפירט אַ פּלאַנמעסיקע אַקציע אויף צוריקצובאַקומען די פאַרלוירענע קאָלאָניעס, און בשעת אין איירָאָפּע באַגנוגנט מען זיך מיט רעדעס און פרעסע־פּאָלעמיקעס, גייט מען אָן אין אַפריקע מיט ערנסטע שריט.

די דייטשע הויפּט־קאָלאָניעס אין אַפריקע זענען געווען: „דייטש מזרח־אַפריקע", וואָס ווערט היינט פאַרוואַלטעט דורך ענגלאַנד אַלס מאַנדאַטאָרין פון פעלקער־בונד און איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „טאַנגאַניקאַ" און „דייטש דרום־מערב־אַפריקע", וואָס געפינט זיך אונטער׳ן מאַנדאַט פון דער „דרום־אַפריקאַנישער אוניע". ביידע קאָלאָניעס נעמען אַרום ריזיקע ערד־שטחים און זיי פאַרמאָגן פיל רוי־שטאָפן.

די דייטשע ישובים אין די דאָזיקע קאָלאָניעס זענען נישט גרויס, ווייל בכלל זענען אין אַפריקע, אין פאַרהעלטניש צו די ריזיקע שטחים לאַנד, פאַראַן ווייניק מענטשן; אָבער

אַט די קליינע צאָל דייטשן ווייזט אַרויס אַן אומגעווייגלעכע אַקטיוויקייט, וואָס ווערט נאָך געשטאַרקט דורך די איניציאַטיוון, וועלכע קומען פון בערלין.

די דייטשן האָבן היינט-צו-טאָג נישט קיין שום קאָלאָניע אין אַפריקע, אָבער זיי דערהאַלטן אַן אייגענע שיפס-ליניע, וואָס גייט אַרום אַפריקע און האָט אין אַלע גרעסערע אַפריקאַנישע שטעט אירע ביוראָען אונטערן נאָמען: „דייטשע אָסט-אַפריקע-ליניע".

דייטשע אַגענטן פאַרפלייצן ממש גאַנץ אַפריקע, אָבער זייער הויפט-טעטיקייט קאָנצענטרירט זיך אין ערשטער ריי אין די געוועזענע דייטשע קאָלאָניעס. ביי דער באַקאַנטער דיסציפּלינירטקייט פון די דייטשן קאָן מען רויִק זאָגן, אַז די דייטשע איינוווינער דאָ זענען די פאַר-פּאָסטנס פון דער פּאָליטיק, וואָס ווערט געפירט אין בערלין.

אויף מיין וועג פון דאַר-עס-סאַלאַם (די הויפט-שטאָט טאַנגאַניקאַ) און זאַנזיבאַר — קיין דרום-אַפריקע בין איך געפאָרן צוזאַמען מיט אַן ענגלישן באַאַמטן פון דער קאָלאָניאַלער פאַרוואַלטונג אין טאַנגאַניקאַ. דער מאַן, וועלכער געפינט זיך אויף דעם פּאָסטן זינט דעם סוף פון דער וועלט-מלחמה און ער קען גוט די לאַגע אין דער קאָלאָניע, האָט איינמאָל אין אַ שמועס צו מיר געזאָגט:

— אין פאַל פון אַ מלחמה וואָלטן מיר נישט גויטיק געהאַט אַפילו צו פאַרגרעסערן די צאָל פון אונזערע גאַרניזאָנען אין טאַנגאַניקאַ, כדי צו הערשן איבער די מיליאָנען שוואַרצע; אָבער אַן ערנסטע געפאַר וואָלטן פאַר אונז געווען די עטלעכע טויזנט דייטשן, וואָס זענען פאַראַן אין לאַנד. זיי האָבן מיט אונז נאָך אַלץ נישט שלום געמאַכט!...

אין דער ענגלישער פּרעסע אין אַפריקע באַווייזן זיך פון צייט צו צייט אַלאַרמען וועגן דער טעטיקייט פון די בערלינער שליחים, וועלכע טרעטן אַרויס אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און אַפּעלירן צו דעם עולם, צו שטאַרקן דאָס דייטשטום אין מזרח-אַפריקע.

א נעגער פון קיקויו־שבט אויף אַ שפּאַציר מיטן ווייב

קיקויו־פרויען

אַ קריגער פון מאַסאַי־שבט

נאָך שטאַרקער איז די טעטיקייט פון די דייטשע אַגענטן אין „דרום-מערב-אַפריקע”, פון וואַנען זיי שפּרייטן אויס זייער נעץ איבער דרום-אַפריקע און זיי האָבן אין דער „דרום-אַפריקאַנישער אוניע” מיט רייכע סובסידיעס פון בערלין געהאָלפן אָרגאַניזירן די פּאַרטיי פון ד"ר מאַלאַן, וועלכער דערקלערט אָפן, אַז למען השלום דאַרף מען דייטשלאַנד מיט גוטן אָפּגעבן דאָס געביט, וואָס די „אוניע” האָט באַקומען אַלס מאַנדאַט-לאַנד.

— צי וועט דייטשלאַנד צוריק באַקומען אירע פאַרלוירענע קאָלאָניעס אין אַפריקע?

אין אייראָפּע איז שווער צו נעמען אויף זיך די ראָל פון אַ נביא און ענטפערן אויף דער פראַגע; אין אַפריקע אָבער האָב איך פון מענטשן, וואָס וווינען אויף די באַטרעפנדיקע געביטן אָדער אין זייער שכנות, געהערט שטענדיק כמעט דעם זעלבן ענטפער:

— די דייטשן טוען אַלץ, כדי ווידער צו ווערן באַלעבאַטים איבער די פאַרלוירענע קאָלאָניעס און אַזוי ווי עס פעלט אַן ענערגישע קעגן-אַקציע מצד ענגלאַנד, אַרבעט די צייט ממילא פאַר דייטשלאַנד!

ס'איז קלאָר, אַז דייטשלאַנד דאַרף נויטיק קאָלאָניעס נישט פאַר קיין קאָלאָניזאַציע-צוועקן, נאָר קודם-כל צוליב די רוי-שטאָפן. און די רוי-שטאָפן, ווייסן מיר ווייטער, זענען נויטיק פאַר דייטשלאַנד אין ערשטער ריי, כדי צו קאָנען באַוואָפענען זיך אין אַ נאָך שטאַרקערן טעמפּאָ. אָבער נאָך די אַלע סיורפּריזן, וואָס די וועלט האָט דערלעבט זינט ווערסייל, קאָן מען גלויבן, אַז עס איז ריכטיק די מיינונג, וואָס איך האָב געהערט אויף מיין אַפריקאַנישער רייזע פון פאַרשידענע זייטן:

— ס'איז נישט ווייט דער טאָג, ווען עס וועט אויפגענומען ווערן די אינטערנאַציאָנאַלע דיסקוסיע וועגן אַ נייער פאַרטיילונג פון קאָלאָניעס און ס'איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז די הויפּט-דינגעניש וועט פאַרקומען אַרום אַפריקע, וואָס

איז דער נאָנטסטער און אפשר אויך רייכסטער לאַנד-רעזער־וואַר פאַר אייראָפּע.

דעם „אַפריקאַנער רעזערוואַר" הויבט שוין אָן באַצייטנס אויסנוצן פאַר קאָלאָניזאַציע-צוועקן — איטאַליע, וועלכע האָט אַ שטאַרקן עודף פון איר באַפעלקערונג.

דער עודף דאַרף — לויט מוסאָליניס פּלענער — אָפּגע־ווענדט ווערן צו אַביסיניע. נישט געקוקט דערויף, וואָס אין אַביסיניע טרעפן זיך נאָך פון צייט-צו-צייט קלענערע און גרע־סערע צוזאַמענשטויסן מיט שבטים, וואָס זענען אויסבאַהאַלטן אין די בערג, ווערן דאָרט שוין איצט געמאַכט אַלע צוגריי־טונגען אויף אָנצוהויבן אַ גרויס-צוגיקע קאָלאָניזאַציע.

נישט אַלע געגנטן אין אַביסיניע טויגן פאַר אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע, אָבער פאַראַן אויך פיל זייער פרוכטבאַרע ערד, ווו עס דאַרפן אין דער צוקונפט, לויט די צוגעגרייטע פּלע־נער פון זאַכקענער, באַזעצט ווערן מיליאָנען איטאַליענער.

אַ חוץ די דייטשן און איטאַליענער זענען פאַראַן, ווי מיר ווייסן, נאָך אַנדערע מלוכות, וואָס דערהויבן זייערע תביעות נאָך קאָלאָניעס און זיי וואַרטן נאָר אויף דעם מאָמענט, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע דיסקוסיע וועט זיך אָנהויבן.

אויך מיר יידן דאַרפן באַצייטנס זיין גרייט צו דער דאָזיקער דיסקוסיע, וואָס וועט קומען מסתמא פיל פריער, ווי עס ווערט אין אַלגעמיין דערוואַרט.

איך דערמאָן זיך איצט אָן די ווערטער פון יענעם דייטש, וועלכער האָט מיך באַגלייט אויף אַ טייל פון מיין רייזע. מיט דער פולער אויפריכטיקייט האָט ער מיר דער־קלערט, פאַרוואָס ער וויל גרינדן זיין נייע היים אין אַפריקע, כאָטש אין אייראָפּע האָט ער געקאָנט האָבן פרנסה בריוח:

— איך האַלט — האָט יענער דייטש געזאָגט — אַז די צוקונפט פון אייראָפּע איז... אין אַפריקע. מיין באַדערפעניש אין מלחמה האָב איך פולשטענדיק געדעקט אין די 4 יאָר, וואָס איך האָב פאַרברענגט אויף די פאַרשידענע שלאַכט-פעל־דער און ווען איך האָב זיך פאַרטראַכט, ווי אַזוי צו זיכערן אַ

רויקע צוקונפט פאַר זיך און אויך פאַר מיין פרוי און קינ־
דער, בין איך געקומען צו דער מסקנא, אַז מיר מוזן זיך
גרינדן אונזער נייע היים אויף דעם שוואַרצן קאָנטינענט. אין
אייראָפּע איז צו ענג און דושנע. אין אַפריקע אָטעמט מען
פרייער, רחבותדיקער!

עס קאָן זיין, אַז יענער דייטש איז נישט אינגאַנצן
אימגערעכט.

צו דער געשיכטע פון אוגאַנדע *)

די „ענציקלאָפעדיאַ בריטאַנניקאַ” פון די יאָרן 60־1853 האָט נישט אַנטהאַלטן דעם נאָמען „אוגאַנדע”. וועגן דער עקזיסטענץ פון דאָזיקן לאַנד אין האַרץ פון אַפריקע האָט מען דעמאָלט אַזוי גוט ווי נאָך גאָרנישט געוווּסט.

עס איז אויך שווער פיל צו דערגיין וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון לאַנד, וואָס האָט זיך פריער (פאַר דער אָפּטיילונג פון קעניאַ!) געצויגן פון דער וויקטאָריע־אָזערע ביז צום ברעג פון מזרח־אַפריקע.

אין דער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן די ערשטע רייזנדער און אַוואַנטוריסטן אָנגעהויבן אַריינדרינגען טיפער אין מזרח־אַפריקע. פון דער צייט האָבן די אייראָפּעישע גרויסמאַכטן אָנגעהויבן זיך נענטער פאַראינטערעסירן מיט דעם דאָזיקן טייל פון אַפריקאַנישן קאָנטינענט.

וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון די נעגער־פעלקער, וואָס וווינען אין מזרח־אַפריקע, האָט מען זיך נישט פיל געקאָנט דערוויסן; דאַקעגן ווייסט מען יאָ, אַז דאָס לאַנד ביים ברעג איז אין לויף פון די יאָרהונדערטער פיל מאָל אַריבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אין אַלטערטום האָבן אין דער ריי געקעמפט

*) פיל ציפערן און דאַטעס אין דאָזיקן קאַפּיטל און אויך אין אַ ריי היסטאָרישע זענען אַרויסגענומען פון אָפיציעלע פּובליקאַציעס פון דער ענגלישער קאָלאָניאַלער פאַרוואַלטונג אין קעניאַ, צוו. אנד. האָב איך דאָ אויסגענוצט אַ טייל מאַטעריאַלן פון
The South and East African Year Book for 1936
Uganda, by H. B. Thomasand Robert Scott, און
אַרויסגעגעבן דורך דער רעגירונג פון אוגאַנדע־פּראָטעקטאָראַט, 1935.

פאַר אויסברייטערן זייערע השפּעות אויף מזרח־אַפריקע: די עגיפּטער, פּערסער, כינעזער און אין מיטלאַלטער — די אַראַבער.

אין משך פון דריי יאָרהונדערטער האָט זיך געפירט אַ קאַמף צווישן די אַראַבער און פּאָרטוגעזער וועגן דער מאַכט איבער דעם לאַנד ביים ברעג. דאָס גליק האָט זיך געביטן און די שפּורן פון די אַראַבישע השפּעות קאָן מען געפינען אויך אין דער שפּראַך פון די איינגעבוירענע „סוואַהילי״.

ענגלאַנד האָט אָנגעהויבן איר הערשאַפט אין מזרח־אַפ־ריקע אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט נישט מיט קיין מלחמות, נאָר דורך אַ פרידלעכן אַריינדרינגען אין לאַנד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פון פּראָטעקטאָראַט איבער מאָמ־באַסאַ אין הסכם מיט דעם סולטאַן פון זאַנזיבאַר, שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרן די בריטישע געזעלשאַפט פאַר מזרח־אַפריקע, וועלכע האָט מיט דער צייט דערפירט צום באַשטימען דעם ענגלישן פּראָטעקטאָראַט איבער דער אין אַלגעמיין רויקער איינגעבוירענער באַפעלקערונג.

אין יאָר 1888 האָט די „בריטיש איסט־אַפריקאַן קאָמפּאַני״ באַקומען די קאָנצעסיע אויף צו עקספּלואַטירן די נאַטירלעכע רייכטימער פון אוגאַנדע. זי האָט אָבער נישט באַוויזן אויסצו־פירן אירע אויפגאַבן און מיט 7 יאָר שפּעטער נעמט ענגלאַנד איבער דעם פּראָטעקטאָראַט איבער מזרח־אַפריקע, וואָס ווערט אָפּגעטיילט דורך אַ גרענעץ פון דער אייגנטלעכער אוגאַנדע.

עס האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן גרויסע אינוועסטיציע־אַר־בעטן.

אָנגעהויבן האָט מען מיט דעם בוי פון אַ באַן־ליניע פון מאָמבאַסאַ אין דער טיפעניש פון לאַנד אַריין.

דאָס לאַנד פון די גרויסע יאַגדן ציט־צו טוריסטן.

אין דער צייט פון בורן־קריג, ווען אין דרום־אַפריקע ברעכט אויס אַ שווערער עקאָנאָמישער קריזיס, ווענדט זיך אַ טייל פון די דאָרטיקע איינוווינער אין דער ריכטונג פון ענגליש־מזרח־אַפריקע. עס הויבט זיך אָן אַ גרעסערע קאָלאָניזאַציע פון

לאַנד, הויפּטזעכלעך פון ענגלענדער. עס קומען אַהער אויך די ערשטע סוחרים און אונטערנעמער, וואָס דערוואַרטן, אַז זיי וועלן מאַכן פּאַרמעגנס אין דעם נייעם לאַנד.

אין דערזעלבער צייט הויבט זיך אויך אָן אַן אימיגראַציע פון יידן, אין אַ קלענערן מאַסשטאַב, פאַרשטייט זיך. די ערשטע יידישע אימיגראַנטן קומען אַהער אויף דעם וועג איבער ארץ-ישראל. געווען איז עס אין דער צייט, ווען אין צאַרישן רוסלאַנד האָט געווילדעוועט די שרעקלעכע פּאָגראָם-כוואַליע.

יידן האָבן געזוכט רעטונג דורך עמיגראַציע. אַ טייל פון די עמיגראַנטן פון יענער צייט איז אַוועק קיין ארץ-ישראל, ווו עס איז זיי אָבער אונטער דער טערקישער הערשאַפט שווער געווען צו געפינען אַרבעט. אַנטוישטע זענען זיי פון ארץ-ישראל אַוועק אין ווייטערדיקן וועג, זוכענדיק אַ לאַנד, ווו זיי זאָלן קאָנען רויִק אַרבעטן. איינער פון יענע עמיגראַנטן איז געקומען קיין ניירָאָבי, ווו דער אייראָפּעאישער שטאָט-טייל האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פונאַנדערבויען. ווי נאָר ער האָט זיך דאָרט איינגעאָרדנט, האָט ער געברענגט צו זיך באַקאַנטע פון ארץ-ישראל.

פון יענער צייט אָן וואַקסט דער יידישער ישוב אין אוּ-גאַנדע יעדעס יאָר מיט עטלעכע פאַמיליעס. נאָך דער מלחמה איז געקומען אויך אַ גרעסערע צאָל יידישע פאַמיליעס פון פּוילן און דייטשלאַנד און איצט באַטרעפט די צאָל יידן אין אוגאַנדע העכער דריי הונדערט נפשות.

נאָך דער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן דער גוואַלדיקער פונאַנדערבלי פון ענגליש מזרח-אַפריקע און אין יאָר 1920 ווערט דער „פּראָטעקטאָראַט איבער מזרח-אַפריקע" פאַרביטן אין אַ קרוין-קאָלאָניע א. נ. „קעניאַ", לויט דעם נאָמען פון דעם העכסטן באַרג אין דאָזיקן לאַנד.

עס קומען דריי קריזיס-יאָרן (1920—1923); אָבער דערנאָך קומט אַ נאָך גרעסערער אויפשוווּנג. עס וואַקסט דער עקספּאָרט און מיט יעדן יאָר ווערט גרעסער די צאָל טוריסטן, וואָס קומען הויפּטזעכלעך פון ענגלאַנד.

די באַן פון מאָמבאַסאַ קיין נייראָבי ווערט פאַרלענגערט ביז קאַמפּאַלאַ, די הויפּט־שטאָט פון אוגאַנדע.

די אַלגעמיי־נע צאָל פון דער ווייסער באַפעלקערונג איז נישט גרויס. לויט דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1933 וווינען אין קעניאַ 17.285 ווייסע, אַרום 100.000 הינדוסן און קנאַפּע 3 מיליאָן שוואַרצע.

די גרעסטע שטאָט פון קעניאַ און די הויפּט־שטאָט פון לאַנד איז נייראָבי, וווּ עס זענען פאַראַן 7.090 ווייסע, 17.240 הינדוסן און 46.660 שוואַרצע. אין מאָמבאַסאַ, די צווייטע גרע־סטע שטאָט פון קעניאַ, זענען פאַראַן 52.000 איינוווינער, דערפון אָבער נאָר 981 ווייסע. דאָס לאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואָס אין מאָמבאַסאַ ביים ים־ברעג איז דער קלימאַט הייס און אייראָפּעער קאָנען זיך דאָ נישט לייכט צופּאַסן. מאָמבאַסאַ שפּילט אָבער זייער אַ וויכטיקע ראָל אַלס הויפּט־פּאָרט פון קעניאַ און אוגאַנ־דע׳ דאָ קאָנצענטרירט זיך דער גאַנצער עקספּאָרט און אַלע גרוי־סע פירמעס, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט אין האַנדל מיט מזרח־אַפריקע, האָבן דאָ זייערע פאָרשטייערשאַפטן.

און איצט עטלעכע ווערטער וועגן דער אָרטיקער אַדמי־ניסטראַציע אין קעניאַ, אַזוי ווי זי זעט אויס היינט צו טאָג.

דער העכסטער פאָרשטייער פון דער מאַכט אין קעניאַ איז דער ענגלישער גובערנאַטאָר, וועלכער האָט צו זיין הילף סעקרעטאַרן פאַר די באַזונדערע ענינים. די דאָזיקע סעקרע־טאַרן דערפילן די ראָל פון מיניסטאָרן.

אַ חוץ דעם עקזיסטירט אַ געזעצגעבערישער ראַט, וואָס באַשטייט פון 33 מיטגלידער, דערפון 11 מיטגלידער, וואָס גע־הערן צו דעם ראַט צוליב זייער אַמט (צוו. אַנד. אויך דער רב פון ניירָאבי), 9 נאָמינירטע מיטגלידער, 11 רעפּרעזענטאַנטן, געוויילט פון די ווייסע, 5 געוויילטע הינדוסן און צוויי רעפּרע־זענטאַנטן פון די איינגעבוירענע. זיי זענען אייראָפּעער.

קלימאַט און געזונטהייט־צושטאַנד

„וואָס פאַר אַ קלימאַט הערשט אין אַפריקע? ווי אַזוי איז דאָס וועטער דאָרט? צי איז מעגלעך איבערצוהאַלטן די היצן? און ווי לעבן בכלל די מענטשן אין אַפריקע?" — אַזעלכע און נאָך פיל אַנדערע ענלעכע פראַגן איז מיר אויסגעקומען צו הערן נאָך דעם, ווי איך בין צוריקגעקומען פון מיין אַפריקע־רייזע.

די דאָזיקע פראַגן באַווייזן אָבער נאָר, ווי ווינציק מען ווייסט ביי אונז וועגן אַפריקע אפילו אין די קרייזן פון דער אינטעליגענץ. ווייל, וואָס, למשל, וואָלט אַזאַ פראַגע־שטעלער געענטפערט, ווען מען פרעגט אים:

— וואָס פאַר אַ קלימאַט הערשט אין אייראָפּע?

מען וואָלט זיך געוויס קודם־כל גוט געחידושט:

— וואָס איז שייך אַזוי צו פאַראַלגעמיינערן די פראַגע? אייראָפּע איז דאָך אַ גרויסער קאָנטינענט און אין דער צייט, ווען אויף די פעלדער פון פוילן, למשל, ליגט הויכער שניי, ווערט סיציליע פאַרפלייצט פון הייסע זון־שטראַלן און דער עולם קוויקט זיך מיט אַ קיל ווינטל אויף דער פּלאַזשע ביים ים.

און געדענקען דאַרף מען, אַז אַפריקע איז דריי מאָל אַזוי גרויס, ווי אייראָפּע און ממילא זענען די טעמפּעראַטור־חילוקים אויך גאָר גרויסע.

עגיפּטן האָט אַ הייסן קלימאַט, וואָס איז באַזונדערס שווער צו פאַרטראָגן אין נילוס־טאָל, ווו די היץ מישט זיך צונויף מיט דער פייכטקייט. באַגעגנט האָב איך אָבער אין עגיפּטן יונגעלייט פון פוילן, וועלכע געפינען זיך אין דעם לאַנד זינט

אַ ריי יאָרן און זיי האָבן זיך דאָ אַזוי אַקלימאַטיזירט, אַז עס וואָלט זיי שווער געווען ווידער צוצוגעוווינען זיך צו די קאַל-טע ווינטערן אין מזרח-אייראָפּע.

שווער איז דאַקעגן פאַר אַן אייראָפּעער צו פאַרטראָגן די היצן ביי די ברעגן פון ים־סוף, ווו אַ טעמפּעראַטור פון איבער 50 גראַד צעלזיוס געהער נישט צו די זעלטנקייטן. זייער אָפט איז די דזשנעקייט אַזוי גרויס, אַז עס איז שווער צו אָטעמען. די ברעגן פון ים־סוף (רויטן ים) זענען נישט צוגעפּאַסט פאַר דעם אָרגאַניזם פון די אייראָפּעער.

ענגלישע באַאַמטע אין פּאָרט-סודאַן, למשל, מוזן נאָך צוויי יאָר אַרבעט אויף זייער פּאָסטן טראַכטן וואָס פריער צו ענדערן דעם קלימאַט און אַרויסצופאָרן אויף אַ לכל-הפחות 6-חדשימדיקן אורלויב, כדי צו קומען צו זיך. דאָס גלייכן איז אין מאַסואַ און דזשיבוטי און אויך אין אַלע שטעט פון אַראַ-בישן האַלב-אינזל, וואָס געפינען זיך אויף דעם ברעג פון ים-סוף.

שוין אין דער אַדענער בוכטע קומט אָבער אַן ענדע-רונג צום בעסערן און וואָס נענטער מען קומט צום עקוואַ-טאָר, אַלץ מילדער און לייכטער צום פאַרטראָגן ווערט דער קלימאַט.

אויב ביי די ברעגן פון ים־סוף זעט מען זעלטן עפּעס גרינס און ווי ווייט עס גרייכט דער בליק ציט זיך דער זאַמד-מדבר, אַזוי ענדערט זיך דאָס בילד, ווען מען קומט נענטער צו מאָמבאַסאַ. די גרינקייט איז דאָ אַ רייכע, אמתדיק טראָ-פּיקאַלישע. ביים ברעג פון קעניאַ, למשל, איז הייס, אָבער ווען מען קומט טיפער אין לאַנד אַריין, דאַן טרעפט מען אָן אויף אַזאַ מילדן און אָנגענעמען קלימאַט, וואָס לאָזט זיך סיידן פאַרגלייכן מיט דרום-איטאַליע.

אויב מען מיינט, אַז גאַנץ אַפריקע איז אַ גיהנום, ווו די זון ברענט ווי אַ פייער, דאַן האָט מען אַ טעות.

בכלל גייען אַרום אין אייראָפּע פאַרשידענע באַאומרויִקנ-

דיקע קלאַנגען וועגן קלימאַט און די געזונטהייט־פאַרהעלטע־נישן אין אַפריקע.

מען דערציילט וועגן פאַרשידענע פאַרשלעפּטע קרענק, וואָס זענען פאַרשפּרייט אויפן שוואַרצן קאָנטינענט און וואָס באַדראָען דאָס לעבן פון מענטשן.

איין זאַך מוז מען באַטאָנען: דאָס רוב ידיעות זענען איבערגעטריבן און זיי שטיצן זיך הויפּטזעכלעך אויף דעם צו־שטאַנד, וואָס די ערשטע אייראָפּעער האָבן געטראָפן אין אַפריקע, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן טיפער אַריינדרינגען אין דאָזיקן קאָנטינענט. פונקט אָבער ווי די גאַנצע וועלט איז אין די לעצטע יאָרצענדליקער ווייט פאָרויסגעגאַנגען אויף דעם געביט פון היגיענע און עפּנטלעכער געזונטקייט, אַזוי איז דאָס זעלבע געשען אויך אין אַפריקע. אויך דאָ האָט מען שטאַרק פּראָגרעסירט.

מען האָט מיך אויך זייער אויפריכטיק אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס וועגן די קלימאַטישע און געזונטקייט־באַדינגונגען אין אַפריקע זענען פאַרשפּרייט די ווילדסטע קלאַנגען, האָט די קאָלאָניאַלע ביוראָקראַטיע. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז די ביוראָקראַטיע, וועלכע איז אין פיל פאַלן די איינציקע רעפּרעזענטאַנטין פון אייראָפּע אויף דעם אַפריקאַנישן קאָנטינענט, האָט זיך דאָ אירע אייגענע אינטערעסן.

די באַאַמטע אין די קאָלאָניעס זענען פאַראינטערעסירט צו דערהאַלטן דעם איצטיקן צושטאַנד און נישט צו דערלאָזן, אַז עס זאָלן קומען אַהין צו פיל ווייסע, כּדי נישט צו פאַרלירן די אייגענע פּריווילעגירטע שטעלונג. די באַאַמטע אין די קאָלאָניעס האָבן אמתע „לאָרדן־פּענסיעס". איין מאָל אין צוויי יאָר באַקומען זיי אַ זעקס־חדשימדיקן אורלויב מיט באַצאָלטע נסיעות קיין אייראָפּע און זייערע ראַפּאָרטן זענען שטענדיק אַזעלכע, דאָס מען קאָן גלויבן, אַז עס איז ווירקלעך אַ שווערער קרבן פון זייער זייט, וואָס זיי זיצן אין די קאָלאָניעס.

וואָס שייך קעניאַ, זענען דאָ בנוגע דעם קלימאַט פאַראַן אין לאַנד גופא שטאַרקע אונטערשידן, וואָס זענען אָפּהענגיק פון דער הויך פון דער געגנט. אַן אַנדער קלימאַט איז פאַראַן אין באַרג-לאַנד און אַן אַנדערער אין טיף-לאַנד. דאָס באַרג-לאַנד פאַרנעמט דעם צענטער פון קעניאַ. צו ביידע זייטן אָבער — פון איין זייט ביים אינדישן אָקעאַן און פון דער אַנדערער זייט ביי דער וויקטאָריאַ-אָזערע — געפינט זיך דאָס טיף-לאַנד.

אין דעם באַרג-לאַנד איז דער קלימאַט אַ גוטער און עס זענען דאָ פאַראַן נאָרמאַלע סעזאָנען. פאַראַן אויך אין דער דאָזיקער געגנט פאַלן פון מאַלאַריע, וועלכע ווערט אָבער גוט אויסגעהיילט. דער קאַמף קעגן דער מאַלאַריע ווערט דאָ גע-פירט מיט דערפאָלג.

אין דער געגנט געפינט זיך אויך די הויפּט-שטאָט ניירא‌ָבי.

דער זומער-סעזאָן האַלט דאָ אָן פון דעצעמבער ביז מערץ. אין דער דאָזיקער צייט איז ביי‌טאָג גוט הייס, ביינאַכט באַדייטנד קילער.

די רעגן-צייט האַלט אָן אין די חדשים מערץ-מאַי. דאָס איז די צייט פון די גרויסע רעגנס.

די צייט פון די קלענערע רעגנס פאַלט אויס אין די חדשים אָקטאָבער-נאָוועמבער.

די קאַלטע חדשים פון יאָר זענען יוני, יולי און אוי-גוסט. דאָס זענען די אַזויגערופענע ווינטער-חדשים, וואָס אין דער אמתן דערמאָנען זיי נישט מיט קיין שום פּרט אונזערע ווינטערס. קיין שניי איז נישטאָ און פראָסטלעך טרעפן זיך עכסטנס אין די בערג. דאָס וועטער איז קיל, אָבער ביי‌טאָג קאָן מען אויסקומען אויך אָן אַ מאַנטל.

אין טיף-לאַנד (מאָמבאַסאַ און ביי וויקטאָריאַ-אָזערע) ברענגט דער ברעג-ווינט שטאַרקע רעגנס אין די חדשים אַפּ-ריל–מאַי, לייכטערע רעגנס פאַלן אויך פון יוני ביז אָקטאָבער. אין די זומער-חדשים איז דאָ די היץ זייער גרויס און אַזוי ווי די לופט איז אויך פייכט, איז זי ממילא נישט באַזונדערס

געזונט פאַר דעם ווייסן מענטשן, וועלכער איז צו דעם קלי־מאַט נישט צוגעוווינט.

און איצט לאָמיר זען, ווי עס האַלט דאָ מיט די גע־פערלעכע טראָפּישע קראַנקהייטן.

די געפערלעכע קרענק, וואָס איז דאָ געווען באַקאַנט פון אַלטע צייטן, איז די „סליפּינג־סיקנעס״ (שלאָף־קראַנקהייט).

פאַראַן פאַרשידענע מינים פון דער קראַנקהייט. ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין דעם „יאָרבוך פאַר מזרח־ און דרום־אַפריקע״ (1936), זענען אין דער צייט פון 1899 ביז 1906 אומ־געקומען פון דער קראַנקהייט העכער 200.000 איינגעבוירענע. די דאָזיקע קראַנקהייט ווערט פאַרשפּרייט דורך איינעם פון די פיל מינים טסע־טסע־פליגן, וועלכע האַלטן זיך אויף נאָר אין שכנות פון גרויסע וואַסערן. די ענגלישע קאָלאָניאַל־מאַכט האָט מיט דער שרעקלעכער פלאָג אויפגענומען אַן ענערגישן קאַמף און דאָס רוב געגנטן פון מזרח־אַפריקע זענען פון דער דאָזי־קער פלאָג שוין אָפּגערייניקט געוואָרן. ווי געלערנטע האָבן פעסטגעשטעלט זענען פאַראַן צוואַנציק מינים פון דער פליג, וואָס פאַרשפּרייט די „סליפּינגס־סיקנעס״, אָבער די מיינסטע פון זיי זענען שוין צום גרויסן טייל פאַרטיליקט.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַפילו אין די געפערלעכ־סטע צייטן פון דער פאַרשפּרייטונג פון דער שלאָף־קראַנקהייט איז דער צענטער פון קעניאַ געבליבן געשוינט פון דער פלאָג.

אין אַ טייל געגנטן פון קעניאַ און אוגאַנדע איז נאָך ביז הייַנטיקן טאָג פאַרשפּרייט אַ ספּעציעלער מין פון דער טסע־טסע־פליג, וועלכע איז נישט שעדלעך פאַר מענטשן, אָבער מאַכט אַ חורבן צווישן הויז־פי. אויך קעגן דער דאָזיקער פלאָג ווערט געפירט דער קאַמף מיט דערפאָלג און פאַראַן גוטע אויסזיכטן, אַז אין אַ נישט־לאַנגער צייט אַרום וועט די פליג אויסגעראָטן ווערן.

דער ווייסער מענטש אין אַפריקע

יאָ, ווי זעט טאַקע אויס דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן פון ווייסן מענטשן אין אַפריקע? צי זענען דאָרט פאַראַן טעאַטערן, קינאָס? און וואָס טוט מען דאָרט מיט די קינדער? צי זענען פאַראַן שולן?

דאָס זענען פראַגן, מיט וועלכע מען אינטערעסירט זיך אין אַלגעמיין. איך וועל פרווון אויף זיי געבן אַן ענטפער.

מען לעבט אין אַפריקע אין אַלגעמיין רויִק און אויב מען וועט מאַכן אַ סך-הכל פון די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון קאָלאָניאַלן לעבן, וועט מען מוזן קומען צום אויספיר, אַז עס לעבט זיך גוט אין אַפריקע.

עס איז פאַר מיר געווען זייער אינטערעסאַנט, וואָס אויף מיין ווייטן וועג דורך אַפריקע האָב איך צווישן ווייסע זעלטן-וואו אָנגעטראָפן אויף סימנים פון נויט. דערווייל איז די צאָל אייראָפּעער אין אַפריקע נישט גרויס, אָבער כמעט אומעטום האָבן זיך די ווייסע מענטשן איינגעאָרדנט דאָס לעבן זייער באַקוועם.

קיינער דאַרף נישט גלויבן, אַז אין אַפריקע וווינט מען אין געצעלטן און אַז דאָס לעבן דאָ איז גאַנץ פּרימיטיוו. מיט אמתן קאָמפאָרט זענען איינגעאָרדנט די וווין-באַדינגונגען פון די ווייסע אין די ענגלישע קאָלאָניעס. עס פאַרכאַפּן ממש דאָס אויג די שיינע ווילעס פון די ענגלישע באַאַמטע אין אַזאַ פּאָרט-סודאַן. און אַפילו דאָ געפינען זיך אַרום יעדער ווילע צו עטלעכע בוימער, וועלכע וואַרפן אַ שאָטן און באַשיצן טיילווייז פאַר דער היץ.

אין אַדען, וואָס געפינט זיך אויף דעם אַראַבישן האַלבּ־אינזל – דאָרט, ווו אַפריקע און אַזיע דערנענטערן זיך ביז אויף צענטליקער מעטער, געפינט איר נישט נאָר גרויסע און מאָדערן איינגעאָרדנטע וואָרן־הייזער, אַ פּאַרק און וואַסער־לייטונג אין יעדער שטוב אַריין, נאָר איר טרעפט דאָ אויך עלעגאַנטע קאַפעען, ווו עס שפּילט מוזיק, און האָטעלן, וואָס קאָנען רויִק איינשטיין אין יעדער גרויסער אייראָפּעיִשער שטאָט.

ווען מען פאָרט ווייטער קיין דרום דורך מאָמבּאַסאַ, נייראָבּי (קעניאַ), דאַר־עס־סאַלאַם (טאַנגאַניקאַ), זאַנזיבּאַר, בּיירא און לאָרענצאָ־מאַרקיז (פּאָרטוגעזיש־אַפריקע), – דאַן האָט מען פאַר זיך גרויסע אייראָפּעיִשע שטעט מיט אַ ברייטן פאַרנעם, ווו עס פּולסירט אַן אינטענסיוו לעבן און ווו מען ווילט זיך נישט נאָר אין די קאַפעען בּיי די גרויסע האָטעלן, נאָר מען האָט אויך געלעגנהייט אָנטייל צו נעמען אין אַ גוט־אַנטוויקלטן קולטורעלן לעבן.

פון צייט־צו־צייט קומען אין יענע געגנטן די אָנגעזעענסטע ליטעראַטן און וויסנשאַפטס־מענער פון אַלע פעלקער, וועלנדיק באַקענען זיך מיט די עקזאָטישע לענדער, וועגן וועלכע מען ווייסט אויף דער וועלט אַזוי ווינציק. בּיי דער געלעגנהייט טרעטן זיי אַרויס מיט רעפעראַטן פאַר דעם אָרטיקן עולם, וועלכער פילט געפילט גערן אויס די גרעסטע זאַלן.

די ווייסע איינוווינער פון דער שוואַרצער אַפריקע אַר־בּעטן נישט פיל.

דער שוואַרצער מענטש אַרבּעט פאַר אַזוי בּיליק, אַז דער ווייסער פּרוּווט אַפילו נישט קאָנקורירן מיט אים אויפן געביט פון אויספירן די שווערע אַרבּעטן.

דער ווייסער גיט נאָר די איניציאַטיוו, די אַרבּעט ווערט געטון פון שוואַרצע. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מין סיסטעם פון „לייכט לעבן" פאַרן ווייסן איז מעגלעך נאָר דערווייל, כּל־זמן עס איז נישטאָ קיין מאַסן־אימיגראַציע אין די אַפריקאַנישע לענדער. ווען די צאָל פון ווייסע אימיגראַנטן וועט זיך פאַר־גרעסערן, דאַן וועלן זיי מוזן ממילא אַראָפּנידערן פון דעם

הויכן פּיעדעסטאַל און אויספירן יעדע אַרבעט, פּונקט ווי מען טוט דאָס אין אייראָפּע, ווו אַרבעט, אַפילו די שווערסטע און פּשוטסטע, האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ בושה.

דערווייל האָט זיך מיר געטראָפן אַ פאַל אין אַ קליינעם אַפריקאַנישן שטעטל, אַז אין אַן אָרטיקן רעסטאָראַן האָט די טאָכטער פון באַלעבאָס, דערלאַנגענדיק מיר אַ טעלער זופּ צום טיש, זיך מערערע מאָל אַנטשולדיקט, הלמאי זי מוז דאָס טאָן אַליין. איין שוואַרצן דינער האָט מען נעמלעך אַוועקגעשיקט מיט אַ שליחות און דער צווייטער איז סתּם אַוועק אָן דערלויבניש... אין אייראָפּע זעט אויס אַזאַ „אַנטשולדיקונג" גאַנץ קאָמיש, אין אַפריקע אָבער איז זי זעלבסטפאַרשטענדלעך...

דער ווייסער איינוווינער פון אַפריקע האָט פאַר זיך איין הויפּט-ציל: צו קויפן זיך אַן אייגן אויטאָ און רייך צו ווערן. אויף צו קויפן אַן אויטאָ אין אַפריקע מוז מען נישט גראָד רייך זיין, ווייל די מאַשינען זענען דאָ ביליק און מען באַקומט זיי אויף די לייכטסטע באַדינגונגען אויסצוצאָלן.

מען לעבט רויִק אין די אַפריקאַנישע קאָלאָניעס.

מען שרעקט זיך נישט פאַר קיין איבערפאַלן פון די שוואַרצע. אין אַלגעמיין זענען זיי דאָך אַ רויִק פאָלק, וואָס לאָזט מיט זיך רעגירן. זיי שטעלן זיך נישט אַקעגן אַפילו דאַן, ווען זיי ווערן אויף אַ מוראדיקן אופן עקספּלואַטירט. נישט געווען אין די לעצטע יאָרצענטליקער קיין פאַלן, אַז שוואַרצע זאָלן אין מאַסן אַרויסטרעטן קעגן ווייסע (אויסגענומען, נאַטירלעך, פון דער מלחמה אין אַביסיניע, ווו די שוואַרצע האָבן פאַרטיידיקט זייער אומאָפּהענגיקייט). עס טרעפן זיך אָנפאַלן, וואָס טראָגן אַ קרימינעלן כאַראַקטער, אָבער ווי מען גיט איבער אויפן יסוד פון סטאַטיסטיקעס איז די פאַרברעכערישקייט אין אַפריקע פיל ווינציקער אַנטוויקלט ווי אין אייראָפּע.

דער שוואַרצער קאָנטינענט איז נישט קיין גן-עדן, ער איז אָבער אויך נישט קיין גיהנום, ווי מען גלויבט אין אַלגעמיין אין אייראָפּע. די ערד דאָ האָט דיזעלבע מעלות און חסרונות, ווי אין די אַנדערע טיילן און ביי געוויסע אָנשטרענגונגען איז דאָ פאַראַן נאָך פּלאַץ פאַר גרויסע דערגרייכונגען.

פרויען, קינדער, שולן

די ווייסע פרוי אין די קאָלאָניעס טוט געוויינלעך נישט קיין שווערע אַרבעט. פאַראַן אין יעדער שטוב די שוואַרצע דינער, וואָס טוען די וויכטיקסטע הויז-אַרבעטן. מען קאָן אָבער נשט זאָגן, אַז דאָס לעבן פון דער ווייסער פרוי זאָל זיין גאָר לייכט. געוויינלעך מוז די ווייסע פרוי אַחוץ דער אַלגעמיינער אָנפירונג פון דער שטוב-ווירטשאַפט, וואָס ליגט אין איר האַנט, נאָך מיטהעלפן דעם מאַן אין דער אַרבעט. האָט דער מאַן עפּעס אַן אונטערנעמונג, מוז די פרוי אויך דאָרט זיין און העלפן באַדינען די קונים. האָט דער מאַן אַ ביוראָ אָדער איז ער אַן אַדוואָקאַט, מוז די פרוי שרייבן אויף דער מאַשין אָדער טון אַנדערע הילפס-אַרבעטן, ווייל אויף דעם „שוואַרצן קאָנטינענט” זענען ווייסע אַרבעטס-כּוחות פאַרהעלטנישמעסיק טייער און מען טרעפט זיי אויך נישט שטענדיק ווען מען זוכט. די שוואַרצע ווידער זענען דערווייל נאָך צו ווינציק אַנטוויקלט, אַז מען זאָל זיך קאָנען מיט זיי באַנוצן אויף צו באַדינען קונים אָדער אַז זיי זאָלן טון וועלכע נישט איז ביוראָ-אַרבעט.

פרויען מיט באַשטימטע פּראָפעסיעס געפינען שטענדיק אַרבעט אין די קאָלאָניעס און אויב זיי זענען פאַרהייראַט, דאַן ברענגען זיי אַ באַדייטנדיקע הילף פאַר דעם מאַן.

וואָס שייך קינדער-דערציִונג זענען אין יעדן גרעסערן ישוב פון אייראָפּעער פאַראַן נישט נאָר פאָלקס-שולן פאַר די ווייסע קינדער, נאָר אויך גימנאַזיעס און ליצייען. פאַרשטייט זיך, אַז אין די ענגלישע קאָלאָניעס איז די לערן-שפּראַך ענג-



דער סאַלאָן אויף דער שיף „דוּקעססאַ ד׳אַאָסטאַ"



בּוּפעט אין באַר אויף „דוּקעססאַ ד׳אַאָסטאַ"

ליש. אויב עמעצער וויל, אַז זיינע קינדער זאָלן שטודירן אויף אַ הויכשול, מוז ער זיי אַרויסשיקן קיין אויסלאַנד.

דערפֿאַר איז מען דאָ באַפרייט פֿון דער דאגה צו זאָרגן וועגן אַן עקזיסטענץ פֿאַר דער דערוואַקסענער יוגנט. קינדער געוווינען זיך לייכט צו דעם קלימאַט, פֿאַרטראָגן אים גוט און ווען זיי ווערן גרויס טראַכטן זיי אפילו נישט וועגן פֿאַרלאָזן אַפריקע, ווו זיי געפֿינען שטענדיק אַ באַשעפטיקונג. נישט נאָר יינגלעך, נאָר אפילו מיידלעך פֿון רייכע היימען גייען ביז צו דער חתונה אויף פּאָסטנס און לייגן זיך אַליין צוזאַמען אַ שיינעם נדן.

דאָס פֿאַמיליע-לעבן איז דאָ פֿיל רויִקער, ווי אין אַן אייראָפּעיִשער שטאָט.

ביי די גרויסע מרחקים, וואָס טיילן אָפּטמאָל אָפּ איין איינוווינער פֿון צווייטן, גייט מען זעלטן אויף וויזיטן (העכסטנס אין אַ שבת נאָכמיטאָג אָדער זונטיק) און די אָוונטן פֿאַרברענגט מען אין שטוב. 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג זענען שוין די געשעפֿטן געשלאָסן,—פֿאָרט מען מיטן אויטאָ צוריק אַהיים און מען פֿאַרברענגט אין קרייז פֿון דער פֿאַמיליע.

דאָס איז די בעסטע צייט אויף צו הערן ראַדיאָ, צו לייענען אַ בוך אָדער אַרומצוקוקן זיך אין גאָרטן ביי דער ווילע, צי אַלץ איז אין אָרדנונג.

יאָ, אונזערע יידישע יונגעלייט פֿון פּוילן האָבן זיך אָפּגעלערנט פֿון די ענגלענדער און זונטיק, ווען דאָס געשעפֿט איז געשלאָסן, אַרומצופּוצן די בלומען אין גאָרטן און צוקוקן זיך אַ ביסל נענטער צו דערווירטשאַפֿט.

און אַז מען נעמט אין אַ זונטיק די פֿרוי מיט די קינדערלעך אין אויטאָ און מען פֿאָרט אויף אַ שפּאַציר, איז דאָס שוין די אמתע שמחה אין דער פֿאַמיליע.

נאַטירלעכע אוצרות

די ערד פון קעניאַ איז רייך אין נאַטירלעכע אוצרות. קודם־כל זענען אין קעניאַ פאַראַן פיל וועלדער, וועלכע טיילן זיך אויך אין צוויי הויפּט־געגנטן: אין דעם לאַנד ביי די ברעגן און אין דעם באַרג־לאַנד.

ביי די ברעגן זענען, לויט די רעגירונגס־סטאַטיסטיקעס, פאַראַן 120.000 אַקער וואַלד און דאָס דאָזיקע האָלץ איז זייער פּאַסיק פאַר בוי־צוועקן, באַן־שוועלן און אויך פאַר די פאַרשיידענע מינים מעבל. דאָס האָלץ ווערט גענוצט פאַר די אינערלעכע באַדערפענישן, אָבער פיל ווערט אויך עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד: קיין אינדיע, פערסיע און אַראַביע.

אין די בערג טרעפט מען פיל מינים פון איידעלע ביימער. אין עקספּאָרט פון לאַנד שפּילן דאָ אַ וויכטיקע ראָל דאָס אַפריקאַנער צעדערן־האָלץ, אַפריקאַנער קאַמפאָר־האָלץ, איילבירטן־האָלץ און דאָס געלע האָלץ.

די אַפריקאַנער צעדערן זענען דער פיינסטער מאַטעריאַל פאַר בעסערע מעבל־אויסאַרבעטונגען. זייער פאַרשפּרייט זענען אויך אין קעניאַ די עוקאַליפּטוס־ביימער.

די וועלדער אין קעניאַ נעמען אַרום אַ שטח פון אַן ערך דריי מיליאָן אַקער. העכער צוויי הונדערט טויזנט אַקער וואַלד געפינען זיך אין דער געגנט פון באַרג־קעניאַ. פאַראַן דאָ ביימער פון פאַרשידענע מינים, אָבער דעם אויבנאָן פאַרנעמען די אַפריקאַנער צעדערן.

די וועלדער פון קעניאַ ווערן דאָס רוב עקספּלואַטירט פון ענגלענדער. אָבער עס איז איבעריק צוצוגעבן, וואָס פאַר

אַ געוואַלדיקע מעגלעכקייטן עס האָט דאָ פאַר זיך, ביי אַזעל־
כע שטחים וועלדער, די האָלץ־אינדוסטריע אין אירע פאַרשי־
דענע מינים. אויף דעם געביט לאָזט זיך ווירקלעך נאָך זייער
פיל אויפטון. פאַראַן דאָ גרויסע מעגלעכקייטן פאַר אונטערנע־
מער־פאַכמענער.

קעניאַ פאַרמאָגט אויך גאָלד־גרובנס.

די גאָלד־פּראָדוקציע איז דאָ נאָך גאָר יונג און איר
גאַנצע אַנטוויקלונג איז פאָרגעקומען הויפּטזעכלעך אין די לעצ־
טע 10 יאָר. אין די לעצטע יאָרן האַלט די פּראָדוקציע פון
גאָלד אין וואַקסן און זי געפינט זיך אינגאַנצן אונטער דער קאָנ־
טראָל פון דער רעגירונג.

קיין אַנדערע וויכטיקע מינעראַלן האָט מען ביז איצט
נישט אַנטדעקט אין קעניאַ.

לאַנדווירטשאַפט און פּי־צוכט

צווישן די תּבֿואות, וואָס געראָטן אין קעניאַ, פאַרנעמט דעם אויבן־אָן ווייץ. די פּראָדוקציע וואַקסט דאָ מיט יעדן יאָר, כאָטש דערווייל ווערט באַאַרבעט נאָר אַ טייל פון דעם באָדן, וואָס מען וואָלט געקאָנט אויסנוצן פאַר דעם צוועק. אָט זענען עטלעכע ציפערן: אין יאָר 1932 האָט מען אין קעניאַ פון ווייץ־געראָטעניש געהאַט 63.498 זעק, אין יאָר 1934 — 196.000 זעק און אַזאַ צאָל אומגעפער אין יאָר 1935.

זייער פאַרשפּרייט איז אין גאַנץ מזרח־אַפריקע „מאַיִז" (קוקורודזע), וואָס געראָט אינם רוב געגנטן פון לאַנד. העכער 120.000 אַקער לאַנד ווערן איטלעכס יאָר באַבויט מיט קוקורודזע און די פּראָדוקציע באַטרעפט דאָ אַן ערך אַ מיליאָן זעק אַ יאָר. מאַיִז איז דער הויפּט־מאכל פון די אורבאַוווינער. אַ טייל גייט אויך אויף עקספּאָרט.

קאַרטאָפל געראָט גוט אין קעניאַ און איז זייער שמאַקהאַפט. פאַר דער חזירים־צוכט ווערט גענוצט אויך פיל זיסע קאַרטאָפל.

צוקער וועט מסתּמא שוין אין דער נאָנטער צוקונפט זיין איינער פון די הויפּט־עקספּאָרט־אַרטיקלען אין קעניאַ. אַן עקספּערטן־קאָמיסיע, וואָס איז דורך דער רעגירונג פון קעניאַ מיט עטלעכע יאָר צוריק אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון מערב־אינדיע, האָט אין דעם אָפּגעגעבענעם באַריכט דערקלערט, אַז אין קעניאַ קאָן מען אָן באַזונדערע אָנשטרענגונגען דערגרייכן אַ צוקער־פּראָדוקציע ביז אַ האַלבן מיליאָן טאָן אַ יאָר. דערווייל באַטרעפט די פּראָדוקציע פון צוקער אין קעניאַ ווינציקער ווי

10.000 טאָן אַ יאָר. איצט איז זיך לייכט משער צו זיין, וואָס עס לאָזט זיך נאָך אויף דעם געביט אויפטון.

די קאַווע פון קעניאַ און טאַנגאַניקאַ (אין אַלגעמיין באַקאַנט אַלס אוגאַנדער קאַווע) האָט אַ גוטן נאָמען אויפן וועלט־מאַרק. די קאַווע־פּלאַנצן געראָטן אין קעניאַ נאָר אין די געגנטן, וואָס זענען העכער פון 2.000 מעטער. אין יאָר 1924 זענען אין קעניאַ געווען באַבויט מיט קאַווע־פּלאַנצן 68,950 אַקער לאַנד; אָבער שוין אין יאָר 19 4 האָט דער באַבויטער שטח מיט קאַווע־פּלאַנצן באַטראָפן 102.724 אַקער לאַנד. די פּראָדוקציע באַטרעפט העכער 200.000 צענטנער אַ יאָר.

טיי וואַקסט אין דעם הויכלאַנד. די פּראָדוקציע ווערט אויך אויף דעם געביט גרעסער מיט יעדן יאָר. די פאָלגנדיקע ציפערן רעדן אַליין פאַר זיך: אין יאָר 1930 האָט די טיי־פּראָדוקציע אויסגעמאַכט עפּעס מער ווי אַ האַלבן מיליאָן פונט. אָבער שוין אין יאָר 1931 איז די פּראָדוקציע געשטיגן ביז אַנדערטהאַלבן מיליאָן פונט און אין יאָר 1932 האָט זי דער־גרייכט באַלד ביז צו דער ציפער פון צוויי און אַ האַלבן מיליאָן פונט טיי.

ביז איצט האָט זיך נישט איינגעגעבן צו פאַרפלאַנצן גרעסערע שטחים אין קעניאַ מיט בוימוואָל, כאָטש פאַראַן געגנטן, וואָס האָבן אַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען אויף אַ בוימוואָל־פּראָדוקציע. עס זענען געמאַכט געוואָרן מערערע עקספּערי־מענטן, וועלכע זענען אָבער דורכגעפאַלן צוליב דעם, ווייל עס האָבן געפעלט דערצו די נויטיקע פאַכלייט און אויך די אַנטשפּרעכנדיקע קאַפּיטאַלן. ווי עס האָבן אָבער באַוויזן געניוע נאָכפאָרשונגען פון עקספּערטן, זענען פאַראַן באַדינגונגען אויף צו אַנטוויקלען אַ גרעסערע בוימוואָל־פּראָדוקציע אין לאַנד.

קאָקאָס־בוימער זענען פאַראַן אין קעניאַ דערווייל נישט פיל. זייער צאָל ווערט געשאַצט אויף אַ האַלבן מיליאָן. עס ווערן אָבער געמאַכט אין די לעצטע יאָרן באַמיִונגען אויף צו הויבן די פּראָדוקציע פון קאָקאָס־ניס.

אָראַנזשן־פּלאַנטאַציעס געפינען זיך אין קעניאַ אין אָנ־

הויכ פון אַנטוויקלונג. די אַפריקאַנער אָרגאַניזאַציע האָט ניש אויס קיין פאַרגלייך מיט ארץ־ישראלדיקע אָדער אפילו שפאַנישע אָרגאַניזאַציע, אָבער אַ ריי פּשוטערע סאָרטן האָבן זיך איינגעגעבן. עס גערעכט זייער גוט ציטרינען, וועלכע גייען אויף עקספּאָרט.

קעניאַ איז אַזוי רייך אין גראָז, ווי זעלטן אַן אַנדער לאַנד אויף דער וועלט. דאָס לאַנד פאַרמאָגט אַזוי פיל פּאַשע, אַז עס זענען דאָ אומגעהויערע מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ פי־צוכט. פאַראַן פאַרשידענע מינים גראָזן, אָבער אַלע בלייבן פריש און גרין דורך דעם גרעסטן טייל פון יאָר. לויט דער מיינונג פון פאַכלייט קאָן מען אויף אַ פאַרם פון 5.000 אַקער לאַנד האָדעווען ביז 400 שטיק רינדפי און העכער 3.000 שעפּסן. געוואַלדיקע שטחים מיט פּאַשע ווערן דערווייל אין גאַנצן נישט אויסגענוצט.

ס׳איז זיך נישט שווער משער צו זיין, וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן מען וואָלט אין קעניאַ געקאָנט דערגרייכן מיט דער וואָל־פּראָדוקציע.

פאַראַן אַ ספּעציעלער מין טאַמבוקי־גראָז, וואָס ווערט פאַרוויצנדט פאַר דער פאַבריקאַציע פון פּאַק־פּאַפּיר. די רעגירונג האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן צוויי קאָנצעסיעס אויף צו שניידן דאָס טאַמבוקי־גראָז. אין דער געגנט פון פּונגווע־ריווער אַליין רעכנט מען צו דערגרייכן אַ פּראָדוקציע פון 40.000 טאָן טרוקן גראָז אַ יאָר. דער פּרייז פון אַ טאָן איז אומגעפער 4 פונט. אין די לעצטע יאָרן האָט מען געמאַכט די ערשטע עקספּערימענטן צו פאַבריצירן קונסט־זייד פון אָט דעם טאַמבוקי־גראָז. די עקספּערימענטן האָבן זיך איינגעגעבן.

דורכגעפירטע עקספּערימענטן האָבן באַוויזן, אַז די אַפריקאַנער באַמבוס־פלאַנצונגען קאָנען גוט אויסגענוצט ווערן פאַר דער פאַבריקאַציע פון פּאַפּיר. די רעגירונג האָט דערווייל אַרויסגעגעבן אַ קאָנצעסיע אויף צו עקספּלואַטירן אַ באַמבוס־שטח, וואָס נעמט אַרום 50.000 אַקער לאַנד אין דער קיקויו־געגנט.

פאַרשידענע מינים בוימאַייל ווערן שוין איצט געפּרעסט אין קעניאַ. פאַר דער צוקונפט געפינט זיך דאָ אַ ברייט פעלד אויף צו אַנטוויקלען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אַ גאַנצע ריי אינדוסטריע־צווייגן.

דאָס ביסל ציפערן, אַרויסגענומען פון אָפיציעלע סטאַטיסטיקעס און יאָרביכער איז גענוג, כדי מען זאָל זיך שאַפן אַ באַגריף וועגן די גרויסע אוצרות, וואָס זענען באַהאַלטן אין דער ערד פון קעניאַ און וואָס בעטן זיך ממש אויסגענוצט צו ווערן אין דער פולער מאָס.

ענגלאַנד האָט נישט קיין ספּעציעלן אינטערעס אויף צוצואיילן די אַנטוויקלונג פון לאַנד, כאָטש מען מוז מודה זיין, אַז דאָס וואָס די ענגלישע פאַרוואַלטונג האָט אין פאַרלויף פון די לעצטע דרייסיק יאָר דערגרייכט אין דאָזיקן לאַנד, פאַרדינט די פולסטע אָנערקענונג. קעניאַ האָט אין די לעצטע דרייסיק יאָר דורכגעמאַכט אַ גרויסע אַנטוויקלונג, אָבער דאָס וואָס איז ביז איצט אין דאָזיקן לאַנד דערגרייכט געוואָרן, איז נישט מער ווי אַן אָנהויב.

אַ גרויסע צוקונפט האָט דאָס לאַנד פאַר זיך און אויב וועלכער ס׳איז שטח אין אַפריקע קומט אין באַטראַכט פאַר אַ גרויסער קאָלאָניזאַציע פון אייראָפּעער, איז עס אין דער ערשטער ריי — קעניאַ.

אַוודאי איז אַ שאָד, וואָס ענגלאַנדס אָפּערטע צו ד״ר הערצל איז מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אָבער גראָד אין איצטיקן מאָמענט, ווען אויף דער יידישער גאַס לאָזט זיך פילן אַזאַ שטאַרקע עמיגראַציע־נויט, דאַרף געמאַכט ווערן אַן ערנסטער פּרווו אויסצובעסערן דעם אַלטן פעלער.

הערצל האָט געטראַכט וועגן אַ „נאַכט־אַזיל״ אין אוגאַנדע אויף דעם וועג צו ארץ־ישראל. היינט איז די לאַגע אַ ביסל אַנדערש. היינט איז פאַר יידן אַ חוץ ארץ ישראל נויטיק נאָך אַ צווייט לאַנד, וווּ מען זאָל קאָנען קאָנצענטרירן דעם עודף פון דער יידישער עמיגראַציע, וואָס געפינט נישט קיין פּלאַץ

אין ארץ־ישראל. עס גייט וועגן יענע טויזנטער יידן, וואָס פלעגן אַמאָליקע צייטן עמיגרירן יעדעס יאָר קיין אַמעריקע, אויסטראַליע און אַנדערע מדינות און — איצט האָבן זיי פאַר זיך אַ פאַרשלאָסענע וועלט.

הייגט דאַרפן מיר נישט קיין „נאַכט-אַזיל״; הייגט דאַרפן מיר אַן עמיגראַציע־לאַנד, וווּ מען זאָל קאָנען קאָנצענטרירן יענע טיילן פון דער יידישער עמיגראַציע, וואָס בלאָנקען זיך איבער די וועלט-שליאַכן און זענען פאַרמשפּט אויף פאַרוואָגלט צו ווערן אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון כדור הארץ.

צוזאַמען מיט דער אַנטשטייונג פון דער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל איז נויטיק צו מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען אויף צו שאַפן אַ צווייטן צענטער, וואָס וועט אין דער צוקונפט אפשר בנוגע דעם „מוטער-לאַנד״ ארץ-ישראל דערפילן די ראָל פון — אַ קאָלאָניע.

וועגן די עמיגראַציע־מעגלעכקייטן קיין מזרח־אַפריקע

נאָכדעם ווי איך בין צוריקגעקומען פון מיין אַפריקע־נסיעה, האָב איך געטראָפן הונדערטער בריוו פון לעזער, וועלכע האָבן מיך אָנגעפרעגט וועגן נענטערע פרטים איבער די עמיגראַציע־מעגלעכקייטן קיין מזרח־אַפריקע. איך פיל זיך דעריבער פאַרפליכטעט צו געבן דאָ אַ ריי אינפאָרמאַציעס וועגן די פראַגן, וואָס האָבן דערוועקט אַ באַזונדערן אינטערעס.

קודם־כל וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן (כדי אויסצומיידן טעותים!), אַז דערווייל קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן אַ מאַסן־אימיגראַציע קיין ענגליש מזרח־אַפריקע. אַ מאַסן־אימיגראַציע קאָן זיין נאָר דאָרט, ווו עס איז דאָ די צושטימונג פון דער אָרטיקער מאַכט און ווו דאָס לאַנד — מעג עס האָבן אפילו די בעסטע נאַטירלעכע באַדינגונגען — ווערט צוגעגרייט צום אויפנעמען אַ גרויסע צאָל אימיגראַנטן.

ביי היינטיקס טאָג איז דאָס נישט דער פאַל, דעריבער קאָן מען דערווייל — אויב עס גייט וועגן דער נאָנטסטער צוקונפט — רעדן נאָר וועגן אַן אימיגראַציע פון יחידים.

ווען איך האָב זיך געפונען אין נייראָבי, האָב איך פון דאָרטיקע יידן באַקומען צונויפגעשטעלט אַ ליסטע פון פאַרשידענע פאַכן, אין וועלכע עס וואָלטן זיך געקאָנט איינאָרדענען אַן ערך 25 ניי־אָנגעקומענע פאַמיליעס אין פאַרלויף פון אַ יאָר. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָלט געווען אַ רייד נאָר אין פאַל, ווען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע יידישע אינסטיטוציע אין פוילן וואָלט גענומען די דורכפירונג פון דער זאַך אין איר האַנט. אַזוי ווערט דאָס איבעריקנס פּראַקטיצירט בנוגע די דייטשע יידן,

פאַר וועלכע עס איז אין נייראָבי געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט מיט דעם דאָרטיקן קהלה־פּרעזעס ה׳ רובין בראש.

וואָס שייך די אימיגראַציע־געזעצן, ווערן אין קעניאַ נישט געמאַכט קיין ספּעציעלע שוועריקייטן פאַר ניי־אַריינקומענדיקע אימיגראַנטן. ביים אַריינפאָר קיין קעניאַ דאַרף מען אין פּאָרט (מאָמבאַסאַ) איינלייגן נאָר אַן ערבות פון 50 פונט. אויב דער אָנגעקומענער אימיגראַנט באַווייזט נישט אין פאַרלויף פון אַ יאָר זיך איינצואָרדענען ביי וועלכער נישט איז אַרבעט, ווערט ער פאַר דעם איינגעלייגטן געלט צוריקגעשיקט אין זיין היימלאַנד. אָרדנט זיך דער אימיגראַנט יאָ איין, באַקומט ער נאָכן סוף פון יאָר צוריקגעצאָלט די גאַנצע סומע און ער ווערט פאַררעכנט אַלס סטאַבילער איינוואוינער פון לאַנד.

נאָך אַ געוויסער צייט קאָן מען זיך נאַטוראַליזירן.

די ערבות פון 50 פונט איז חל אויף יעדער דערוואַקסענער פּערזאָן, נישט געקוקט, וואָס זיי געהערן טיילמאָל צו איין פאַמיליע.

אויף רייזע־הוצאות (פון פּוילן, למשל!) קיין קעניאַ דאַרף מען רעכענען אַן ערך 40 פונט אויף אַ דערוואַקסענער פּערזאָן.

פון די מאַסן בריוו מיט אָנפראַגן וועגן די אימיגראַציעמעגלעכקייטן אין אַפריקע, וועלכע איך האָב באַקומען אין דער צייט נאָכן צוריקקומען פון מיין אַפריקע־רייזע, וועל איך אַרויסנעמען עטלעכע און פּרוּוון זיי אַ ביסל ברייטער באַהאַנדלען. דאָס וועט צו דער זעלבער צייט זיין אויך אַן ענטפער פאַר פיל אַנדערע יידן, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דער עמיגראַציע. צום באַדויערן, איז מיר נישט געווען מעגלעך צו ענטפערן באַזונדער אויף אַלע בריוו מיט אָנפראַגן, וואָס איך האָב דערהאַלטן אין דער לעצטער צייט.

פון אַ גרעסערער יידישער פּראָווינץ־שטאָט אין פּוילן האָב איך דערהאַלטן אין נאָמען פון אַ באַדייטנדיקער גרופּע יידישע סוחרים אַ בריוו, אין וועלכן עס ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„אין דער לעצטער צייט ווערט אונז מיט יעדן טאָג אַלץ שווערער צו האַנדלען. מיר ליידן שטאַרק פונם באָיקאָט. עס זענען אויסגעוואַקסן „נייע״ סוחרים, וואָס קאָנקורירן מיט אונז און מען רייסט ביי אונז ממש אַרויס אונזערע לאַנג־יעריקע קונים. מיט איין וואָרט, עס ווערט אונז מיט יעדן טאָג אַלץ ענגער. נאָכדעם, ווי איך האָב געלייענט, וואָס איר האָט איבערגעגעבן וועגן קעניאַ, וואָלט איך וועלן זיך מיט אייך באַראַטן, צי איז מעגלעך פאַר אַ פאַמיליע פון 7 פערזאָן זיך „אַריבערצופּעקלען״ קיין נייראָבי, אָדער עווענטועל אין אַן אַנדער געגנט פון אַפריקע. איך בעט אייך, איר זאָלט מיך וועגן דער פראַגע גרינטלעך אינפאָרמירן, ווייל עס איז אַ זאַך, וואָס איז נוגע נישט נאָר מיך אַליין, נאָר אויך צענטליקער אַנדערע סוחרים־פאַמיליעס ביי אונז אין שטאָט, וועלכע זוכן אַ געלעגנהייט צו עמיגרירן און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער מיינונג, וואָס איר וועט אין דער פראַגע אַרויסזאָגן. פאַראינטערעסירט זיך מיט אונזער גורל און שרייבט אונז עפּעס, וואָס זאָל אונז דערמוטיקן...״

אָט דעם ייד מוז איך ענטפערן דאָס, וואָס איך האָב שוין פריער באַטאָנט:

קעניאַ איז אַ לאַנד אין אָנהויב פון דער אַנטוויקלונג. סך־הכל זענען דאָרט פאַראַן נישט קיין גאַנצע 20.000 ווייסע מענטשן. דאָס לאַנד האָט רייכע נאַטור־אוצרות, עס איז זייער גרויס (כמעט אַזוי גרויס ווי פוילן און דערביי באַ־טרעפט די צאָל איינגעבוירענע נישט קיין גאַנצע דריי מיליאָן!). דער קלימאַט איז גוט. פאַראַן זייער פיל פרוכטבאַרער באָדן. אין דעם דאָזיקן לאַנד איז אָן שום ספק פאַראַן פּלאַץ פאַר אַ מאַסן־אימיגראַציע, אָבער זי וואָלט געמוזט גוט אָרגאַניזירט און צוגעגרייט ווערן. עס איז אויך אַ פראַגע, ווי די דאָרטיקע אַדמיניסטראַציע וואָלט זיך פאַרהאַלטן, ווען עס הויבן אָן קומען אימיגראַנטן אין מאַסן. וועגן אַ מאַסן־אימיגראַציע קיין קעניאַ

וועט קאָנען זיין די רייד נאָר דאַן, ווען אַ גרעסערע, ערנסטע יידישע אינסטיטוציע וועט נעמען די זאַך אין דער האַנט אַריין און וועט אויך דורכפירן די גענויע אויספאָרשונגען און עווענטועלע אונטערהאַנדלונגען, אויב דאָס זאָל זיין נויטיק.

צי קאָנען עטלעכע צענטליקער יידישע סוחרים אויסוואַנדערן קיין קעניאַ?

אויף דער פראַגע מוז איך ענטפערן: ניין!

דערווייל איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר צענטליקער סוחרים.

דער ייד שרייבט, אַז ער האָט אַ פאַמיליע פון 7 פערזאָן. פאַר אַזאַ פאַמיליע איז עמיגראַציע בכלל זייער אַ שווערער ענין און איז פאַרבונדן אויך מיט גאָר גרויסע הוצאות. די פאַסיקסטע עלטער פאַר אַ מענטשן צו עמיגרירן איז ביז עטלעכע און דרייסיק יאָר. מען איז נאָך יונג, מען פאַרמאָגט פיל ענערגיע, מען טראָגט לייכט אַריבער די שוועריקייטן פון דער ערשטער צייט ביים איינאָרדענען זיך און מען לעבט מיט דער האָפענונג, אַז נאָך יאָרן פון מי און מאַטערניש וועט מען זיך דערשלאָגן צו אַ פעסטער עקזיסטענץ. יינגערע מענטשן פאַסן זיך אויך גיכער צו צו דער סביבה, לערנען לייכטער אויס די שפּראַך פון לאַנד און געוווינען זיך גיכער צו צו דעם נייעם לעבנס-שטייגער.

אויב עס זענען אין אַ שטאָט פאַראַן עטלעכע פאַמיליעס מיט אַ ביסל קאַפּיטאַל, וואָס רעכענען צו עמיגרירן, וואָלט אפשר געווען צוועקמעסיק, אַז איינער זאָל אַרויספאָרן אַלס טוריסט און זיך אויפן אָרט נענטער באַקענען מיט די באַדינגונגען און די מעגלעכקייטן. אפשר קאָן מען גרינדן אַ שותפות-אונטערנעמונג, אַ פאַבריק. אויף דעם געביט וואָלט זיך דאָרט יאָ געדאַרפט לאָזן עפּעס אויפטון, ווייל כמעט אַלע סחורות ווערן אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד.

מען דאַרף דאָ אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אויך טוריסטן מוזן ביים אַריינפאָרן קיין קעניאַ איינלייגן די ערבות פון 50 פונט, וועלכע זיי באַקומען צוריק אויסגעצאָלט ביי דעם אַרויספאָר פון לאַנד.

אַ לאָדזשער ייִד האָט מיך אָנגעפרעגט אין אַ בריוו:

„איך וואָלט וועלן וויסן, ווי עס זעט אויס אין קעניאַ און אוגאַנדע דער האַנדל און די אינדוסטריע. ספּעציעל בין איך פאַראינטערעסירט אין מאַנופאַקטור, זאָקן און טריקאָטאַזש. צי אַרבעט מען אויס די אַרטיקלען אויפן אָרט אָדער מען ברענגט זיי פון אויסלאַנד? און צי איז דאָרט בכלל פאַראַן אַן אָפּזאַץ אויף אַרטיקלען פון דעם מין? צי איז דאָס לעבן דאָרט טייער און צי קאָן מען זיך דאָרט איינאָרדענען, אויב מען האָט נישט אין האַנט קיין שום מלאכה? פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל בויט מען דאָרט הייזער און צי זענען ביי בויאַרבעטן באַשעפטיקט ווייסע אָדער שוואַרצע מענטשן?"

געוויס איז דאָ אַן אָפּזאַץ אויף טריקאָטאַזש, מאַנופאַקטור, זאָקן און נאָך אַנדערע אַרטיקלען, וואָס זענען נויטיק פאַר דער הלבשה.

אין קעניאַ און אוגאַנדע איז די אינדוסטריע בכלל נאָך נישט אַנטוויקלט. ווי אין יעדער קאָלאָניע באַמיט מען זיך נישט באַזונדערס צו אַנטוויקלען די אָרטיקע אינדוסטריע און אַלע נויטיקע אַרטיקלען ווערן אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד. די בעסערע סחורות געפינען אַן אָפּזאַץ ביי די ווייסע מענטשן, די ביליקערע געפינען אָפּנעמער ביי די שוואַרצע. מען דאַרף נישט גלויבן, אַז די שוואַרצע אין קעניאַ און אוגאַנדע, כאָטש זיי זענען נאָך גאָר פּרימיטיווע מענטשן, זאָלן אַרומגיין גאַנץ נאַקעט. אויב עמעצער וועט קומען מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקן קאַפּיטאַל און צוטרעטן צו פאַבריצירן איינעם אָדער מערערע פון די נויטיקע אַרטיקלען, וועט ער זיכער האָבן דערפאָלג.

ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן בעת מיין זיין אין אוגאַנדע, איז דאָרט פאַראַן אַ באַזונדערס דאַנקבאַר פעלד פון אַרבעט פאַר דער אויסאַרבעטונג פון ביליקע קאָצן, וואָס ווערן אין ריזיקע מאָסן אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד. קאָצן זענען דאָך דער הויפּט-בגד פון די שוואַרצע אין די דערפער און אַן

אָרטיקע אונטערנעמונג וואָלט זייער לייכט געקאָנט קאָנקורירן מיט די אימפּאָרטירטע סחורות.

עס חידושט מיך אויך, וואָס ביז איצט האָבן די ביזאַ־ליסטאָקער און לאָדזשער אינדוסטריעלער, וועלכע אַרבעטן מיט דערפאָלג אויף דעם דרום־אַפריקאַנישן מאַרק, נאָך נישט גע־פּרוווט אָרגאַניזירן זייער עקספּאָרט קיין מזרח־אַפריקע. נאַטיר־לעך וואָלט מען דעם עקספּאָרט געמוזט צופּאַסן צו די אָרטיקע באַדינגונגען.

צי דאָס לעבן אין קעניאַ איז טייער?

ניין.

מען קאָן דאָרט לעבן פּונקט אַזוי ביליק ווי אין פּוילן און אפשר נאָך ביליקער. די ערד גיט ברויט און אַלע מינים גרינסן מיט אַ גרויסער שפע. פּאַר אַ צימער מיט דער פולער אויסהאַלטונג אין אַ גוטן האָטעל אין נייראָבי האָב איך באַצאָלט נישט מער ווי עס קאָסט אַ טאָג אין אַ פּענסיאָנאַט אין אָט־וואָצק. דירות זענען טייערער ווי אין פּוילן, אָבער מען וווינט דערפאַר אין שטובן ווי אין פּאַלאַצן, איינגעאָרדנט מיט באָד־צימערן און דעם פולן קאָמפאָרט.

אין דער קורצער צייט, וואָס איך האָב געוויילט אין מזרח־אַפריקע, איז פאַר מיר נישט געווען מעגלעך גענוי דורכ־צושטודירן אַלע געביטן פון לעבן און דעריבער קאָן איך נישט גענוי ענטפערן, פון וועלכע מאַטעריאַלן הייזער ווערן דאָרט געבויט. יעדנפאַלס האָב איך געזען דאָרט גרויסע און שיינע הייזער, גוטע קאָמפאָרטאַבלע ווילעס, געבויט, מער וויניקער, לויט דעם זעלבן שטייגער ווי אין אייראָפּע.

ווער עס איז באַשעפטיקט ביי די בוי־אַרבעטן? — נאָר שוואַרצע. ווייסע מענטשן אין די קאָלאָניעס טוען דערווייל נישט קיין שווערע אַרבעטן און אומעטום, ווו עס איז נישט נויטיק קיין ספּעציעלע אינטעליגענץ און וויסן, אַרבעט דער שוואַרצער, דער עיקר, ווייל זיינע באַדערפענישן זענען מינימאַלע און זיין לוין איז אַזוי קליין, אַז אַ ווייסער מענטש וואָלט מיט אים נישט געקאָנט קאָנקורירן.

צי איר קאָנט עמיגרירן אַהין, כאָטש איר האָט נישט קיין שום באַזונדער פאַך אין דער האַנט?

אויב עמעצער איז יונג, האָט גענוג ענערגיע און איז גרייט צו בלייבן נישט נאָר אין שטאָט, נאָר עווענטועל צו אַרבעטן אין אַ פאַרם, דאַן קאָן ער רויִק פאָרן. ער וועט דאָרט נישט פאַרפאַלן ווערן.

אַ לעזער, וואָס שרייבט זיך אונטער „סטודענט", שטעלט פאָר זיין שווערע לאַגע און בעט אַן עצה, וווהין ער זאָל עמיגרירן, כדי צו געפינען אַרבעט. אָט זענען שטעלן פון דעם ריר־זדיקן בריוו:

„געענדיקט האָב איך אַ גימנאַזיע אַלס סטיפּענדיסט. איך בין געווען דער בעסטער תּלמיד. באַקומען האָב איך די בעסטע מאַטורע און מיינע לערער האָבן גע־האַלטן, אַז לויט מיינע פעיִקייטן דאַרף איך אַריינטרעטן אין פּאָליטעכניקום. צום באַדויערן האָבן אָבער מיינע מאַטעריעלע מיטלען דערויף נישט דערלויבט. איך האָב זיך פאַרשריבן אויף דעם יורידישן פאַקולטעט, ווייל דאָס איז איינער פון די ווינציקע פאַקולטעטן, וווּ מען קאָן פאַרבינדן דעם שטודיום מיט אַ פאַך. דער שאַרפער אַנ־טיסעמיטיזם פון מיינע קאָלעגן האָט ביי מיר אָבער אַוועקגענומען די מעגלעכקייט צו לערנען. אַ חוץ די לימודים אויף דער אוניווערזיטעט, האָב איך אויך געמוזט אַרבעטן אויף פּרנסה. איך האָב געגעבן לעקציעס און געאַרבעט אין אַ ביוראָ. די אַלע אַרבעטן צוזאַמען האָבן מיר אָבער נישט געגעבן קיין שום אויסזיכטן אויף דער צוקונפט... פון מיינע יונגסטע יאָרן אָן האָב איך זיך צוגעוווינט, זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם שווערן גורל. אויך איצט האָב איך נישט רעזיגנירט פון דער מעגלעכקייט אויסצוקלויבן פאַר זיך אַ זיגרייכן וועג דורכן לעבן. איך האָב באַשלאָסן צו עמיגרירן. איך שרעק זיך נישט פאַר קיין שום אַרבעט. איך האָב בכלל נישט וואָס צו פאַרלירן..."

ס'איז ריכטיק. דער דאָזיקער סטודענט האָט אַבסאָלוט נישט וואָס צו פאַרלירן. דאַקעגן קאָן ער פיל געווינען, אויב עס זאָל אים געלינגען אַריינצובאַקומען זיך אין איינער פון די קאָלאָניעס, ווו די אַרבעט פון מענטשן מיט וויסן און מיט אַ ביסל פעיקייטן ווערט געשעצט און גוט געלוינט. פאַרנדיק איבער אַפריקאַנישע קאָלאָניעס האָב איך אין די אָרטיקע צייטונגען נישט איין מאָל אָנגעטראָפן אויף גאַנצע זייטן מיט קליינע מודעות וועגן פרייע פאָסטנס: מען זוכט מעכאַניקער, שלאָסער-אַרבעטער, שאָפערן, סטאָלאַרעס און אַלע מיני בעלי-מלאכות.

אויף מיין וועג האָב איך באַגעגנט אין די קאָלאָניעס פיל אַזעלכע יונגעלייט, ווי אָט דער סטודענט. זיי האָבן נישט געזען קיין תכלית אין שטודירן — האָבן זיי זיך אויסגעלערנט אַ מלאכה און זענען געקומען קיין אַפריקע. דאָ האָבן זיי זיך דערשלאָגן צו פעסטע עקזיסטענצן.

עס בלייבט די פראַגע פון ערבות. איך גלויב נישט, אַז אַ יידישער סטודענט זאָל נאָכן באַצאָלן די רייזע-הוצאות האָבן נאָך אויף איינצולייגן אַזאַ סומע.

פאַר אַ געוויסער צאָל יידישע עמיגראַנטן פון פוילן וואָלט מען געקאָנט, ווי איך גלויב, באַקומען אַ מעגלעכקייט צו קומען קיין קעניאַ, נישט דאַרפנדיק געבן קיין קויציע (ווי דאָס איז געוועזן דער פאַל בנוגע פיל יידישע אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד), אויב אַן אָנגעזעענע יידישע אינסטיטוציע אין פוילן זאָל נעמען די זאַך אין איר האַנט.

אַן אַרצט פון קראָקע פרעגט:

„ווי זעען אויס אין אַפריקע די אַרבעטס-מעגלעכקייטן פאַר אַ דאָקטאָר? צי געניסן אונזערע דאָקטוירים (אויב אַזעלכע זענען דאָרט פאַראַן) פון אַ גוטן שם?"

איך וועל אָנקניפּן צו דער לעצטער פראַגע. יאָ, פאַראַן יידישע דאָקטוירים פון פוילן כמעט אין אַלע לענדער פון אַפריקע. זיי אַרבעטן אין די פאַרשידענע אַפריקאַנער קאָלאָניעס מיט אמתער מסירות נפש און עס טרעפט זיך אַמאָל, אַז

His Majesty's Eastern African Dependencies

EM.

COMMISSIONER FOR
KENYA.
NORTHERN RHODESIA.
NYASALAND. TANGANYIKA.
UGANDA. ZANZIBAR.

TELEPHONE WHITEHALL 5701/2/3
CABLES EAMATTERS, LONDON
TELEGRAMS EAMATTERS, RAND, LONDON

TRADE & INFORMATION OFFICE

Grand Buildings.
Trafalgar Square.
(ENTRANCE IN THE STRAND)
London, W.C.2.

ALSO OFFICES OF:
KENYA AGENT.
LONDON REPRESENTATIVE
KENYA & UGANDA RAILWAYS
AND HARBOUR

ANY COMMUNICATION RESPECTING THIS LETTER SHOULD BE ADDRESSED TO THE DEPT CONCERNED AND NOT TO INDIVIDUALS BY NAME.

9157/37

5th November 1937.

Dear Sir,

I acknowledge the receipt of your letter of the 27th October, and note that you are writing a book about your recent visit to East Africa, and as requested, I am enclosing a few photographs with which you may care to illustrate it.

With regard to your specific questions :-

(a) There are no restrictions against the entry of those of non-British nationality into Kenya provided they are in possession of a valid Passport (with appropriate visa), and comply with the Immigration Regulations, a copy of which I attach. You will notice that the sum of £50 must be deposited with the Immigration Authorities on arrival.

With regard to your second and third questions, there are good prospects for those proceeding to Kenya to farm there, provided they are in possession of the necessary amount of capital in order to buy land and start farming on their own. The minimum amount considered essential for this is £2,500 to £3,000. Otherwise the employment situation in Kenya is not at all good, and it would be most inadvisable for anyone to go out there in the hope of obtaining agricultural employment.

Yours faithfully,

C. F. Kemp(?)

Kenya Agent.

Mr. Sz. Gottlieb,
Leszno 66 m. 12,
Warszawa,
POLAND.

דער בריוו פון קעניא־פֿאָרשטייער אין לאָנדאָן

זיי זענען אויסגעשטעלט אויך אויף סכנות. אומעטום געניסן די דאָזיקע דאָקטוירים פון דעם אַלגעמײַנעם צוטרוי פון די איינ־ווױנער.

אַ דאָקטאָר, וואָס פּאַסט אין אַ קאָלאָניע, מוז זיך קודם־כּל רעכענען מיט דער אַרבעט אויף די געביטן, ווו עס הערשט מאַלאַריע, אָדער אַנדערע טראָפּיקאַלישע קראַנקהייטן.

אין אַפריקע זענען נויטיק דאָקטוירים. אָבער פאַרשטייט זיך, אַז מען מוז פריער זיך אינפאָרמירן, ווו עס איז דאָ אַ פרייע שטעלע. אויב אַן ארצט וויל פאָרן קיין אַפריקע אַר־בעטן אין זיין פּראָפעסיע, מוז ער זיין דעצידירט צו וווינען, אויב עס וועט זיין נויטיק, אויך ווייט פון אַ ציוויליזירטן ישוב.

עס וואָלט אפשר גלייך געווען אין אַזאַ פאַל צו ווענדן זיך מיט אַן אָנפראַגע צו דעם ספעציעלן אַמט פאַר די ענגלי־שע קאָלאָניעס אין מזרח־אַפריקע.

דער אַדרעס איז:

His Majesty's Eastern African Dependencies
Trafalgar Square
London W. C. 2.

בריוו פון קאָלאָניאַל־אַמט און די אָפיציעלע אימיגראַציע־תּקנות

כּדי צו קאָנען געבן פאַר די פאַראינטערעסירטע פּער־זאָנען גענויע אויפקלערונגען וועגן די אימיגראַציע־מעגלעכקייטן קיין בריטיש־מזרח־אַפריקע, האָב איך זיך געווענדעט צו דעם קאָלאָניאַלן אַמט אין לאָנדאָן (אָפטיילונג פאַר מזרח־אַפריקע) מיט אַן אָנפראַגע:

„1) וועלכע פאָרמאַליטעטן זענען פאַרבונדן מיט דער עמיגראַציע קיין קעניאַ?

„2) צי זענען פאַראַן אין קעניאַ מעגלעכקייטן פאַר מענטשן, וואָס ווילן אַרבעטן אַלס לאַנדווירטן?

„3) צי וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט צו קאָלאָניזירן אַ גרעסערע צאָל יידן, וואָס האָבן די נויטיקע לאַנדווירטשאַפט־לעכע צוגרייטונג?"

אַלס ענטפער דערויף האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו, וועלכן איך גיב דאָ איבער אין דער יידישער איבערזעצונג:

„לאָנדאָן, 5 נאָוועמבער 1937.

„געערטער הער,

„איך באַשטעטיק, אַז איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו פון 27־טן אָקטאָבער און איך נעם צו קענטעניש, אַז איר שרייבט אַ בוך וועגן אייער נייסטן וויזיט אין מזרח־אַפריקע. לויט אייער פאַרלאַנג, שיק איך אייך צו עטלעכע פאָטאָגראַ־פיעס, וועלכע איר קענט אויסנוצן, כּדי צו אילוסטרירן אייער בוך.

„און איצט וואָס שייך אייערע באַזונדערע פראַגן:

„עס זענען נישטאָ קיין באַגרענצונגען ביים אַריינקומען פון נישט־בריטישע בירגער קיין קעניאַ, אויב זיי האָבן אַ גיל־

טיקן פּאַס (מיט דער נויטיקער וויזע) און זיי זענען אין הסכּם מיט די אימיגראַציע־תּקנות (אַ קאָפּיע פון די תּקנות ליג איך צו). נעמט צו קענטעניש, אַז אַ סומע פון 50 פונט מוז איינגעלייגט ווערן ביי דער אימיגראַציע־מאַכט ביים אָנקומען.

„וואָס שייך אייער צווייטער און דריטער פראַגע זענען פאַראַן גוטע אויסזיכטן פאַר מענטשן, וואָס גייען קיין קעניאַ, כּדי צו פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט, פאַרויסגעזען, אַז זיי פאַרמאָגן דעם נויטיקן קאַפּיטאַל, כּדי איינצוקויפן באָדן און אָנהויבן אַרבעטן אַלס זעלבשטענדיקע פאַרמער. דער מינימום־סכום, וואָס איז נויטיק פאַר דעם צוועק, איז 2.500 ביז 3.000 פונט. אין קעגנפאַל איז די אַרבעטס־סיטואַציע אין קעניאַ נישט קיין גוטע און עס וואָלט געווען נישט צוועקמעסיק, אַז עמעצער זאָל עמיגרירן קיין קעניאַ אין דער האָפענונג, אַז ער וועט דאָ געפינען אַרבעט אויפן לאַנדווירטשאַפטלעכן געביט.

„אייער אויפריכטיק איבערגעגעבענער

קאָל. ס. פּ. נעגס.

קעניאַ־פאָרשטייער.“

פון דעם דאָזיקן בריוו ווערט קלאָר:

1) ביי היינטיקן טאָג זענען נישטאָ קיין שום ספּעציעלע באַגרענצונגען פון דער אימיגראַציע קיין קעניאַ, און ביים אַריינקומען אין לאַנד איז נויטיק נאָר איינצולייגן די קויציע פון 50 פונט.

2) פאַראַן מעגלעכקייטן צו קויפן באָדן און איינאָרדענען פאַרמעס, ווו אָנגעקומענע אימיגראַנטן וואָלטן געקאָנט אַרבעטן אַלס זעלבשטענדיקע פאַרמער. דאָ קאָן מען דערוואַרטן, וואָס עס איז קלאָר פון בריוו, אויך גוטע הכנסות. פון איין פאַרמע, ווי עס פאַרשטייט זי אַן ענגלענדער, וואָלט געקאָנט ציען חיונה אַ גרעסערע צאָל פאַמיליעס. דאַקעגן איז אין קעניאַ נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר מענטשן, וואָס קומען מיט דער איינציקער האָפענונג צו זוכן פּרנסה אַלס לאַנד־אַרבעטער.

דאָ ווייטער גיב איך איבער דעם פולן ענגלישן טעקסט פון די אימיגראַציע־תּקנות, וואָס זענען צוגעלייגט געוואָרן צו

דעם בריוו פון קעניא־פאָרשטייער אין לאָנדאָנער קאָלאָ־
ניאַלן אַמט.

Immigration Regulations.
Eastern Africa.

Stringent regulations are in force restricting immigration, and immigration is absolutely prohibited if the immigration Authorities are not satisfied that the intending immigrant is: —

1. In possession of a valid passport, duly vised.
2. Neither an idiot nor insane.
3. Not suffering from any loathsome or dangerous contagious disease.
4. Not a person who, not having received a free pardon has been convicted of murder or any offence other than an offence of a political character not involving moral turpidude, for which a sentence of imprisonment has been passed for any term, and who by reason of the circumstances connected therewith is deemed to be an undesirable immigrant.
5. Not a prostitute nor a person living on or receiving, nor who has lived on or received any part of the proceeds of the prostition of otners.
6. Not a person deemed by the Immigration officer from information received from a reliable source to be an undesired immigrant.

etc., etc., etc.

The immigration laws of the respective colonies are as follows:

Kenya Colony:

Laws of Kenya — Chapter 62. If an intending immigrant cannot satisfy the Immigration Officer that he is going to definite employment or has no guarantee in the country he may

be called upon to deposit the sum of Ł 50 (European) or Ł 10 (Asiatic).

Uganda:

Laws of Uganda — Chapter 114 (with Amendment No. 12 of 1925).
Intending Immigrants may be called upon to deposit the sum of:- Europeans Ł 60. Asiatic or African Ł 15. (Legal Notice S4/1934).

Tanganyika Territory:

Ordinance No. 16 of 1924 and Amending Ordinance 1932. Intending immigrants may be called upon to deposit the sum of: —
European and Non-Native Ł 100.
Native Ł 10.

Nyasaland:

Ordinance No. 17 of 1922 (with Amendment No. 5 of 1925). Intending immigrants may be called upon to deposit the sum of: —
European Ł 100
Asiatic or African Ł 5.

Zanzibar:

Decree No. 8 of 1923 — (with Amendment No. 6 of 1924 and No. 11 of 1925). Intending immigrants may be called upon to deposit the sum of:—Asiatic or African Rs. 100, Any other person Rs. 500.

H. M. Eastern African Dependencies
Trade and Information Office,
Grand Buildings,
Trafalgar Square,
London, W. C. 2.

אין יידיש:

אימיגראַציע־תקנות.

מזרח־אפריקע

די פונקטן פון 1 ביז 6 זענען נוגע פערזאָנען, פאַר וועל־כע די אימיגראַציע קיין ענגליש־מזרח־אַפריקע איז פאַרבאָטן:

פערזאָנען, וואָס האָבן נישט קיין גילטיקן פאַס מיט אַ וויזע, גייסטיק־קראַנקע, מענטשן, וואָס ליידן פון אַן אָנשטעקנ־דיקער קראַנקהייט, אָדער אַ קראַנקהייט, וואָס דערוועקט אַן עקל, קרימינעלע פאַרברעכער, זונות אָדער מענטשן, וואָס ציִען אַ נוצן פון זנות. דער אימיגראַציע־אָפיציר האָט אויך אַ רעכט נישט אַריינצולאָזן אין לאַנד אַ פערזאָן, וואָס קאָן אויפן יסוד פון דערהאַלטענע ידיעות באַטראַכט ווערן אַלס נישט־געווונ־טשענער אימיגראַנט.

די אימיגראַציע־תקנות פאַר די באַטרעפנדיקע קאָלאָניעס זענען פאָלגנדיקע:

קעניאַ:

אויב אַ פערזאָן, וואָס וויל אַריינקומען אין לאַנד, קאָן נישט באַווייזן פאַר דעם אימיגראַציע־אָפיציר, אַז זי קומט צו אַ באַשטימטער אַרבעט אָדער זי האָט עמיצן אין לאַנד, וואָס זאָל פאַר איר גאַראַנטירן — קאָן זי אויפגעפאָדערט ווערן צו געבן אַ קויציע פון 50 פונט (ביי אייראָפּעער) אָדער 10 פונט (אַזיער).

אוגאַנדע:

די קויציע באַטרעפט:

פאַר אייראָפּעער — 60 פונט;

פאַר אַזיער אָדער אַפריקאַנער — 15 פונט.

ט אַ נ ג אַ נ י ק אַ:

די קויציע באַטרעפט:
פאַר אייראָפּעער און אַלע, וואָס זענען נישט קיין איינ־געבוירענע — 100 פונט.
פאַר איינגעבוירענע — 10 פונט.

נ י אַ ס אַ ל ע נ ד:

די קוציע באַטרעפט:
פאַר אייראָפּעער — 100 פונט;
פאַר אַזיער אָדער אַפריקאַנער — 5 פונט.

ז אַ נ ז י ב אַ ר:

די קויציע באַטרעפט:
פאַר אַזיער אָדער אַפריקאַנער — 100 רופּיעס;
פאַר אַנדערע פּערזאָנען — 500 רופּיעס.
13) און אַ האַלב רופּיעס זענען 1 פונט).

MAIN JUL 21 [illegible]

DEPOSIT COLLECTION



מאַפּע פון אַפריקע.



אַטלאַנטישער אָקעאַן
ראַטן-פּערבאַנד
פּוילן
טערקיי
פּערסיען
איראַק
סיריע
אַראַביען
עגיפּטען
ליביען (איטאַל.)
טוניס (פראַנצ.)
אַלזשיר (פראַנצ.)
מאַראָקאָ (פראַנצ.)
שפּאַניען
פראַנקרייך
איטאַליען
פראַנצ. מערב-אַפריקאַ
ענגל.-עגיפּט. סודאַן
ניגעריאַ (ענגל.)
קאַמערון פראַנצ.
(פראַנצ.)
קאָנגאָ (פראַנצ.)
בעלג. קאָנגאָ
אַביסיניע
קעניאַ (ענגל.)
טאַנגאַניקאַ ענגל.
אַנגאָלאַ (פּאָרטוג.)
דרום-מערב אַפריקאַ ענגל.
דרום-אַפריקאַ (ענגל.)
מאַדאַגאַסקאַר (פראַנצ.)
בעדייטונג
דייטשע קאָלאָניעס ביז 1919
ענגלישע טעריט.
פראַנצויזישע "
איטאַליענישע "
בעלגישע "
פּאָרטוגאַלישע "
ד-ג.

קאָלאָניעס.

אינהאלט:

זייט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — 3

תל-אביב—מאָמבאַסאַ:

דורך דעם מדבר סיני — — — — — — — — 5
פסח אין מצרים — — — — — — — — 11
12 שעה אויפן ים-סוף — — — — — — — 18
פאָרט-סודאַן — — — — — — — — — 24
ז'ער טויטער ברעג — — — — — — — 31
אַסמאַראַ — — — — — — — — — — 38
ווייסע יידן אין די שוואַרצע לענדער — — — 44
שוואַרצע טענץ און ווייסער טריומף-מאַרש — — 49
דזשיבוטי — — — — — — — — — 54
„די פלשתים שלאָגן אונז"...— — — — — 57
אַדען — — — — — — — — — — 61
אין תימנער געפאַנגענשאַפט — — — — — 67
אויף דעם אינדישן אָקעאַן — — — — — — 75
מאָגאַדישו — — — — — — — — — 80
אַריבער דעם עקוואַטאָר — — — — — — 87

קעניאַ און אוגאַנדע:

אין שאָטן פון באַבו — — — — — — — 93
מיט דער באַן צו דער דזשונגל — — — — — 96
נייראָבי — — — — — — — — — — 100
צווישן פוילישע יידן — — — — — — — 103
יידן אויף די גרויסע וועלט-שליאַכן — — — — 108
„מיר האָבן נישט פאַרגעסן די אַלטע היים!" — — 114
צווישן שוואַרצע — — — — — — — — 117
אין קאַבינעט פון „אַפריקאַנער קאָווע-קעניג" — — 125
צו זאַנזיבאַר — — — — — — — — — 130

קאָלאָניעס און עמיגראַציע:

	זייט
נאָכאַמאָל: „אוגאַנדע"	137
די פראַגע פון קאָלאָניעס	143
צו דער געשיכטע פון אוגאַנדע	148
קלימאַט און געזונטהייט-צושטאַנד	152
דער ווייסער מענטש אין אַפריקע	157
פרויען, קינדער, שולן	160
נאַטירלעכע אוצרות	162
לאַנדווירטשאַפט און פי-צוכט	164
וועגן די עמיגראַציע-מעגלעכקייטן קיין מזרח-אַפריקע	169
בריוו פון קאָלאָניאַל-אַמט און די אָפיציעלע אימי-גראַציע-תקנות	178

MAIN

HUMBOLDT
DEC 5

DEC 7 '25 374788
232283
FEB 17
APR 21
LEGLER
MAY 4 315645
MAY 25
BROADWAY
MAY 27 331336
LEGLER
FEB 7
MAY 22 686834
OCT 22 107937
DEC 6 2603
MAY 19 DOUGLAS

CHICAGO PUBLIC LIBRARY

DEPOSIT COLLECTION

Book No. Yid 916.7

Copy No. G7t

Keep your card in this pocket.

cop. 1

Loss of Card does not release you from liability for books taken out on it.

Extracts From City Ordinance

SEC. 1162. Any person who shall willfully or maliciously cut, write upon, injure, deface, tear or destroy any Book, Newspaper, Plate, Picture, Engraving, or other thing of value belonging to the Chicago Public Library, or any of its branches, shall be fined not less than $5.00, nor more than $50.00 for every such offense.